STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05685

# VEN KAYTEN KLINGEN

Moissaye J. Olgin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אינהאַלט:

## I.

### פאַרטאָג.


| | | |
|---|---|---|
| 1 | געלעבט-געקעמפפט | 5—15 |
| 2 | דער לעצטער קרבן | 16—32 |


## II.

### אין פייער און פלאַם.


| | | |
|---|---|---|
| 3 | די לעצטע קויל | 35—37 |
| 4 | אין דער נאַכט | 38—41 |
| 5 | אין וואַגאָן | 42—47 |
| 6 | געוועזן אַמאָל | 48—55 |
| 7 | אַהין | 56—59 |
| 8 | גאַנץ פריה | 60—68 |
| 9 | ווען די קייטען קלונגען | 69—76 |
| 10 | דריי מאָל | 77—88 |
| 11 | שטאַרק ווי דער טויט | 89—93 |
| 12 | ביים וויעג | 94—102 |

13 די מוטער . . . . . . . . . . . . . . 103—123

14 דער בלייכער שטראַהל . . . . . . . . . 124—133

15 אים פריהלינג . . . . . . . . . . . . 134—138

16 געזעגענט . . . . . . . . . . . . . . 139—142

17 רבקה . . . . . . . . . . . . . . . . 143—161


## III.

## אונטער שווערע וואָלקען.


18 אויפ'ן בית-עולם . . . . . . . . . . . . 165—166

19 צום ראַנד . . . . . . . . . . . . . . 167—189

20 מיין יאָהרצייט . . . . . . . . . . . . 190—195

## געלעבט־געקעמפפט.

(שטריכען).

שטילער זומער־נאכט. ווי א טונקעל־בלויער סאמעט ליעגט דער טיפער הימעל. זילבערנע שטראהלען גיסען זיך דער בלייכער לבנה. עס שלאפט די ערד. ס'איז רוהיג אין די גאסען. נאר די בוימער אין גארטען סוד'ען זיך שטיל מיט דעם פייכטען גראז, און דאס קליינע טייכעל דערצעהלט מיט זיין ווייך קול עפעס אזא לאנגע און טרויעריגע געשיכטע. צי קלאגט עס זיך, וואס ס'איז נאך אזוי ווייט צום ברייטען ים, צי דערמאנט עס מיט א שוידער די קאלטע ווינטער־נעכט?

עס שלאפט די ערד. א זיסע מרה־שחורה האט אויסגעשפרייט איהרע פליגעל, די וועלט ליעגט ווי פער'כשופ'ט; חלומות—זילבערנע שטראהלען — שוועבען אר'ום אין דער לופט; די שטערען — הייסע, קלארע טרערען—קוקען מיט אזא רחמנות; שווארצע שאטענס, טיעפע, ווי דער תהום, קריכען פון אלע עקען.

עס שלאפט די טורמע. די פייכטע דעכער גלאנצען, ווי פא־דייטע שטאהל. שווארצע פענסטער קוקען מיט א פחד אויף דעם ברייטען הויף. די ווייסע וואנט — זי ליעגט זיך פעסט און ווארפט א שארפען שאטען. רוהיג—א שטילער בית־עולם; די שווארצע פיגור פונ'ם וועכטער ריהרט זיך נישט; עס שימערט דער שפיץ פון זיין ביקס.

אלע שלאפען. עס שלאפט נישט חיים דער שווארצער. ער זיצט אויף זיין פענסטערל. די קיהלע לופט גלעט איהם זיין פלאמענ־

דען פּנים. ער קוקט מיט גרויסע טונקעלע אויגען דורך די גראַטעס אין דער שטילער נאַכט אַריין; די טרויעריגע נאַכט־קולות קלינגען אין זיינע אויערן, ווי אַ וואונדערליך ליעד.

דער זייגער האַט 12 געשלאַגען. חיים זיצט אָהן בעוועגונג, צי שלאָפט ער? זילבערנע שטראַהלען — חלומות — שוועבען אין זיין ברענענדען מוח. געשטאַלטען געהען פאַרביי זיינע אויגען. בילדער שוועבען מיט גרוים מהירות.

ווינטער. אַ קליינינקע שטיבעלע אויפ'ן עק שטעדטעל; שניי־תכריכים אויף דער גאַנצער ערד; קאַלט און פינסטער. דאַרע דער־נער שאָקלען זיך און קלאַפּען מיט די טויטע צווייגען אין דעם בלינ־דען פענסטער. דער ווינט — ער וויינט, און קרעכצט, און יאָמערט, און דרעהט מיט כעס די שווערע וואָלקענס שניי.

קאַלט איז אין שטוב. קוים עס צאַנקט דאָס קליינע לעמפּעלע, שאַטענס ליעגען אין די ווינקעלעך, שאָטענס קריכען אויף די בלאַסע פּנים'לעך פון די שלאָפענדיגע קינדער. די מאַמע זיצט און וויגט דאָס וויגעלע; אויפ'ן מאַטען פּנים אַ טיעפע זאָרג; פון די קנייטשען אויף די בלייכע באַקען קוקט אַ האַרצעדיגע ווייכקייט און אַ שטילער אומעט. האַלב פערמאַכט די מיעדע אויגען, איבערן אַלטען ספר, זיצט פערטיעפט דער קליינער חיים; שוואַרצע גרויסע האַלב־פערטראַכטע, האַלב פערחלום'טע אויגען; אַ שטערן — וויים ווי זילבער. דינע בלאַס־ווייסע פינגער בלעטערן שנעל דעם גראָבען ספר, אויפ'ן פּנים שוועבען די געדאַנקען, אין די אויגען ליעגט אַ טיעפע שאלה:

— מאַמע! גאָט פערמאָגט פיעל גאָלד און זילבער. וואָס'זשע גיט ער נישט דעם טאַטען חאָטש אַ טייל פון זיינע אוצרות?

— נישט אויף דער וועלט, קינד מיינס, איז דער עיקר לעבען.

— און די גבירים, און די פּריצים?

— זיי בעקומען זייער שכר אויף דער וועלט; זיי פערלירען דורך דעם וואוילטאָג אַ טייל פון זייער עולם הבא.

— הייסט עס, גאָט האָט בעסער ליעב די אָרימע לייט?

— יאָ, מיין קינד.

— פאַר וואָס־זשע, מאַמע, לאָזט ער זיי אַזוי פיעל ליידען? פאַר וואָס האָט ער בעשטראָפט דעם טאַטען מיט שווערער אַרבייט?

— וועמען גאָט האָט ליעב, דעם שטראָפט ער, ווי אַ טאַטע שטראָפט זיין זוהן; אַזוי שטעהט אין די הייליגע ספרים.

— פאַר וואָס־זשע קומט די שטראָף? האָט דער טאַטע דען אַזוי פיעל זינד?

— שאַ מיין קינד, מען טאָר נישט פרעגען, מען טאָר נישט חקירה'ן. גאָט'ס מעשים זיינען געדעכט און נישט מיט אונזער שוואַכען שכל קאָנען מיר זיי משיג זיין.

ווייטער אַ טיעפע שטילקייט. ס'רוישט דער ווינט. ס'צאַנקט דאָס קליינע לעמפיל. ס'געהט אַ טיעפע שווערע אַרבייט אין דעם יונגען מוח; רייך און אָרעם, שכר און עונש, צדיקים און רשעים, די וועלט און יענע וועלט—געדאַנקען וויגען זיך, פאַר די אויגען שוועבען בילדער. ס'קרעכצט אין שלאָף דאָס קראַנקע שוועסטערל. ווי אַ פידעל, פון אַ זאַנפטען ווינט בעריהרט—קלינגט אַ זיפץ.

---

— ביזט שוין זעכצעהן יאָהר אַלט, חיים, האָסט געלעזען פיעלע ביכער, נאָר אין אַלע דיינע ביכער איז נישטאָ דער גאַנצער אמת. ווילסט דו רעכט די וועלט פערשטעהן, מוזט דו לעזען רעכטע ביכער.

— ווי בעקומט מען זיי, אברהם?

— זיי זיינען גרויס און הייליג, נישט פאַר שוואַכע. ווער עס פיהלט קיין קראַפט נישט אין זיין נשמה, ווער עס האָט קיין מוט נישט,—דער געפינט אין זיי נישט קיין ברכה; ווער ס'איז שטאַרק, ווער ס'איז גרייט זיין לעבען מקריב צו זיין פאַר זיינע ברידער,—דעם ווייזען זיי דעם גלייכען וועג.

— ווי בעקומט מען דיעזע ביכער?

— ווער עס האָט אַ האַרץ צו פיהלען און אַ קאָפּ צו דענקען, דער בעקומט פון דיעזע ביכער נישט נאָר פריידען, נישט נאָר טרייסט; שווערע טעג און מיה און ליידען — אַלץ ברייגגען דיעזע ביכער מיט זייער צויבערליכער קראַפט.

— ווי בעקומט מען דיעזע ביכער?

— האָסט דו מוט? ווילסט דו זיין אַ מענש און לעבען, ווי אַ מענש? האָסט דו שטאַרקייט צו געהן אָהן פחד אַהין, וואוהין עס וועט דיך פיהרען דער העלער פייער־פלאַם? וועסט דו נישט פערמאַכען דיינע אויגען פאַר דעם העלען ליכט?

— גיב מיר זיי, מיין טייערער פריינד.

און פון ווערקשטאַט, מיט אַ שמחה אין די גרויסע, שוואַרצע אויגען, לויפט דער אַרבייטער, דער יונגער, דורך די גרויסע, ברייטע נאַסען. ס'רוישט אין שטאָדט און קלינגט. מענשען אײַלען, לויפען, פאָהרען, אַלץ וויגט זיך, אַלץ קאָכט.

און ער זיצט שוין אין זיין וואוינונג, אין דער קעלער־שטוב אין ווינקעל. און עס ציטערן די פינגער, און עס קלאַפּט דאָס האַרץ און די אויגען פליהען שנעל אין דעם בוך—דעם בוך פון אמת.

שעה'ען פליהען. אַלץ שלאָפט שוין, חיים שלאָפט נישט. אַ קוואַל פון נייעם לעבען האָט זיך פאַר איהם געעפענט. ס'איז פערשוואונדען פאַר זיינע אויגען דער שוואַרצער פאָרהאַנג—אַ העלע שיין האָט בעלויכטען אַלץ אַרום, וויים און בריים; די פערוואונדערטע אויגען האָבען דערזעהען אַ גרויסען וועג. ער איז לאַנג און שווער; מענשען געהען, שטרעבען אַלץ וויימער, וויימער צום לאַנד פון גליק. מענשען קעמפּפען איינער געגען דעם צווייטען—אַ חיל געגען אַ חיל; מענשען ליידען, שטרויכלען זיך, פאַלען אויפ'ן וועג; נייע מחנות טרעטען אַרויס מיט נייער גבורה, נייע כחות קומען צו מיט נייע געוועהר. ס'הערט נישט אויף דער גרויסער קריעג; ס'בייטען זיך די דורות, ס'פליהען די יאָהר־הונדערטער—דער קאַמפּף ווערט שטאַרקער, שאַרפער, ברייטער...

אַ נייער חיל טרעט אַרויס. די אויגען לייכטען מיט בעגייסטערונג. אין האַרצען פעסטער מוט; דער ווילען—שטאַרק ווי שטאָהל; ערפילט מיט האַס, מיט הייליגען צאָרן, געהט ער געגען זיינע פיינד. ער האַלט מלחמה מיט יעדער פיין, מיט יעדער מאַכט, וואָס דריקט און רויבט און מאַכט דאָס לעבען פאַר אַ לאַנגע קייט פון עלענד און פון יאָמער. ער געהט! עס קלינגט די ערד פון זיינע טריט, עס ברענט פאַר איהם דער פייער־זייל פון האָפנונג. עס גלאַנצט אין זיינע הענד די שאַרפע שווערד. ער געהט אַלץ ווייטער אויף זיין וועג, צום ליכט, צום גליק...

און חיים לייענט. שטיל איז אין שטוב, אַלץ איז רוהיג. ער זיצט און טראַכט; עס פליהט די צייט; נייע וואונדערליכע געפיהלען וואַקסען אין זיין האַרצען.

די נאַכט איז אַוועק. ס'געהט אויף די זון. דער הימעל האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ רויטען פלאַם. אַ ראָזע שיין האָט אָנגעפילט חיים'ס פינסטערן צימער. ער שטעהט אויף פון אָרט. ער שטרעקט

אוים זיין האַנד צו דער ליכטיגער זון, און וואונדערליך קלינגט זיין יונגע שטים: „איך געה מיט אייך, מוטיגע ברידער"!

---

ווי די וואָלקען אויפ'ן בלויען הימעל, פערשווינדען די יאָהרען,
ווי די וואָלקען — אָפטמאָל שוואַרצע, שווערע, פול מיט שרעקען.
אָפט בעשפריצט מיט גאָלדענע שטראַהלען.

ס'איז אַ העלער פריהלינגס-מאָרגען. אַ ים פון ליכטיגקייט גיסט זיך אויף דער וועלט. די שאָטענס הערשען אין דעם אַלטען וואַלד. די אַלטע, שווערע צווייגען, די קיהלע לופט, די פייכטע ערד זיינען פול מיט לעבען. יונגע בלימעלעך קוקען פערוואונדערט אויף דער ליכטיגער וועלט. גרינע בלעטער ציהען זיך איינס צום צווייטען, און פלאַטערן און שושקען זיך שטיל. עס קלינגט דאָס געזאַנג פון פייגעלעך, עס רוישען די ביהנען, און אַלטע בוימער שאָקלען מיט זייערע קעפּ און מורמלען שטיל.

צווישען די בוימער האָבען זיך פערזאַמעלט פיעלע מענשען, יונגע מענשען פול מיט לעבען. אויף די פּנים'ער אַ פרייד, אַ יום-טוב'דיגע שיין. די אויגען בליצען, די בעוועגונגען זיכער. ס'איז שטיל. ווייסע זון-שטראַהלען פער'גנב'נען זיך דורך די געדיכטע בלעטער און וואַרפען אַ קוק. דאָ בעלייכטען זיי אַ שטאָלצע פיגור פון אַ קרעפטיגען מאַן, דאָרט גלאַנצען זיי אויף דעם קאָפּ פון אַ בלאָנדער פרוי, דאָרט בעשיינען זיי אַ בלייכען, אויסגעמאַטערטען פּנים. אַלע שווייגען.

אויף אַנ'אומגעוואָרפענעם בוים שטעהט חיים. דער בלאַסער פּנים — ווי אויסגעטאָקט פון שטיין. די אויגען שיטען פונקען; ער רעדט. מעכטיג קלינגט די שטים.

... „נישט מיט הכנעה, מיט בעטען, מיט קניען, נישט מיט שטילשווייגען, מיט פאַלשע חלומות, וועלען מיר זיך פון די קייטען בעפרייען. גענוג שוין צו האַלטען די אויגען פערשלאָסען, גענוג שוין צו ליידען פון שענדליכער קנעכטשאַפט, שוין צייט צו דערפיהלען די א י י ג ע נ ע מאַכט. גענוג שוין! אַ קעגען דער מאַכט פון די רויבער, פעראייניגט און מונטער, מיט אייזערנעם ווילען, הויבען זיך אויף אַלע פערשקלאַפטע; עס וואַקסט און עס שטאַרקט זיך דאָס

אַרבייטער־חיל, עס שליסען זיך פעסטער און פעסטער די רייהען, עס ציטערט די אַלטע, פערבלוטיגטע, פינסטערע וועלט...

„די זון פון דער פרייהייט, פון אמת'ער גלייכהייט, פון מענשליכער גרויסקייט, פון ליעבע און עהרע—די זון געהט שוין אויף. זי בעלייכט אונז דעם וועג"...

די שטים קלינגט וואונדערליך איבער הונדערטער קעפּ. אַ הייליגער שווידער פון טיעפער בעגייסטערונג געהט איבער דער פערזאַמלונג.

דער אַלטער וואַלד שאָקעלט לאַנגזאַם זיין גרינעם קאָפּ און ברומט אַזוי דומפּף. די שוועלבעלעך פלאַטערן אין דער רייִנער מאָרגען־לופט. דאָס ווינטעלע ברענגט אין זיינע פליגעל אַ זיסען ריח.

די רעדע איז געענדיגט. אין דער מאַסע — אַ בעוועגונג. עס רוישען שטימען, עס געהט אַ בעגייסטערטער געשפּרעך.

פון דעם גערויש און גערודער הויבט זיך ביסלעכוויז אַרויס אַ מונטער ליעד. עס ווערט ברייטער און שטאַרקער און גיסט זיך, ווי אַ ליכטיגער שטראָם אין דער דופטיגער לופט:

„ברידער און שוועסטער, פון אַרבייט און נויט,
„אַלע, וואָס זענען צוזייהט און צושפּרייט:
„צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָהנע איז גרייט,
„זי פלאַקערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!"

ווייטער מיט עטליכע טריט, אין דעם שאָטען פון געדיכטע צווייגען, האָט זיך בעוויזען און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען אַ שוואַרצע געשטאַלט. אַ העסליכער שמייכעל האָט אויף אַ רגע פערקרימט די דינע ליפּען.

קיינער האָט נישט בעמערקט דעם שפּיאָן...

---

שפּעט ביינאַכט. חיים זיצט אין זיין קליינעם צימערל, דורך דעם אָפענעם פענסטער בלאָזט אַ קיהלער ווינט און וויעגט דעם פלאַם פון לעמפּעל. פון גאַס הערט זיך אַ גערויש פון אַ פערשפּעטיגטער פוהר. חיים איז פערטיעפט אין געדאַנקען. פאַר איהם ליגען צוויי געעפענטע בריעף. גרויסאַרטיגע ידיעות: עס האָבען זיך אויפגעהויבען גרויסע כוואַליעס פון אַ פאָלקס־בעוועגונג. אין לאַנד איז אַ שטורם; אין באַקו האָבען פערציג טויזענד אַרבייטער אַרויסגעטראָגען אויפ'ן

נאָס זייער זודיגען צאָרן . אין אָדעם קומען פּאָר אונגעהויערע מאַסען פערזאַמלונגען אין די גאַסען . מוטיגע רעדנער צינדען אָן מיט פייער די פערביטערטע הערצער . דער גאַנצער דרום שטעהט אין בראַנד . פערמאַכט אַלע פאַבריקען . ס׳שטעהען די שיפען , געשלאָסען די ווערקשטאַטען . דער ריעז האָט אַ טרייסעל געטאָן זיינע מעכטיגע גליעדער . די כוואַליעס הויבען זיך אַלץ העכער און העכער . . .

— די כוואַליעס וועלן פערגיסען אויך אונזער שטאָדט ! — זאָגט חיים , און אַ גליקליכער שמייכעל בעלייכט זיין פּנים . נאָר באַלד ווערט ער ווידער ערנסט . אין קאָפּ הויבט זיך אָן אויסמאָלען אַ ברייטער פּלאַן . די מאַסען-בעוועגונג דאַרף זיין אָרגאַניזירט ; די אַלגעמיינע אונצופרידענהייט ,—בעלויכטען מיט׳ן שיין פון בעוואוסטזיין , די פאָדערונג — אויסגעדריקט שאַרף . אַ פלוך צו די פיינד — דאָס דאַרף קלינגען אומעטום ; רעדנער דאַרפען זיין גרייט אין אַלע טיילען פון שטאָדט .

יעדע מינוט איז טייער .

חיים נעהמט זיך צו דער פעדער , ער שרייבט איין אויפרוף , צו די אַרבייטער , צו דער גאַנצער געזעלשאַפט . ער ערקלערט דעם זין פון די גרויסע טאַטען . דער טאָג פון ענטשיידונג איז נאָהענט . דער גרויסער היסטאָרישער פּסק-דין איז אונטערגעשריבען . עס פאַלען שוין די קייטען . עס האָט זיך שוין אויפגעהויבען די שווערע האַנד פונ׳ם אַרבייטער . . .

די צייט פליהט . חיים איז פערזונקען אין זיין אַרבייט . אויף מאָרגען מוז דער אויפרוף פאַרטיג זיין .

פּלוצים — אַ קלאַפּ אין טהיר . חיים שפּרינגט אויף פון זיין אָרט . זיין פּנים ווערט מיט אַ מאָל שאַרפער . אַ דונקעלער שאָטען פליהט איבער שנעל איבער זיין שטערען .

— ווער איז ?

— דער פּאָסטאַליאָן . אַ טעלעגראַם . עפענט .

— גלייך , איך צינד די לאָמפּ .

חיים פאַלט צו מיט׳ן אויער צו דער טהיר . אין דער נאַכטשטילקייט דערהערט ער אַ קלונג פון שפּאָרען .

— זשאַנדאַרמען , זאָגט ער צו זיך זעלבסט . שטיל אויף די שפּיץ פינגער געהט ער צו צום פענסטער און קוקט אַרויס אויפ׳ן הויף . אונטען — קיינער נישט . דער הויף ליגט וויס , ווי זילבער

אונטער די שטראַהלען פון דער העלער לבנה. אַלץ שלאָפט.

ער לייגט האַסטיג אַריין די פּאַפּירען אין טאַש. נעהמט שנעל דעם האַנטוך פון וואַנט, בינדט איהם צו צום פענסטער און לאָזט זיך אויף איהם אַראָב פונ׳ם צווייטען שטאָק אין הויף אַריין.

דאָס קלאַפּען אין טהיר הערט זיך אַלץ שטאַרקער.

ווי אַ שאָטען גליטשט זיך חיים צו דער הינטערשטער וואַנט פון הויף. אַלץ איז שטיל. ער הערט דייטליך, ווי עס קלאַפּט זיין האַרץ, אין ווינקעל ליגט אַ הויפען האָלץ. ער קלעטערט אויף איהם, קריכט אַרויף אויף דער וואַנט: אַ שפּרונג — און ער איז שוין אין צווייטען הויף. דאָרט איז דער טויער אָפען, אַ גאַנצע נאַכט.

פון דערווייטענס הערט זיך אַ העפטיגער קנאַק. די „בלויע" האָבען אויסגעבראָכען די טהיר.

---

ס׳פליהען די טעג, עס לויפען חדשים. מענשען, ערטער, פריידען, ליידען — אַלץ בייט זיך אין דעם גרויסען שטראָם פון קאַמפף. אין דעם שנעלען שווימען וואַקסט דער כח, פעסטער ווערט דער מוט.

און פון דער גרויסער צאָהל פערשידענע געשטאַלטען הויבט זיך אָן אויסצייכענען איין איידלע פרויען־געשטאַלט, ווי אַ ווייסע ליליע אין דעם מעער פון גרינעם גראָז. זי איז יונג און צאַרט, אַ גאַנצער וואָלקען ליכטיגע האָר דריקט, ווי אַ משא, דעם קאָפּ און פאַלט ווי אַ כוואַליע אויפ׳ן נאַקען. אין דעם בלאַסען פּנים אַ פּאָר בלויע אויגען, פול מיט ליעבע און רחמנות; זיי לייכטען אַזוי וואונדערליך און דרינ־גען טיעף אַריין אין דער נשמה. דער פּנים איז אַזוי שטאָלץ און פול מיט מוט.

זיי האָבען זיך בעגעגענט אָפט, זיי און נאָך איינינע חברים פלע־גען זיך יעדע וואָך צוזאַמענקומען צו בעשפּרעכען די פראַגען פון זייער אַרבייט. זיי פלעגען זיך פערזאַמלען אי אין ענגע, נאַסע, פינסטערע וואוינונגען אין די אָרעמסטע טיילען פון שטאָדט, אי אין פּרעכטיגע צימערען אין די רייכסטע הייזער, אי אין פעלד, אי אין שאָטען פון געדיכטען וואַלד. איהר שטילער קול, דער איידעלער קול פון אַ האַרפע, פלעגט קלינגען אַזוי פעסט און ערנסט אין מינוטען פון אויפרעגונג. איהרע אויגען פלעגען בעקומען אַזאַ זעלטענע שיין.

זיי האָבען בעמערקט איינער דעם צווייטען און אַרויסגעטיילט פון די איבעריגע. דער איינפאַכער גרוס, מיט וועלכען זיי פלעגען זיך בעגעגענען, האָט בעקומען פאַר זיי אַ בעזונדערע בעדייטונג. אין דעם האַנד-דרוק איז געווען אַזוי פיעל נישט קיין אויסגעשפּראָכענע ווערטער. ס'איז פאַר ביידען עפּעס ליכטיגער און ווארעמער געוואָרען דאָס לעבען. די ערנסטע געשפּרעכען האָבען בעקומען אַזוינע צוויבערליבע פאַרבען, די גאַנצע וועלט האָט מיט אַמאָל בעקומען אַזאַ שענהייט, אַזאַ פריינדליכקייט. דער מוט איז געוואַקסען אָהן אַ אויפהער.

קיין וואָרט פון ליעבע איז נאָך נישט גערעדט געוואָרען צווישען זיי. זיי פלעגען זיך צוזאַמענקומען נאָר אויף די פערזאַמלונגען. די אַרבייט האָט פערנומען אינגאַנצען די אויפמערקזאַמקייט. אויסער דעם פלעגען זיי נישט זעהען איינער דעם צווייטען; זי איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי, ער האָט געוואוינט אויף אַ פרעמדען נאָמען. זי האָט געאַרבייט אויפ'ן אָרט, צווישען די טויזענדער פערפינסטערטע, דערשלאָגענע אַרבייטערינס; ער פלעגט אָפט פאָהרען אין די אַרומיגע שטעדט. שפּיאָנען האָבען אַרום איהם אויסגעשפּרייט אַ גאַנצע נעץ. מיט גרויס מיה און מיט דער גרעסטער פעהיגקייט פלעגט ער יעדעס מאָל זיך אַרויסרייסען פון דער מחנה. מיט מענשען פלעגט ער זיך בעגעגענען נאָר דאַן, ווען די אַרבייט האָט דאָס געפאָדערט.

---

אין דעם טאָג האָבען זיי דאָס ערשטע מאָל בעשטימט צוזאַמענצוקומען זיך אין צווייען און זיך דורכפאָהרען אויפ'ן טייך. זי האָט דעם טאָג אין פאַבריק נישט געאַרבייט, ער איז נאָר וואָס געקומען פון אַ לאַנגער רייזע. זיי האָבען זיך געדאַרפט בעגעגענען אויפ'ן ברעג.

חיים איז דער ערשטער געקומען. ס'איז געווען פאַרנאַכט, די זון איז געשטאַנען אויפ'ן עק הימעל און האָט רויט געפאַרבט דעם קלאָרען, לויטערען וואַסער-שפּיגעל. די ביימער האָבען זיך צוגעבויגען און שטיל געבאָדען זייערע צווייגען אין דעם קיהלען וואַסער. וואָלקענס, ווייסע ווי שניי, האָבען געקוקט פון דעם בלויען הימעל אין דער טיפעניש. דאָרט ווייט, איבער'ן גרינעם באַרג, האָט זיך בעוויזען די בלייכע לבנה. אַ וואַסער-בלום האָט אויפגעהויבען איהר

גאָלדענע קרוין פון וואסער ארויס. ערגעץ פון צווישען די בוימער האָט זיך געגאָסען דאָס געוויין פון אַ פידעל.

חיים איז געשטאַנען און געוואַרט. אַ טיפע שטילקייט האָט פערשפּרייט איהרע זאַנפטע פליגעל איבער זיין זעעלע.

די פאַרבען זענען אַלע מאָל געוואָרען טונקעלער. די זון איז פערגאַנגען און נאָר אַ רויטער פלעק האָט נאָך געברענט דאָרט, עט זייט. די ווייסע וואָלקענס האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען ווי פערלמוטער. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטעל; די צווייגען האָבען אָנגעהויבען רוישען.

צוויי שווארצע פיגורען זענען מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסען נעבען חיים׳ן פון ביידע זייטען. אין איין רגע האָט איינער איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד. דער אַנדערער האָט ארויסגענומען פון טאַש אַ רע-וואָלווער און מיט אַ האַרטער שטים געזאָגט:

— איהר זייט ארעסטירט.

פונ׳ם בארג געהענדיג, האָט זיך בעוויזען נישט וויט אַ פרויען געשטאַלט אין אַ ווייסען קלייד.

* * *

עס שלאָפט די טורמע, עס גלאַנצען די פּייטלע דעלער. די ווייסע וואַנט ליגט פעסט און שמייכעלט, ווי מיט חוזק, אַלץ שלאָפט. חיים זיצט איינגעהויקערט אויף זיין קליינעם פענסטערל און קוקט שטיל אין דער נאַכט אריין. די לבנה פערגעהט שוין אויפ׳ן ראַנד פון הימעל און קוקט מיט אַ טיפער טרויעריגקייט. דאָס ווינטעל בלאָזט שטאַרקער און טראָגט אַ קיהלע פרישקייט, ערגעץ האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ פייגעלע און אַ פייף געטאָן אַ פּאָר מאָל.

געפאַנגען! אַ שמוציג שטייגעל. גרויע וועגט זויגען דאָס בלוט. ס׳דריקט דעם קאָפּ דער נידעריגער באַלקען. קייטען קלינגען. דער גרינצעלנער קלאַנג לעגט זיך, ווי שאַרפע שטעכענדיגע שטיינער אויף דער נשמה. דורכ׳ן פענסטערל אין טהיר קוקט די ווילדע צורה פונ׳ם וועכטער. וואָס שמייכעלט ער?

געפאַנגען! און דאָרט, אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, דאָרט רוישט און זידט דאָס יונגע לעבען, דאָרט שפּראָצען נייע

האָפנונגען, דאָרט רייסט דער ברייטער שטראָם די דעק פון אייז און ברעכט אויף שטיקער די שווערע קייטען. עס וואַקסט דער שטראָם. ער פערפלייצט אַלץ און ברייגנט נייע כחות אין דער פערגליווערטער וועלט. עס געהט דער נייער פריהלינגס־מאָרגען, עס געהט דער גרויסער ליכטיגער טאָג.

געפאַנגען! עס געהען פערלוירען די כחות, עס פליהען די בעסטע יאָהרען. און דאָרט — דאָרט איז טייער יעדער איינציגער, דאָרט איז דאָ אַרבייט פאַר יעדער האַנד, דאָרט איז יעדער מוטיגער מאַן — אַ נייער טריט צום זיעג, אַ נייער שטיין אין דעם בנין פון דער גרויסער, שענער פרייהייטס־וועלט.

ער זיצט אין תפיסה — דער שטאַרקער אָדלער מיט די שאַרפע אויגען, צוגעשמידט. קליינע, שוואַרצע פלעדערמייז שפאַטען און רייצען זיך מיט איהם.

ווי לאַנג וועט ער זיצען?...

יולי 1904.

# דער לעצטער קרבן.

### I.

היינטיגע נאַכט האָט דער אַלטער זלמן כמעט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. ער האָט זיך געקערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און דער הוסט האָט איהם אַזוי פיעל דערקוטשעט, אַז צפורה האָט צוויי מאָל געמוזט אויפשטעהן אינמיטען דער נאַכט און איהם דערלאַנגען וואַסער מיט צוקער.

נאָר וואָס ס'איז בלוי געוואָרען אין די פענסטער און אַ ליכטיגער פאַס האָט זיך בעוויזען אויפ'ן עק הימעל, האָט ער זיך שוין אויפגעהויבען, אָנגעטאָן די יאַרמאָלקע, אַריינגעשטעקט די פיס אין די פאַנטאָפעל און אַרויסגעגאַנגען פון שטיבעל אויף דער פרישער לופט.

באַלד נאָך איהם האָט זיך אויפגעהויבען צפורה. זי האָט זיך אָבגעגאָסען נעגעל-וואַסער, אָבגעזאָגט ברכה און זיך גענומען צו דער בעל-הבית'ישקייט.

אין ווינקעל בי'ם אויבען האָט דער סאַמאָוואַר שוין אָנגעהויבען רוישען, און זלמן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דרויסען און מיט אָפענע, עפּעס ווי פערגליווערטע אויגען געקוקט, ווי אַ גולם, אויף די גרויע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך געוויעגט איבער'ן טייך.

ווי אין חלום האָט ער זיך אומגעקעהרט אין שטוב אַריין—קוים וואָס די פיס האָבען איהם געטראָגען, גלייך ווי נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן און זיך גענומען גרייטען צום דאַוונען.

צפורה האָט פון איהר ווינקעל **אַלע** ווייל**ע** בגנבה געוואָרפע

אַ קוק אויפ'ן אַלטען און פאַר זיך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דער אַלטער איז אוים מענש. ער איז גאָר נישט, ווי אויף דעם עולם. אַפילו דאָס דאַוונען קומט בײַ איהם אוים נישט ווי כסדר. ער שאָקעלט נאָר מיט די ליפּען, און קיין קול הערט מען נישט. דער מענש איז אינגאַנצען צושרויפט.

און וואָס? קיין אונגליק איז דאָך, חלילה, נישט געשעהען. אמת, אַ טאַטע, נו, וואָס זשע איז? איז זי דען נישט קיין מאַמע? האָט זי דען ווייניגער ליעב איהרע קינדער? ציהט איהר דען נישט בײַ'ם האַרצען? אָבער אַזוי זיך אָבלאָזען!

דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען פון נעכטען אָן, זינט זיי האָבען בעקומען דאָס בריוועל פון אַברהם'ן. אַ קורץ בריוועלע. דריי שורות. מען האָט איהם אַרויסגעלאָזען פון טורמע, וואו ער איז אָבגעזעסען דריטהאַלבען יאָהר. ער איז געזונד. ער גריסט אַלעמען.

צפורה—זי איז צופרידען, זי דאַנקט דעם רבונו־של־עולם פאַר זיינע חסדים. זי האָט צו קיינעם קיין טענות נישט. זאָל נאָר איהר קינד געזונד זיין. מען האָט איהם שוין אַרויסגעלאָזען. ער איז פריי. ס'איז איהם שוין גרינגער. וואָס נאָך דאַרף זי? אַ קאַרגע שמחה?

קען מען זאָגען! אודאי וויל זי איהם זעהען. נישט אומזיסט ווייט זיך איהר אין האַרצען עפּעס אַזוי זיס און טרויעריג פון נעכטען אָן. נאָר זי לעבט מיט בטחון. וועט זי ווערט זיין בײַ זיין ליעבען נאָמען, וועט זי נאָך זוכה זיין צו דערלעבען דאָס גרויסע גליק. נישט—וועט זי, חלילה, קיין תרעומות נישט האָבען. גענוג שוין חסדים, אַז ער איז אַרוים פון גוי'עשע הענד.

גער, רייד אָבער מיט אַ גדלן. ער, דער אַלטער, איז בכלל אַ מאָדנע בריאה. וואָס איהם קען אַרויף אויפ'ן זינען! „אַ קאַלט בריוועל".—זאָגט ער: „עפּעס ווי—טשעפּע זיך אָב פון מיר". ווײַס איך? אויך אַ גרויסע דאַגה. די מעשה איז, וואָס ער האַלט זיך אַזוי גרוים. מען זאָל איהם שרייבען. מען זאָל בײַ איהם אַן עצה פרעגען. היינטיגע קינדער לעבען אָבער, ווי זיי ווילען. זיי האַלטען נישט פון ידידות־בריוולעך.

זי ווייסט, וואָס עס נאָגט איהם. ער שווייגט, ער מאַכט זיך כלא ידע. זי ווייסט אָבער, אַז ס'גערט איהם נישט אַרוים פונ'ם קאָפּ דער איינער געדאַנק. ער וויל, אַברהם זאָל אַהיים קומען, ער זאָל מקיים זיין מצות כבוד אָב. ער זאָל פערהיילען די וואונדען פון זייער

הארצען. דעם אלטען פערדריסט, וואס אברהם האט וועגען דעם גאר נישט געשריבען. נאר טאר מען זיך דען אזוי דערלאזען צום הארצען?
אט שטעהט ער—א האלבער מת. די פלייצעס איינגעהויקערט, דער קאפ אראפגעלאזען, אויפ'ן פנים אזא מרה־שחורה, די אויגען טיעף אין דר ערד, די ליפען ריהרען זיך קוים־קוים.
נאר וואס איז דאס? ער וויינט! גרויסע ליכטיגע טרערען פאלען פון זיינע אויגען, גליטשען זיך איבער די טיעפע קנייטשען פון זיין פנים, גלאנצען אין דער גרויער בארד. און די ליפען ציטערן, ווילען עפעס אויסריידען א ווארט און קענען נישט.
וויינען! זי האט איהם נאר איינמאל געזעהען וויינען. דאס איז געווען יענעם פרייטאג, זיי האבען דעמאלט בעקומען די גוטע בשורה, נישט פאר קיין שום יודען געדאכט. זי האט געמאלט שבת, געהייצט דעם אויווען און זיך געדרעהט איבער דער קיך, ווי אנ'עוף נאך דער שחיטה. ער האט דעם גאנצען טאג אריינגעקוקט אין א ספר. ביידע האבען געשוויגען. און נאר אויף דער נאכט, ווען די ליכט האבען געברענט אויפ'ן טיש און אין די פענסטער האט אריינגעקוקט די שטילע נאכט, האט ער נישט אויסגעהאלטען. ער האט אינמיטען קדוש פערדעקט די אויגען מיט דער לינקער האנד און זיך צוכליפעט אויפ'ן קול, ווי א קינד.
און היינט ווייטער.
— זלמן? מען טאר דאך נישט — זאגט זי שטיל פון איהר ווינקעל,—דו זינדיגסט פאר דעם אויבערשטען.
זלמן הערט נישט. ער בויגט נאר טיעפער אן דעם קאפ. די טרערען קייקלען זיך שנעלער. עס שטעהט איהם עפעס ווי א קנויל אין האלז און לאזט איהם קיין ווארט נישט ריידען. ער האט זיך אהן כח אראבגעלאזען אויפ'ן בענקעל און אונטערגעשפארט דעם קאפ מיט די דארע הענד.
— פרעהען דארף מען זיך. א שמחה איז ביי אונז, און דו—וויינען, זאגט ווייטער צפורה, און טרערען קלינגען אין איהר שטימע.
— צפורה! רייסט זיך ענדליך ארויס א צובראכענע שטים, וואו איז ער? וואו איז דיין קדיש? פאר וואס קומט ער נישט?

## II.

זיין גדלות! אלץ איבער זיין גדלות. זעכציג יאהר האט דאס לעבען געטאן אלע מעגליכקייטען צו ברעכען זיין גדלות, זעכציג יאהר האט איהם זיין שווערער האמער געקלאפט און געדריקט צו דער ערד. אלט איז ער געווארען, זיינע האר האבען זיך מיט שניי בעדעקט, זיין רוקען האט זיך איינגעבויגען, זיינע אויגען האבען אנגע־ווארען דעם שטאלענעם גלאנץ, נאר זיין גדלות איז נישט געבראכען געווארען — זיין איינציג פערמעגען, וואס איז איהם געבליבען אין לעבען.

זלמן דער משוגע׳נער—מיט דעם נאמען איז ער געווען בעוואוסט נישט ווייניגער ווי מיט דעם אנדערען: זלמן דער משולח.

זעכציג יאהר! א קלייניגקייט! און אלע יאהרען דיענען ביי יענעם. אלע יאהרען נישט וויסען, וואס הייסט א זיכערע שעה.

נישט שטענדיג איז ער געווען אזוי איינגעהויקערט, נישט שטענ־דיג איז איהם געווען אזוי שווער צו כאפען דעם אטעם. אט שטעהט ער נאך ווי א לעבעדיגער פאר צפורה׳ס אויגען — דער אמאלי־גער זלמן. א יונגער מאן פון דרייסיג יאהר. הויך און שלאנק. בלאנדע האר ווי זייד; די אויגען ברענען; מיט ברייטע טריט שפאנט ער איבער׳ן וואלד, געזונד און פריש קלינגט זיין שטים אין דער גרינער שטילקייט.

ער דיענט אין וואלד. ער שטעהט אויף, איידער די זון געהט אויף, איידער די העקער געהען נאך ארויס אויף דער ארבייט. דעם גאנצען טאג איז ער אויף די פיס: קיין איין בוים ווערט ניט אויס־געהאקט אהן זיין הסכמה. אהיים קומט ער, ווען עס ציהען זיך שוין לאנגע שאטענס אויפ׳ן וועג, און דער הימעל אין מערב־זייט גליהט ווי בלוט. ביז שפעט ביי־נאכט זיצט ער איבער די חשבונות, און לאנגע זיילען ציפער וואקסען אהן אנ׳אויפהער אין דעם גרויסען קאסע־בוך.

שווער איז צו ארבייטען, נאך שווערער איז צו זיין פער־קויפט. אלע זונטאג, ווען אין וואלד שווייגען די העק, פאהרט ער אבגעבען דעם פדיון און די חשבונות דעם בעל־הבית. קאלט און פוסט איז איהם אויף דער נשמה אין די גרויסע און ברייטע חדרים. דער גביר זיצט, ווי א גרויסע שטיינערנע מצבה, אויף זיין שטוהל.

יער פעטער פּנים גלאַנצט ווי בעשמאַלצען, די קליינע אייגעלעך שטעי־
נען, ווי מיט מעסערס. די אדונית, מיט׳ן גראָבען בויך אויף די
קורצע פיס, קלינגט מיט די שליסעל און בעמערקט גאָר נישט דעם
משולח. אויף זיין „גוט מאָרגען" הערט זיך נאָר עפּעס א ברומען,
ווי פון א פאַס. מען בעט איהם נישט זיצען, און ער דערקענט אליין
נישט זיין קול, בעת ער הויבט אָן אָבגעבען דין וחשבון פאַר דער־
וואַך. עפּעס ווערגט איהם ביים האַלז, עפּעס קאַלט איהם אין הארצען.
און ער טוט זיך אָן א כח, ער זאָל נישט א שמיץ טאָן אין פּנים אריין
די צעטלען און נישט געבען א קנאַק מיט דער טהיר.

און דאָס פלעגט טרעפען נישט איין מאָל.

ווען די קאַלטע גביר׳ישע דבורים פלעגען שוין ווערן צו גיפ־
טיג; ווען דער חלוק צווישען איהם, דעם אָבגעריסענעם אביון, און
דער גביר׳ישער זאַטקייט און העזה פלעגט צו שאַרף זיך לאָזען דער־
פיהלען, ווען אין הארצען פלעגט ווערן צו ענג און אין קאָפּ פלעגט
אָנהויבען רוישען—דאַן פלעגט ער אַנידערלעגען אויפ׳ן טיש די צעט־
לען, אויסלעריגען דעם טייסטער און מיט א הייזעריגער שטים אָב־
ענטפערן:

— טאָ זוכט זשע אייך א בעסערן מענשען. איך זאָג זיך אָב.

און פלעגט א קלאַפּ טאָן מיט׳ן טהיר.

נישט שטענדיג פלעגט ער אין אַזא פאַל פערלירען די שטעלע.
ער איז געווען א געטרייער דיענער, אַ ג׳ ע ה ר ל י כ ע ר מ א ן, און
איז געבליבען אָרים דאָרט, וואו אַנדערע אויף זיין אָרט וואָלטען
געקענט נתעשר ווערן. אַלע האָבען געוואוסט, אַז איהם מעג מען
גלויבען די גרעסטע אוצרות אומגעצעהלט. מען פלעגט דעריבער זיך
מאַכען נישט וויסענדיג אויף זלמן׳ס גדלות, און נאָר קנייטשען מיט די
פּלייצעס:

— געה, רעד מיט א משוגע׳נעם!

נאָר אָפט פלעגט ער טאַקי בלייבען אָהן ברויט. דאַן פלעגט
אָנהויבען דער דלות מיט זיינע פינסטערע אויגען אריינצוקוקען אין זיין
ענגער וואוינונג. עס פלעגען זיך ציהען טעג, פול מיט טרויער,
חדשים, פול מיט יאוש. אין־איינעם מיט׳ן הונגער פלעגען זיך אריינ־
קלייבען זיינע שטענדיגע שותפים—מחלוקת און פיינדשאַפט, און דאָס
לעבען פלעגט ווערן א לאַנגע קייט פון דחקות, פערביטערטקייט,
טרערען און האַס.

## III.

און אזוי איז ער אלט געווארען. פערשוואונדען די פארב פון דעם פנים, דומפף איז געווארען די קלינגענדיגע שטימע. נאר הייסער פלעגט זידען זיין האס צו די גבירים, און שווערער און שווערער איז איהם געווארען צו טראגען זיין עבדות.

זלמן איז געוועזן א ייד פון לערנען. ער איז געוועזן בקי אין ש"ם און אין פוסקים, און פלעגט מקים זיין דעם שלחן-ערוך, אויף וויפיעל עס איז מעגליך פאר א פערקויפטען מענשען, בעונותינו הרבים. נאר אפט פלעגט ער אנהויבען צו רעדען אזוינע דבורים, וואס פלעגען ווארפען א פחד אויף צפורה'ן.

— זאג מיר, איך בעט דיך, פאר וואס בין איך מחויב צו מקים זיין די מצות? פלעגט ער טענה'ן אין אזוינע צייטען, און א ביטערער שמייכעל פלעגט זיך גליטשען איבער זיינע ליפען. איך בין דאך א געקויפטער, א קנעכט. און די חכמים זאגען בפירוש, אז „עבד פטור מן המצות". א קנעכט בין איך? ניין, איך בין נישט קיין קנעכט, איך בין א סך ערגער פון א קנעכט. „שש שנים יעבוד"— זעקס יאהר האט געדיענט א קנעכט, אויפ'ן זיבעטען — א פרייער מענש; געה, וואוהין דו ווילסט, טו, וואס דו ווילסט, זיי דיר א בעל-הבית פאר זיך, אונטער'ן ווייגשטאק און דעם פייגענבוים. איך בין נישט קיין קנעכט, איך בין א פערד אין שפאן... א פערד? ר' בער'ס פערד האט געהאט רוה, מען האלט זיי א פוהרמאן, זיי שטעהען אין א ווארימער שטאל. ווער היט מיך? ווער זארגט זיך פאר מיין גע-זונד? פאר וואס זאל איך עפעס דיענען דעם רבונו-של-עולם? פאר וואס זאל איך דאווענען? לאזען דאווענען זיי, די גבירים, די רייכע; זיי האט ער אבגעגעבען די גאנצע וועלט—לאזען זיי איהם מקים זיין די מצות. פון מיר קען ער נישט פאדערן, איך בין נאר א שטומע בהמה—איך בין פטור פון מצות.

פון אזוינע ווערטער פלעגט א שוידער איבערגעהן איבער'ן לייב פון צפורה'ן, ס'פלעגט זיך איהר עפעס ווי אבגייסען אין הארצען. זי פלעגט קוקען אויף איהם מיט א טיפען אומעט, און איהרע ליפען פלעגען שטיל בעטען:

רבונו-של-עולם, פערגיב איהם זיינע נארישע רייד! רבונו-של-עולם, שטראף איהם נישט מיט דיין גרימצארן! רבונו-של-עולם

פערשפּרייט די פליגעל פון דיין גרויסען חסד אויף דיינע זינדיגע קנעכט!

און אזוי זענען פערגאַנגען די יאָהרען...

פון איין בעל-הבית צום אַנדערן, פון איין שטעלע צו דער צווייטער, אין שווערער אַרבייט, אין נויט און הונגער, אין האַס און קנאה, האָט ער פערלעבט זיינע יאָהרען, אויסגעבראַכט דעם כח, צוזיהט די האָפנונגען... אויף דער עלטער האָט מען איהם שוין פערטריבען פון דעם וואַלד און אַנידערגעזעצט בּיי דער בריק — זי האָט געהערט צום פּריץ און איז געווען פערדונגען דעם גביר — נעהמען אָבצאָהלונג פון יעדען דורכפאָהרער.

די לעצטע סטאַנציע אויפ'ן לאַנגען טרויעריגען וועג...

פון די קינדער איז קיינער נישט געבּליבען אין דער היים — אַלעמען האָט צעוואָרפען אויף שבעה-ימים דער שטורם-ווינט פון'ם לעבען; אַלע בויען: יעדערער פאַר זיך, יעדערער נאָך זיין אַרט, מיט בלוט און מיט טרערען, דעם בנין פון זייער לעבען, און אַלע האָבען אריינגעבראַכט ווייניג נחת אין דער איינזאַמער וואוינונג פון די אַלטע מידע מענשען...

---

## IV.

די קינדער! ווי די זיסע שירה פון מלאכים אינ'ם ליכטיגען גן-עדן קלינגט עס אין האַרצען בּיי צפּורה'ן, ווען זי דערמאָנט זייערע קינדערשע יאָהרען; עפּעס ווי ווייסע ליכטיגע בלומען הויבען אָן בּליהען פאַר איהרע אַלטע אויגען, און די זון הויבט אָן לייכטען אַזוי העל און אַזוי פרעהליך, ווי אין דעם טאָג, וואָס זי איז אַרויס פון די הענד פונ'ם בעשעפער. און טאַקי בעת-מעשה פיהלט זי, ווי אַנ'אַלטער וועהטאָג נאָגט זי בּיי'ם האַרצען, ווי אַלטע וואונדען טריפען בלוט, אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען, ווי אַ שוואַרצע קאַלטע שלאַנג ריהרט זיך טיעף אין דער נשמה און גיסט אַריין אַ שוידער אין אַלע גלידער.

די קינדער! ווי גרינע בוימער אין וואַלד זענען זיי געוואַקסען אין איהר הויז. פון זייער שמייכעל פלעגט אָנגעפילט ווערן די

אָרימע וואוינונג מיט דער שיין פון גאָלד און בריליאַנטען , זייערע ליב־טיגע אויגען זענען געווען פאַר איהר אַ קוואַל פון נחת . מיט זיי צו־זאַמען האָט געלעבט אין שטוב די יוגענד , די שמחה , די האָפנונג און די קראַפט .

איצט איז נישטאָ קיינער . פוסט אין שטוב . אויף זייער אָרט איז נאָר געבליבען אַ וואונד, וואָס וויל זיך נישט פערהיילען . . .

שלמה, דער עלטסטער, איז אין אַמעריקע. אַ שניידער איז ער. אַפילו נישט קיין בעל־הבית פאַר זיך : אַנ׳ארבייטס - יונג עפּעס ביי אַ דייטשעל. אומשטיינס געזאָגט . אַ שענע פרנסה פאַר אַ יודען שוין ב״ה פון אַ יאָהר פערציג . און נאָך וואָס פאַר אַ יודען—פאַר שלמה׳ן ! זיין מח, זיין הסברה, זיין לערנען ! אַ רב האָט ער געזאָלט זיין , אָט־אָט האָט ער שוין געדאַרפט סמיכות בעקומען , געבענשט האָט מען זיך מיט איהם ; אַ בת־מלכה איז צפורה געווען , מלאכים האָבען זיך מיט איהר געשפּילט. דאַרף אָבער טרעפען אַ אונגליק — גיט מען איהם אָב פאַר אַ סאָלדאַט , און אַ גדלן איז ער, אַ הייסע בריאָה— אין טאַטען געראָטען . צעווערטעלט ער זיך מיט׳ן אונטער־אָפיציר , פיהרט זיך נישט מיט דרך־ארץ . און דער אונטער־אָפיציר איז שכור און וויל דערלאַנגען אַ פּאַטש דעם מחוצף. מאַכט ער נישט קיין לאַנגע שהיות און גיט איהם אַ שטויס פון זיך, און ער פאַלט אום און צו־בלוטיגט זיך דעם קאָפּ . . . עס הויבט זיך אָן אַ משפט . פאַר שלמה׳ן בלייבט נאָר איין וועג—מאַכען אַ פליטה . און ער פאָהרט איבער די גרעניץ און פערלאָזט זיין היים—אויף אייביג . ס׳רעדט זיך אַזוי גרינג : אויף אייביג ! קיינמאָל נישט זעהען. אַפילו קיין האָפנונג נישט האָבען . אָבגעהאַקט ! רבונו־של־עולם ! ס׳איז דאָך כמעט , ווי אויף יענער וועלט !

און רחל ! די שענע, די אונגליקליכע רחל ! אַ רויז אין גאָרטען בליהט נישט אַזוי שען און אַזוי פרעהליך , ווי זי האָט געבליהט און געוואַקסען ביי׳ם טאַטען אין הויז . אַ פּאָר אויגען ווי די קאַרשען , אַ קול—ווי אַ גלעקעל . אַ גאַנצען טאָג איז די שטוב פול געווען מיט איהר זינגען , מיט איהר לאַכען — פערל האָבען זיך געשאָטען פון איהר מויל . און יונג איז זי נאָך געווען דעמאָלט—יענעם זומער איז איהר נאָר וואָס געוואָרען זעכצעהן יאָהר . אויף דעם זומער איז דעם בעל־הבית׳ס זוהן אַראָבגעקומען אין וואַלד אַריין — לופט כאַפּען, זיך אָברוהען פון דעם שטאָדט־טומעל . ער האָט געוואוינט נישט ווייט אין אַ בעזונדער שטיבעל, און רחל האָט אַלטונג געגעבען אויף זיין בעל־

הבית'ישקייט... בעסער וואָלט זי קליינערהייד דערטרונקען געוואָרען, איידער זי האָט דערלעבט צו דער צייט. פאַר יום־טובים האָבען שוין אַלע געוואוסט דעם סוד—רחל איז שוואַנגער געוואָרען...

צרות און ליידען! ס'איז געווען אַ קינד, מען האָט עס געהאַל־טען אין דער פרעמד, געצאָהלט פאַר דעם, געצויגען דעם מאַרך פון די ביינער. און דער בזיון! די חרפה! און די קהל'שע בעלי־טובה'־ניקעס, וואָס מישען זיך דאָרט, וואו מען בעט זיי נישט. און די טרערען, די טרערען! אַ גאַנצער ים. נאָר אַ מענש געוועהנט זיך צו צו אַלעמען. מען האָט איבערגעלעבט. רחל האָט חתונה געהאַט פאַר אַנ'אַלמן, דער מאַן איז עלטער פון איהר מיט אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, די שטיף־קינדער פערזומערן איהר דאָס לעבען, קיין פרנסה איז נישטאָ, און קראַנק איז זי—דאָס האַרץ טוט וועה. און ביי איהר אַליין האַלטען זיך נישט קיין קינדער: זיי שטאַרבען יונגערהייד...

נאָר אַברהם'ס אונגליקען—דאָס איז שוין עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס דער מח קען עס נישט תופס זיין. אונגליקען, וואָס אַ מענש שלעפּט אַיף זיך מיט זיין גוטען ווילען, אַ שטריק, וואָס ער טוט אָן בכיון אויף זיין אייגענעם האַלז. וואָס קען מען שוין גאָר רעדען? וואָס קען שוין זיין ערגער?

לערנען האָט זיך איהם פערוואָלט—שטודירען הייסט עס. ביל־ליג האָט ער ערגיץ בעקומען אַ גאַנצען פּאַק. דעם חדר אוועקגע־וואָרפען באַלד נאָך בר־מצוה, דעם גאָלדענעם קאָפּ אַריינגעלעגט אין די גוי'עשע חכמות. גאַנצע נעכט איבערגעזעסען, ווי אַ מתמיד איבער אַ גמרא, להבדיל. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ צו דערליידען. היינטיגע יאָהרען איז דאָס שוין נישט פון די גרויסע חטאים. ניין! קומט איהם אויף אַ נייער געדאַנק: אַ בעל־מלאכה וויל ער ווערן. ס'טייטש, נאָך וואָס? מיט אַזאַ קאָפּ? הערט אַנ'אַנטפער, רחמנא לצלן! זיין קאָפּ, זאָגט ער, וועט צו נוץ קומען די אַרבייטער, זיי וועלן אַלע אינ־איינעם משיח'ן אַראָבברייגגען. און לאַכט! געה טענה מיט איהם! און אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען אין שטאָדט אַריין, און שוין זיעבען יאָהר, אַז זיי האָבען איהם נישט געזעהען. ידיעות פלעגען יאָ אַ מאָל אָנקומען פון איהם. מאָדנע ידיעות! עפּעס האָבען זיי אַ יד־אחת גע־מאַכט, פּאָליציע האָט זיך אַריינגעמישט, אַברהם'ן האָט מען פון דער שטאָדט אַרויסגעשיקט. אַ „סאָציאַליסט" איז ער געוואָרען, בעהיט זאָל מען ווערן. נאָכדעם איז ער נע ונד געווען פון איין שטאָדט אין

דער אנדערער. נאָכדעם איז פון איהם צוויי יאָהר קיין ידיעה נישט געווען — ווי אין וואסער אריין. צום סוף איז אָנגעקומען א גוטע בשורה: מען האָט איהם פער'משפט אויף דריטהאַלבען יאָהר פאַר איבערפיהרען ביכלעך איבער דער גרענעץ...

# V.

די זון איז געשטאַנען, ווי א רויט שטיק פייער אויפ'ן ראַנד פונ'ם הימעל, און דאָס וואסער איז געלעגען גלאַט ווי א זילבערנער שפּיגעל, ווען אברהם איז צוגעגאַנגען צום הויז פון זיינע עלטערן און האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר דעם אָפענעם פענסטערל. דער אַלטער זלמן איז געשטאַנען אין ווינקעל און האָט געדאַווענט מנחה. צפורה איז געזעסען אויפ'ן בענקעל און מיט אָפענע פער'חלום'טע אויגען געקוקט אויפ'ן בלויען הימעל. פון דערווייטענס האָט זיך געגאָסען דאָס געזאַנג פון די פייגעל; ערגעץ נעבען בריק זענען טראָפּענס וואסער געפאַלען פון דער הויך מיט א שטילען קלאַנג. צפורה'ס ליפען זענען געווען פערמאַכט, נאָר אין די אויגען האָט געברענט א שטומע תפילה. זי האָט געקוקט און קיינעם נישט געזעהן. אברהם איז געשטאַנען און א ווײַלע שטיל בעטראַכט זיין פאָטערס הויז. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען נעהענטער עטליכע טריט.

— אברהם!

צוויי דאַרע, איינגעשרומפּענע, ציטערדיגע הענד האָבען אַרומגעכאַפּט זיין האַלז, און דער אַלטער גרויער קאָפּ איז געבליבען אָהן כח ליגען ביי איהם אויפ'ן האַרצען.

— זוהן מיינער!

אין די ווערטער איז געווען אַלץ: אי א קלאָג אויף די שווערע, ביטערע יאָהרען, אי א גאַנצער מבול נישט קיין אויסגעוויינטע טרערען, אי די ערשטע שיין פון א נייער, זיסער האָפנונג.

דער אַלטער זלמן איז אויסגעשטאַנען שמונה-עשרה און אָהן ווערטער אַרומגענומען זיין זוהן, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט פון גלות.

די מוטער האָט איהם אָנגעהויבען בעשיטען מיט שאלות. זי האָט אי געלאַכט, אי געוויינט, אי געדאַנקט זיין ליעבען נאָמען, אי

זיך אַרומגעדרעהט איבערן שטוב אָהן אַ ציעל און זיך גענומען אַלע מאָל פאַר אַ נייער אַרבייט, זי באַלד אַוועקגעוואָרפען און פערגעסען אָן איהר.

זלמן האָט בעטראַכט דעם גאַסט. זינט ער איז אַוועק פון דער היים, איז ער אַ סך אומגעביטען געוואָרען. דעמאָלט איז ער געווען אַ אינגעל פון זיבצעהן יאָהר, כמעט אַ קינד. יעצט איז געשטאַנען פאַר איהם אַ מאַנספערזאָן, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ שטאָלצען פנים, מיט קלוגע שוואַרצע אויגען. ער האָט אויסגעזעהן מיעד און אויפגערעגט, נאָר שטאַרק און קרעפטיג.

---

ווען די מוטער האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, אברהם האָט איהר אין קורצען געענטפערט אויף איהרע שאלות, און די ערשטע אויפרעגונג איז אַריבער, האָט דער פאָטער אָנגעהויבען רעדען מיט'ן זוהן פון וויכטיגערע זאַכען. זיי זענען ביידע געזעסען ביי'ם טיש. דער סאַמאָוואַר האָט שטיל געזשושעט. צפורה האָט עפּעס געטאָן בייים אויוון. דער פאָטער האָט געפרעגט, דער זוהן האָט געענטפערט.

— וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? וואָס רעדט מען וועגען יודען?

— וועגען וועלכע יודען?

— וואָס הייסט וועגען וועלכע? וועגען סתם יודען — וועגען כלל ישראל.

— סתם יודען איז היינטיגע יאָהרען שוין ניטאָ, — האָט אברהם געענטפערט, און אַ שטילער שמייכעל האָט בעלויכטען זיין בלייכען פנים. — מיר ווייסען היינט פון צוויי ערליי אידען: פון די אדונים, וואָס זיצען אין שענע פּאַלאַצען און געוועלטיגען איבער דער וועלט, און פון די אָרימע, דערשלאָגענע, וואָס האָרעווען אויף זיי, אייגע לעבען, כדי צו געניסען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, די אַנדערע — כדי צו בעשאַפען פאַר זיי אַלצדינג און אַליין נישט וויסען פון קיין חיי-שעה.

— אָבער דער גלות?

— די גבירים ווייסען יעצט אויך נישט פון קיין גלות, און די אָרימע וואָלט אפילו קיין ארץ-ישראל נישט העלפען: אונטער דעם

---

וויינשטאָק און דעם פייגענבוים וואָלטען געזעסען די זאַטע, און די קנעכט וואָלטען געאַקערט דאָס פעלד און געפּאַשעט דאָס פיה.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

---

## VI.

ס'איז נאַכט געוואָרען. אַ שטיל ווינטעלע האָט זיך אַריינגע־גנב'עט דורכ'ן פענסטערל און געבראַכט מיט זיך אַ זיסען ריח פון בשמים. דער פאָטער מיט'ן זוהן זענען געזעסען פערטיפט אין זייער שמועס, וואָס איז געוואָרען אַלע מאָל הייסער. די אויגען פון יונגען האָבען געלויכטען אַלע מאָל העלער. אויפ'ן אַלטען שטערן האָבען זיך צונויפגעקליבען טיפע קנייטשען.

— די ממשלה וועט זיין ביי זיי אין די הענד, ביז מיר, די אַלע אָרימע, פערפינסטערטע, פער'חשכ'טע, וועלען נישט אָנהויבען פערשטעהן, אַז אַזוי איז נישט געווען פון ששת ימי בראשית און אַזוי דאַרף נישט זיין. דער גאַנצער בנין האַלט זיך נאָר אויף אונזער איינגעבויגענעם קאָפּ. און אָט דערויף, כּדי צו וועקען די פערשלאָ־פענע, כּדי צו ווייזען די, וואָס ליעגען אין דער פינסטער, אַז עס ווערט שוין טאָג, כּדי צונויפצובינדען די צושפּרייטע כחות און בעשאַ־פען אַ פעסטע קראַפט, זענען מיר, איך מיט מיינע חברים, אַרויס־געגאַנגען אויף אונזער שווערען וועג. גרויס זענען די שטרויכלונגען, שווער זענען די נסיונות, נאָר פרעהליך לייכט פאַר אונז די זון פון דעם נייעם טאָג, און, ווי פאַר די יודען אין דעם מדבר דער עמוד האש, געהט פאַר אונז די האָפנונג און גיט אונז אַריין אַלע מאָל נייעם כּח. און אונזער מיה ווערט נישט פערפאַלען, אונזערע זוימען פאַלען אויף אַ פעטער ערד און ברייגען פרוכט. אין אַלע עקען פון דער וועלט, וואו נאָר עס גיסט זיך דער שווייס פון די קנעכט, הויבען זיך שוין אָן ריהרען גרויסע, וואונדערבאַרע מחנות פון ברי־דער. זייער ערשטער טריט איז — אַ פלוך צו די רויבער, וואָס האָ־בען ביי זיי צוגענומען דאָס ליכט פון לעבען; זייער לעצטער טריט וועט זיין — אַראָבוואַרפען פון זיך די פרעמדע ממשלה און בעשאַפען

אַ נייע וועלט — אַ וועלט פון גערעכטיגקייט, אַ וועלט פון פרייהייט.

וואונדערליך האָבען געקלונגען די יונגע רייד אין דער שטיל פון דער נאַכט. ס'איז אויפגעגאַנגען די לבנה און האָט געגאָסען איהרע זילבערנע שטראַהלען אין דעם קליינעם חדר'ל אַריין. צפורה האָט שוין געדרעמעלט אין איהר ווינקעל. אויפ'ן שטרענגען פנים פונ'ם אַלטען האָט זיך בעוויזען עפּעס אַ ווייכקייט.

## VII.

די נאַכט איז געפלויגען. אַ גרויסער וואָלקען האָט זיך אַרויפ־געדריקט אויף דער לבנה, און ס'איז מיט אַ מאָל פינסטער געוואָרען. אַ וואונדערליכע שטילקייט האָט געהערשט אין דער פינסטערניש. ערגעץ דאָרט, העט ווייט, האָט זיך געלאָזט הערען עפּעס אַ שטיל קול: ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיפצט די נאַכט אַליין. אַ ווייסער שמעטערלינג איז אַריינגעפלויגען און האָט זיך געדרעהט אַרום לאָמפּ. דער אַלטער איז געזעסען און זיך צוגעהערט צו אברהם'ס רייד. פון זיין קאַלטער מינע איז קיין סימן נישט געבליבען. עפּעס ווי דאָס וועהען פון אַ וואַרעמער לופט האָט צושמאָלצען זיין האַרץ. דאָס פנים האָט זיך צוהיצט, דאָס קול האָט געציטערט און די שאלות האָבען נישט אויפגעהערט צו שיטען זיך.

— אָבער גוואַלד! ווען וועט דאָס זיין? דערווייל זיצט איהר דאָך אַ מעוט? דערווייל זיצסט דו אין טורמע, און זיי טוען, וואָס זיי געפעלט.

ווי אַ בליץ איז דורכגעלאָפען דורך אברהם'ען. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אונרוהיג אָנגעהויבען שפּאַנען איבערן חדר.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, וואוהין עס געהט איצט די וועלט, איך האָב דיר שוין בעוויזען, אַז דאָס לעבען שטעהט נישט, עס רופט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך די אונטערדריקטע, עס שטויסט זיי צוזאַמען אין די גרויסע שטעדט, עס נויט זיי צו אָנהויבען פער־שטעהן, צו נעהמען זיך צו דער מלחמה. און וואָס לעבעדיגער מיר וועלן איצט אַרבייטען, וועלן זיי פריהער דערקענען דעם אמת און גיכער אַראָבוואַרפען דעם יאָך. דו רעדסט וועגען טורמעס? נאַר זאָג מיר,

צי האָסטו די ערגעץ געזעהן אַזאַ טורמע, מען זאָל אין איהר קענען פערשפּאַרען דעם גייסט פון אַ מענשען? צי האָסטו די געזעהען, אַז הויכע ווענט זאָלען קענען פערשטעלען דעם אמת? מען פערשליסט? מען חאַפּט צעהנדליגער? עס קומען הונדערטער אויף זייער אָרט. דאַרף מען נאָך האָבען אַ בעסערן סימן, אַז דער נצחון וועט זיין אויף אונזער זייט?

איצט האָט זיך שוין דער אַלטער אויפגעהויבען און אָנגעחאַפּט דעם זוהן פאַר׳ן לאַץ פון ראָק. זיינע אויגען האָבען געפינקעלט.

— אָבער וואָס וועט ד י ר אַרויסקומען? וואו וועסט דו שוין זיין, אַז ס׳וועט אָנקומען די ישועה? ווער וועט ד י ר אומקעהרען דיינע פערלאָרענע יונגע יאָהרען?

אברהם האָט זיך אָבגעשטעלט און מיט אַ לאַנגען בליק געקוקט אין די אויגען פונ׳ם אַלטען.

— און ד יי נ ע יאָהרען זענען דען נישט פערלוירען? דיין כח איז דען נישט אוועקגעגאַנגען לאבוד? איז, הייסט עס, נאָך דיין דעה נאָך, בעסער צו זיצען אין תפיסה און גאָר נישט טראַכטען וועגען בעפרייאונג, גאָר נישט דערמאָנען וועגען בלויען הימעל און דער ליכטיגער זון? און דו זאָלסט דאָס זאָגען? — דו, וואָס דו ביזט אַלע דיינע יאָהרען אָבגעזעסען אין דער פינסטער? און אַז א י ך קען אַנדערש נישט? אַז ס׳איז מיר נישט מעגליך צו עטעמען אין דער פערשטיקטער לופט, אַז עס ווערגט מיך און איך מוז זוכען אַ וועג פרישער צו מאַכען דעם פערפוילטען אויר? און ווי איז, מיינסט דו, גלייכער אָבצולעבען דאָס ביסעל יאָהרען: אין שטילקייט און הכנעה, אָדער צווישען די, וואָס געהען צו ליכט און גליק, צווישען שטורם און בליצען? אמת, ס׳איז דאָ נאָך אַ דריטער וועג: איבערגעהען צו זיי. אַריינגעהן אין דער משפחה פון די זאַטע, אַנטאָן ווייסע קליידער און רוהיג געניסען דאָס בלוט און דעם שווייס פון די ברידער. אפשר אָט דאָס, מיינסטו, האָב איך געדאַרפט טאָן? אַריבערפּעקלען זיך צו די שונאים און זיך אָבזעגענען מיט די, וואָס וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע? איך בין אָבער ד יי ן זוהן, און דערויף בין איך נישט פעהיג.

די צייט איז געגאַנגען. דער שמועס האָט נישט אויפגעהערט. איצט זענען זיי שוין ביידע געשטאַנען בייִ׳ם פענסטער, און גערעדט

און איבערגעשלאָגען איינער דעם צווייטען. די אויגען ביי ביידען האָבען געלויכטען, די פּנים'ער זענען געווען אויפגערעגט.

---

# VIII.

ט'האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. אַ ווינטעל האָט גערוישט אין די צווייגען. דאָס וואַסער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבען מור-מלען. די גרויסע בערג פון וואָלקענס האָבען בעקומען אַ רויטליכען גלאַנץ. פונ'ם פעלד האָבען אָנגעהויבען קלינגען פרישע קולות.

צפורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם פאָטער מיט'ן זוהן. זיי האָבען זי נישט בעמערקט און ווייטער גע'טענה'ט.

— אויפ'ן גאַס, זאָגסטו? פיערציג טויזענד?

— און ווייסטו, וואָס זיי האָבען געשריען? ווייסטו וואָס פאַר אַ וואונש ס'האָט געפלאַקערט ביי אַלעמען אין הארצען? אַ ר אָ ב ד י ק יי ט ע ן! די ווערטער האָבען געלויכטען פון זייער פאָהן. און אין ליטאָ...

ס'איז שוין רעכט טאָג געוואָרען. די זון האָט שוין פערפלייצט דאָס שטיבעל מיט איהרע לעבעדיגע שטראַהלען. דער טייך, און דאָס פעלד, און די בוימער האָבען געלויכטען און געשמייכעלט פון שמחה.

— און וואָס רעכענסטו איצט צו טאָן?

די אַלטע צפורה, וואָס האָט עפּעס געטאָן אין בעל-הבית'יש-קייט, האָט זיך אָבגעשטעלט, ווי פערשטיינערט, און נישט אַראָבגעלאָזען פון אברהם'ען איהרע אויגען.

— און וואָס רעכענסט דו, זאָל איך טאָן? איך האָב מיין וועג פאַר זיך. שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג וועל איך פאָהרען.

— וואוהין? האָט אַ פרעג געטאָן צפורה, און דער פּנים איז ביי איהר געוואָרען ווייס, ווי קרייד.

— וואָס הייסט וואוהין? אין שטאָדט אַריין, צו די חברים, צו די אַרבייטער.

מיט איין שפּרונג איז צפורה צוגעלאָפען צו אברהם'ען, אַרומ-

געלאפט זיין האלז, און קוקענדיג מיט תחנונים איהם אין די אויגען, האט זי אנגעהויבען רעדען, און איהר שטימע איז געווען אנגעזאפט מיט טרערען.

— זוהן מיינער! דו ווילסט ווייטער אוועקפאהרען? ווילסט אונז ווייטער פערלאזען אויף אונזערע עלטערע יאהרען? דו—אונזער קדיש, אונזער איינציגער טרייסט? אפשר ווייסטו נישט, וואס מיר האבען איבערגעלעבט׳ אפשר ווייסטו נישט, וואס פאר א וואונד מיר טראגען אין הארצען? גאט איז אנ׳עדות, אז ס׳איז נישט אוועקגעגאנגען קיין טאג, איך זאל נישט בעטען פאר דיר, איך זאל נישט אויסוויינען פאר איהם מיין ביטער הארץ. גאט איז מיין עדות, אז איך וואלט מיט שמחה זיך לאזען אריינזעצען אין טורמע פאר דיר, אז איך וואלט מיט א תענוג זיך לאזען אויסצאפען דעם לעצטען טראפען בלוט פאר דיין מינדסטען נאגעל. אוי, דיינע גראטעס! אוי, דיינע אייזערנע טהירען! מיט זייער גאנצער משא זענען זיי געלעגען אט דא, ביי מיר אויפ׳ן הארצען, און געקוועטשט און געשטיקט, און נישט געלאזט חאפען דעם אטעם. זוהן מיינער! גאט האט אונז געטאן דעם נס: דו ביסט ווייטער ביי אונז אין שטוב, מיר האבען דערלעבט צו זעהען דיך מיט אונזערע אויגען, ווילסטו אונז אצונד ווייטער אוועקווארפען? ווילסט אונז איבערלאזען עלענד, ווי א שטיין אין פעלד? מיר זענען אלט און קראנק. ס׳איז ביי אונז קיינער נישט געבליבען אויף דער גאנצער וועלט, חוץ דיר. דו דארפסט אונז אויסהיילען אונזערע וואונדען, דו דארפסט אונז לאזען אויסרוהען זיך פון אונזער שווערען לעבען. בלייב ביי אונז! לא׳מיך דערלעבען דעם נחת צו זעהען דיינע קינדער, לאז אונז אויף דער עלטער זויפגעהן דער מארגענשטערן! זוהן מיינער! ביזט דאך ביי מיר כמעט ווי א בן־יחיד, טרייסט מיינער, הארצען מיינס! בעטראכט אונז! קוק אן דיין אלטען טאטען מיט זיינע דארע, אויסגעהארעוועטע הענד! קינד מיינס! געה נישט פון אונז.

טרערען האבען זיך געגאסען אויפ׳ן דארען פערקניטשטען פנים, טרערען האבען געגלאנצט אויף די אויגען פון דעם יונגען מאן. זלמן איז געזעסען אין ווינקעל און מיט א טיעפען בליק געקוקט אויף ביידען.

דער מוטער׳ס פערפלאמטע אויגען האבען זיך נישט אבגעריסען פון אברהם׳ען, און דאס הארץ האט געקלאפט אזוי שטארק און מיט אזא יועהטאג.

ס'איז אוועק א ווײַלע.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען א פּאָר טריט, אויפגעהויבען די הענד און געזאָגט מיט א פעסטער שטים:

— ניין, צפורה, לאָז איהם געהן. מיר טאָרען איהם נישט פערהאַלטען. זיי געהען אין א הייליגען וועג. איך האָב געלעבט ביז אהער אין דער פינסטער. מײַנע יאָהרען זענען אוועק, לאָז מיין זוהן האָטש לעבען ווי א מענש. זיי געהען, צפורה, מלחמה האַלטען פאַר אונז, פאַר אַלע. זיי געהען אויסווישען אַלע טרערען, פערהײַלען אַלע וואונדען. געה, מיין זוהן! האַלט ווייטער מלחמה מיט אַלע אונזערע שונאים. גאָט זאָל מצליח זיין דיין וועג. קיין בעסערע טרייסט דאַרף איך נישט...

ווייטער האָט ער נישט געקענט ריידען. טרערען האָבען דערשטיקט זיין שטים.

די זון האָט געגאָסען אין שטוב אַריין איהרע גאָלדענע שטראַהלען...

אויגוסט 1904.

# די לעצטע קויל.

פון די ווינקלען הויבט זיך לאנגזאם א פינסטערניש — א טיעפע מרה־שחורה. אויף די שווארצע אומעט־פליעגעל שוועבען לאנגע, ווייכע שאטענס, און צוויי אויגען, שווארצע, טיעפע, ברייט געעפענט, ברע־נען אין א פיבער־פלאם, קוקען גלייך אין מיין נשמה... און די שטים קלינגט:

„...ס'איז שוין נאכט געווען. מיר זענען צוויי אין שטוב גע־ווען: מיין יונגע שוועסטער און איך. ווייט פון מענשען, ווי אין א מדבר, אליין איך און זי, אין מיין רעוואלווער איז איין איינציגע קויל נאך געבליבען...

נאכט. אהן א ליכט. שטיקער פינסטערניש, קאלטע, הארט פערגליווערט, רוקען זיך פון אלע זייטען, קומען נעהענטער און דריי־קען. און די שטילקייט לויערט. און דאס בלוט פריהרט אין הארצען, און עס קלאפט אין קאפ, ווי שטיינער. וואס קלינגט דאס? וואס בליצט?

שטיל. א ים פון שווארצען טויטען פינסטערניש קוקט אריין אין שטוב. מחנות שווארצע פויגלען פלאטערן מיט זייערע פליעגעל, שווע־בען אום אין אלע זייטען, קלאפען אין מיין פענסטער. וואס ווילען זיי? אינמיטען גרויסען הויף א קליין לאמטערנדיל — פון גאט און לייט פערגעסען. און עס וויינט מיט קורצע שטראהלען־טרערען און גיסט זיי אין דעם פייכטען ים פון דער נאכט.

וואס איז דאס? ווער האט אויסגעשפרייט א דינעם רויטען שלייער אין דעם נעבעל פון דער נאכט? האט דער גיהנם דאס א הויך גע־טאן? האט מען בלוט אריינגעגאסען אין דעם שווארצען פעך? קוקט

זיך איין: רויטע שטראַהלען שניידען דורך די געדיכטע נאַכט, רויטע חוואַליעס וויעגען זיך און פליסען אין דעם שוואַרצען ים.

עס ברענט די שטאָדט... אין מיין צימער ליעגט אַ רויטער שימער אויף דער וואַנט, און איך זעה מיין שוועסטער... קינד מיינס! שטילע טרוימען פון מיין האַרצען, העלער זונען־שטראַהל! צוויי גרויסע טרערען־בעריל האָבען לאַנגזאַם זיך געקייקעלט איבער איהר געזיכט און אַ שטומע פראַגע האָט מיט אַנגסט געשריען פון די גרויסע אויגען. און דער פנים איז געוועזען וויים ווי קרייד... קינד מיינס, קינד מיינס!...

...שטילער! עס געהט שוין. שטילער, ריהר זיך נישט פון אָרט! אָט איז דאָס. עס ברומט פון דער־ווייטענס. עס רוישט און רוקט זיך אַלץ ווייטער, און די ערד קרעכצט. די נאַכט איז רויט, די נאַכט טוט גליהען אין אַ העליש פייער, און אַ שטראָם פון קולות גיסט זיך, וואַקסט און פלאַמט און ווערט פערפלאָכטען מיט די פייער־צונגען, נעהנטער אַלע ווילע.

דאָס זענען זיי, פון דער ערד ביז דעם שטומען, ווייטען הימעל — אַ געשריי. און זיי לאַכען, צייהנער שקריען, טויטע ביינער קלאַפּען; זיפצען שטילע גליטשען זיך איינזאַם אויף דער נאַסער ערד, און פון וועהטאָג יאָמער־קלאַנגען, שאַרפע, בלאַנקע, ווי די מעסערס, שטעכען דורך די רויטע לופט. דאָס זענען זיי. אין אַ שדים־טאַנץ אַ ווילדען דרעהען, וואַרפען זיך געשרייען, רויטע, שכור'ע, פערבלוטיגטע; טאַנצען, שפּרינגען, ווערן ברייטער, ווערן גרעסער, העכער, שאַרפער, פילען אָן דעם גאַנצען הימעל, פילען אָן די וועלט!...

און שוין נאָהענט, אונזער הויז בעלאַגערט. עפּעס קלאַפּט מען, עפּעס הילכט און ציטערט. קינד מיינס!

פול דער הויף. רויטע פאַקעלן ברענען. פאַסען רויך וויעגען זיך איבער די קעפּ. מען געהט, עפּעס ברומט. איין לאַנגער אַנגסט־געשריי האָט דורכגעלעכערט דאָס הויז ערגעץ דאָ, ערגיץ נאָהענט, און פערשטאַרבען באַלד. און זיי געהען ווייטער, ווייטער. שוועסטער מיינע! קוק נישט, מאַך נישט ווייך מיין האַרץ מיט דיינע גרויסע רחמנות־אויגען!

זיי געהען, אָט דאָ, אַ שלאַנג, אַ לאַנגע, אַ שווערע, רוקט זיך אויף די טרעפּ. ס'קרעכצט דאָס האָלץ, ס'קנאַקט און קנאַלט, און ס'ציטערן די ווענט. ס'ברויזען חוואַליעס, ס'רוישט אַ שטורם. ניין!

דאָס געהען זיי. און דאָס גאַנצע הויז — עס ליעגט פערציטערט, ס'ליעגט פערשטאַרבען, איז אַ טויטער אַנגסט. און אין מיין רעוואָלווער איז געבליבען איין איינציגע קויל...

טראַך!... עס פּלאַצט און שאָקעלט זיך די טהיר. טראַך! נאָך איין קורצער אויגענבליק. נישטאָ קיין צייט! שוועסטער; האָסט זיך אָנגעקלאַמערט אָן מיין רעכטער האַנד, און דו ציטערסט, און דו פרעגסט ביי מיר אָהן ווערטער, און דו וואַרטסט פון מיר אַנ'ענטפער. און די אויגען זענען טרוקען, און עס פלאַמט אין זיי דיין יונגע צאַרטע זעעל. איך,—דיין ברודער, דיין בעשיצער, איך. גלויבסט אין מיר? האָפסט נאָך? גלויב נישט; האָף נישט; קיינער וועט דיך שוין נישט שיצען! קיינער... קינד מיינס! יונגע צאַרטע בלום...

אַט שטעהען זיי פאַר דיר. אין די אויגען בלוט און פייער; אויף די ליפּען שאַנד. זיי לאַכען. ווילדע תאווה רייסט אַרויס פון הארצען ווילדע קולות. זייער הייסער אָטעם ריהרט שוין דיינע ווייכע לאָקען, פלעקט דעם ווייסען ריינעם שטערן. און עס ציהען זיך די הענד צו דיר... שטעהט!...

אין רעוואָלווער איז ביי מיר איין קויל געבליבען. זי האָט דיך, מיין שוועסטער, אויסגעלעזט. נישט געציטערט האָט מיין רעכטע האַנד... ווי אַ בלימעל האָסטו זאַנפט דיין קאָפּ געבויגען. און אַ העלער טראָפּען בלוט איז אויף דער זייד פון דיינע האָר געפאַלען. און דיין ליפּען איז אויף מיין ברוסט פערשטאַרבען.

# אין דער נאַכט.

ווידער אַמאָל — נאַכט.

דרויסען פאר דעם פענסטער אַ גרויער פאָרהאַנג, און ער וויעגט זיך, און וויקעלט זיך און בלייבט אַלץ אַזוי געדיכט. אַזוי פאַרבלאָז און טויט.

אין מיין קאַמער צאַנקט דאָס לעמפעל. אַ גרויער, דינער שטויב איז, דאַכט זיך, אויסגעגאָסען אין דער לופטען. איז דאָס דער אָטעם פון די גרויע ווענט? אָדער ס'הויבט זיך דאָס אַ נעבעל פון דער נאַסער ערד?

דער גרויער שטויב! ער שפּאַרט זיך צו די ווענט, ער דריקט מיט ווייכע וועלן דעם באַלקען איבער מיין קאָפּ, ער גלעט אראָב די שאַרפקייט פון די ווינקלען און גיסט זיך, גיסט זיך לאַנגזאַם דורך די גראַטעס אין דער קאַלטער נאַכט אַריין — אָהן אַנ'עק.

דאָס לעמפעל, דאַכט זיך, ברענט אַזוי ווייט. קוים דערגרייכען זיינע געלע, טריבע שטראַהלען. ווי קענען זיי דורכשטעכען דעם שטענדיגען וואָלקען?

איך שווים אין דעם וואָלקען... קיין אָנהויב, קיין סוף. די צייט ריהרט זיך נישט פון אָרט, אָדער אפשר אַיילט זי אַזוי שנעל, אַז איך קען נישט מערקען איהר ראַשע בעוועגונג?

איז דען נישט אַלץ איינס? די צייט לויפט שנעל און בלייבט אויף איין אָרט... ווי מיינע געדאַנקען.

*   *

*

שטיל איז. און איך הער, ווי עס גיסט זיך די שטילקייט אין

דער קאַלטער נאַכט, און זי קוקט מיר אין די אויגען — די טויטע שטילקייט פון דער נאַכט, און קלינגט ווי טראָפּענס קלאָרע וואַסער, ווען זיי פאַלען אויף א בלאַנקען גלאָז.

דאָס קלינגט מיר אין קאָפּ... איך הער, ווי די שטילקייט פאַלט ערגעץ טיעף אין אָבגרונד, א טראָפּען נאָך א טראָפּען, און קלינגט מיט א זילבערנעם קלאַנג.

די נאַכט איז שטום און לעבט אין שטומקייט איהר מערקווירדיג לעבען. און עס וואַקסען בילדער אין איהר שוים.

אָט זענען זיי — מיינע געסט אין די לאַנגע שטומע נעכט! פון דעם ווינקעל, פון דעם פּיילטען נעבעל שטעהען אויף געשטאַלטען, אָהן בלוט, אָהן לעבען, און זיי קומען נאָהענט, און זיי ווינקען מיר פון וויימענס, און איך זעה און זעה נישט.

בלייכע געסט פון טויבע, טריבע נעכט, קראַנקע בילדער פון מיין קראַנקען קאָפּ, — געהט אוועק!...

זיי וועלן בלייבען דאָ די גאַנצע נאַכט. זיי וועלן שטעהן איבער מיין געלעגער. זיי וועלן שפּראַצען פון די עקען, זיי וועלן וואַקסען פון די אַלטע, קיהלע ווענט.

* *

*

ער שרייט שוין ווידער...

ווי הילכיג די טורמע! ווי קלאָר לאָזט זיך הערן דאָ יעטווי-דער קלאַנג!

ער זיצט דאָך אַזוי וויט. מ'האָט איהם איינגעשפּאַרט אין דער לעצטער קאַמער. און די טהיר איז פעסט געשלאָסען. פעסט.

עס הויבט זיך אָן. איך וויים — עס וועט דויערן די גאַנצע נאַכט. איז דאָס די שטילקייט, וואָס דריקט אויף זיין היציגען כח? זענען דאָס די נאַכט-בילדער פון זיין פערוואונדעטען גייסט?

זיין שטים קלינגט נאָך פול געבעט. טרערען גלאַנצען אין דעם ווייכען בעטען. האַרציג טרויערט זיין בקשה.

וואָס איז דיר, מיין קראַנקער אָדלער? וועמען בעטסטו אין דער גרויער נאַכט? בעט נישט, קיינער וועט נישט הערן!

קיינער? האָסט א טעות! ס'הערן אַלע, אַלע. אַלע — גייסטער

איינגעשפּאַרט אין גרויע שטייגלעך, אַלע — מענשען זענען מיר אַמאָל געווען. און געאָטעמט אונטער בלויע הימלען, מיט די הענד אַרומגענומען ווייטע וועלטען...

בעטסטו ליכט און פרייע ווינטען?...

... פול תחנונים זיינע קלאַנגען. און עס ברומט אין זיי שוין אַ פערשטיקטער צאָרן.

די שטילקייט נעהמט אַריין די קלאַנגען און שליידערט זיי מיט כח אין מיין קאַמער. און דער שטויב דער גרויער גיסט זיך, גיסט זיך, לאַנגזאַם, און פערשלינגט זיי אַלע — אַ חוואַליע נאָך אַ חוואַליע.

וואָס זשע ברענט דער מח אין אַ צוואַנג פון אייזען? פונקען העלע בליצען פאַר די אויגען?

און די קלאַנגען ווערן שטאַרקער, ברייטער, און עס ברויזט און ברענט אין זיי אַ ווילדער צאָרן. די געשרייען רינגלען מיך אַרום פון אַלע זייטען, פילען אָן די שטילקייט ביז די ברעגען, רייסען אויס די בריקען און פערפלייצען אַלץ, און פערשפּרייטען זיך אַלץ ווייטער, העלער.

אויסגעטריקענט שוין, פערברענט די טרערען; גיפט און גאַל — אַ שטראָם אַ הייסער...

אוי, ווי ער שרייט! וועט דאָס גאַר קיין עק נישט נעהמען? וועט נישט קומען שוין דער ליכטיגער פריה-מאָרגען?...

*   *

*

כ'וועל אַרויף צום פענסטער. כ'וועל מיין הייסען שטערן צודריקען צום קאַלטען גלאָז.

הינטער מיר — דער גרויער קאַסטען. גרויע שאָטענס וויגען זיך און שוועבען. דרויסען — שוואַרץ, אַ לעערער אָבגרונד. און דער אָבגרונד קוקט מיט טויטע אויגען. און עס שרייט...

דאָס שרייט אַלץ ער...

אַ געברום, ווי אַ וואָלף, פערוואונדעט, איינזאַם, אין אַ ברייטען פעלד. און אַ בלינדער כעס, און אַ ווילדער וואוט, אַ גליהענדער, ווי העליש פייער, שרייט אין וואַרפט זיך, און שטעכט מיין מח מיט טויזענדער שפּיציגע נאָדלען.

עס שרייט אָט דאָ, נעבען מיר. קולות ווערן געבוירען פון דער ענגער לופט, קולות דרעהען זיך אַרום מיר, פאַלען ווי שטיינער פון אויבען, קריכען אַריין דורך יעדען שפּעלטעל, פערשאַרפען זיך דין, ווי אַ שפּיז. קולות קומען און פערגעהען און יאָגען איינער דעם צווייטען...

וואו שרייט מען? דאָס איז שוין נישט ער — מיין קראַנקער חבר. דאָס שרייט אין מיר אַליין. דאָס שריי איך...

די שטומע נאַכט האָט אויסגעשצירעט די ציין און לאַכט.

# אין וואַגאָן.

(שטריכען).

---

עס רוישען די רעדער...

די נאַכט האָט זיך צוגעפרעסט פון דרויסען צו די פענסטער מיט איהר פייכטער ברוסט. דאָס ליכט אין ווינקעל צאַנקט איינזאַם און טרויעריג, ווי דאָס לעבען פון אַ פערוואָגעלטען מענשען. אַ שטויביגע, שווערע פינסטערניש וויעגט זיך שטיקערווייז און פלאַטערט אין אַלע זייטען. און די פענסטער קלינגען און קרעכצען אין שטילען קומער.

חיים זיצט אין ווינקעל. שטיל, אָהן בעוועגונג, נאָר די אויגען ברענען. גלייך און שאַרף שטעלען זיי זיך אריין אין די ריהרעוודיגע שטומע שאָטענס. און עס דאַכט זיך: זיי האָבען איינגעזאַפט אין זיך די גאַנצע פינסטערניש, אויסגעוויקט די שוואַרצע שטראַהלען זייערע אין דער טיעפעניש פון איינזאַמען אומעט.

נעבען פענסטער פליהען פאַרביי רויטע, לאַנגע פונקען און ווערן דערטרונקען אין דעם פייכטען ים פון דער נאַכט, און ווי די פונקען אין דרויסען גליהען אויף אין זיינע אויגען אונהיימליכע פלאַמען, און אַ ציטערונג פון וועהטאָג פליהט דורך ווי אַ בליץ איבער זיין יונגען פנים, און די האַנד פרעסט קראַמפּפהאַפט צוזאַמען דעם רעוואָלווער אין טאַש, ווי אַ פריינד אין פערצווייפלונג די האַנד פון זיין איינציגען פריינד.

* *
*

עס רוישען די רעדער, עס קרעכצען די רעדער, עס ווײנט און זיפצט די נאַכט. און אין האַרצען קלעמט און נאָגט אַזוי טיעף. בילדער שטעהען אויף פון אַלע עקען און קוקען אין די אויגען, און עס שמאַרצען הײס די אַלטע וואונדען.

ער זעהט זײן פאָטער, זײן אַלטען פאָטער דאָרט ווײט, אין ווײסטען, פערוואָרפענעם שטעדטעל. שטיל איז דאָרט און פינסטער. די קלײנע הײזלעך זענען צוגעפאַלען אין אַנגסט צו דער קאַלטער ערד, און די נאַכט שפּאַנט אויבען איבער זײ מיט שווערע טריט און גיסט פערפוילטע טרערען פון שטומען יאוש. און דער בוים אונטער'ן פענסטער פלאַטערט מיט זײנע נאַקעטע נאַסע צווײגען און זינגט דעם אַלטען אַ לאַנג, לאַנג ליעד, טרויעריג, ווי די הערבסט-נאַכט, אונענדליך, ווי די לײדען פון אײנזאַמער עלטער.

און דער אַלטער ליעגט אַלײן אין זײן שטיבעל און טראַכט. און עס ציהט זיך און ציהט זיך דער פּאָדים פון זײנע געדאַנקען, ווי דאָס יאָמערן פונ'ם ווינט אַרום זײן שטיבעל—זײן קבר.

וואָס האָבען זײ געוואָלט? זײ האָבען זײן נעסט צורויבט, זײ האָבען זײנע שנײ-ווײסע האָר מיט דעם בלוט פון זײנע ליעבע בעפלעקט; זײ האָבען איהם אויף די חורבות פון זײן הײליגטום געשענדעט, זײ האָבען איהם צווישען פײער און אײזען געשלעפּט,—פאַרוואָס האָבען זײ איהם לעבען געלאָזט? זײ האָבען איהם דעם טויט געוויזען,—און האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט! זײ האָבען צוגענומען דאָס ליכט פון זײנע אויגען און איהם דאָס לעבען געשענקט...

פינסטער איז די נאַכט. אײנזאַם און פינסטער. דער ווינט קלאָגט. די צווײגען יאָמערן אונטער'ן פענסטער. און אַלטע, אויסגעדאַרטע דערנער בויגען זיך און ציטערן און רופען דעם טויט.

* *
*

עס רוישען די רעדער, עס שוועבען די שאָטענס. און עס דולט

זיך; עפּעס שוואַרצע, צופּליקטע געשטאַלטען פליהען האַסטיג ביי די פענסטער, קוקען אַריין פון דרויסען מיט זייערע קאַלטע, נישט זעהעני־דיגע אויגען, קלאַפּען זיך מיט פערצווייפלונג אין דעם נאַסען פערווינטען גלאַז, איילען זיך און פליהען, און פליהען, אָהן אַנ׳אויפהער, אָהן אַ ציעל.

און עס פליהען זיינע געדאַנקען. און עס שטעהען פאַר זיינע אויגען זיין פרוי און זיין קינד — זיין טרייסט אין עלענד און נויט. הויכע ווענט און גרויע שטיינער און אייזערנע גראַטעס. און שטומע פיגורען פון וועכטער, ווי שטומע מצבות אויפ׳ן קבר פונ׳ם גליק. און אין ענגען, פער׳חשכ׳טען קאַסטען, אין די קאַלטע שטיינערנע אָרעמס — זיין ווייב און זיין־קינד. און עס לויפען די טעג. גרויע ווענט אָטעמען מיט אַנ׳אָטעם פון טויט. שטומע נעכט פרעסען מיט פערשטיקטע זיפצען, מיט נישט אויסגעוויינטע טרערען. און אויגען, פול מיט תאוה, פול מיט בלוט, רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטען. און אין די נעצען ווארפט זיך און געהט אויס פון די כוחות זיין ווייב—די מוטער פון זיין קינד.

— טאַטע!...

אויף דעם פענסטעריל, צווישען די אייזערנע פּרענטעס, האָט זיך בעוויזען דאָס פנים פון דעם קינד. ווי אַ בלימעל—צאַרט און ווי אַ בלימעל—ריין. און די ליכטיגע גרויסע אויגען האָבען געקוקט אַראָב, אין הויף אַריין, צום פאָטער. און געלויכטען האָט אין זיי אַ אונענדליכע טרויעריגע ליעבע. און די הענטעלעך האָבען זיך גע־צויג׳ען צו איהם.

— טאַטע!

ווי אַ סטרונע האָט געקלונגען דאָס קול׳כעל, ווי אַ סטרונע פון אַ האַרפע אין דעם מדבר, איז אָבגעריסען און פערשוואונדען געוואָרען. ווי אָבגעשניטען—מען טאָר נישט קוקען דורכ׳ן פענסטער!

דער וועכטער האָט אָנגעציעלט אויף דעם פענסטער זיין ביקס.

* *

*

עס רוישען די רעדער, עס גליטשען זיך די שאָטענס, עס קלינגען די פענסטער. און עס וועבט זיך אין דער לופטען אַ לאַנגע,

איינטעניגע מעשה; זי דערצעהלט פון לאַנגע, אונענדליכע וועגען פון וויסטע פעלדער, פערשאָלטענע ווינקלען, פון טויב-שטומע נעכט און פון טעג אָהן אַ זון. פון אייביגע איילען דערצעהלט זי, פון שטענדיגען טרייבען און יאָגען, אָהן אויפהער, אהן ענד...

עס לויפט די נאַכט, זי האָט איינגעשלונגען אַלץ אין אַ לעדי-גען אָבגרונד און איילט זיך האַסטיג. ווייטער, ווייטער, אַלץ ווייטער. וואוהין?

ערגעץ ליעגען זיי איצט אין דעם שוים פון דער נאַכט—זיינע פריינד, זיינע חברים אויף לעבען און טויט. אַרויסגעריסען. פערוואָר-פען. וואו זענען זיי?

טויטע פעלדער. קאַלטע טיילען צווישען ווילדע פעלזען. וועל-דער ברייטע, ווי די ימים. טויטע שטילקייט אָהן אַ ברעג.

שאַרפע נעגעל רייסען אויף שטיקער די לויכטענדע נשמות. שטיקענדע פער׳סמ׳טע אָטעמס לעשען די העלע פלאַמען, און עס קריכען פון די ווינקלען נאַסע, גליטשיגע ווערים און בייסען, און שטעכען, ווי דינע נאָדלען.

ס׳טריפט דאָס בלוט, אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען. און עס צאַ-פּעלט און עס וואַרפט זיך דאָס האַרץ—צום לעבען, צום ליכט...

* *

*

עס רוישען די רעדער. עס דריקען די שאָטענס. פונקען פלי-הען, גליהען, שווימען און פערשווינדען שנעל. און דאָס בלוט—עס זידט און קאָכט, און די האַנד האַלט פעסטער דאָס געוועהר. און אַ קללה ווערט געבוירען, הייס, ווי בלוט, און איינגעטונקט אין ברענענדיגער גאַל.

מיט אַ שווערד, אַ קאַלטען, אָהן רחמנות, ווי דער אָטעם פון דעם טויט, מיט אַ מבול בליצען, שנעלע, שאַרפע, ווי דעם מענ-שענס גייסט, מיט אַ שטראָם פון שנאה, גיפטיג, טיעף און קאָכיג,— געגען פיינד! מיט אַ טויט פערצוימען איהם דעם וועג, מיט אַ טויט בענגענען זיין יעדען טריט, מיט אַ טויט איהם קוקען אין די אויגען און פערטרייבען זיינע שמחות, און פער׳סמ׳ען יעדען קוואַל פון זיינע פריידען, און פערלעשען אַלע האָפנונגען און טרייבען איהם און

טרייבען—צו זיין גרוב. און דאָס האַרץ זאָל זיין פון שטיין, און ד׳ האַנד—ווי שטאָהל. ריין זאָל ווערן!...

* *

*

עס רוישען די רעדער. עס שוועבען געדאַנקען, שווערע ווי בלייערנע וואָלקען, העלע, ווי בליצען, טריבע, ווי מענשליכע צרות.

חיים זיצט אין ווינקעל. צוגעשפּאַרט דעם הייסען שטערן צו דעם פייכטען גלאָז. אַיינגעזונקען די בליקען אין די שוואַרצע וועלען פון דער נאַכט. רוהען? ניין! אויף אייביג איז פערוועלקט זיין רוה, אויף אייביג אָבגעבראָכען איהרע זאַנפטע פליגלען... רוהען וועט ב׳שט דער, וואָס טראָגט אין האַרץ דעם טויט.

עס לויפט די נאַכט. דאָס ליכט אין ווינקעל ראַנגעלט זיך אָהן כוחות מיט די שאָטענס, בויגט זיך, פלאַטערט אין דער לעצטער גסיסה. און צוויי אויגען קוקען שוין אַ ווײַלע פון דעם צווייטען ווינקעל, האַלב פערבאָרגען אין דער פינסטער, האַלב געשלאָסען, שאַרף און שניידענדיג, ווי דינע מעסערס, און זיי שטעכען דורך און דורך דעם קרבן.

דאָס זענען זיי. חיים דערקענט זיי. דאָס יאָגען זיי איהם נאָך. זיי רינגלען אַרום זיין יעדען טריט. זיי לויערן אויף אַלע זיינע וועגען. זיי צושטערן דאָס, וואָס ער בויט, און וועבען אַרום איהם אַ נעץ, פון וועלכער ער וועט זיך נישט ראַטעווען.

און עס גלאַנצט אין זיי שוין די שמחה פון נצחון — צו פריה...

חיים שטעהט אויף און געהט אַרויס פון דער טהיר. די נאַכט טוט אַ הויך אויף איהם מיט איהרע פייכטע פליגעל. זי וויקעלט איהם אַרום מיט איהר געדיכטען נעבעל און רוישט און וויינט און קלאָגט זיך הויך, אין שטאַרקען צאָרן. עס ברויזט דער ווינט. עס קלאַפּען און הילכען די רעדער. עס ציטערט דער צוג. און עס דאַכט זיך: אַ גאַנצע וועלט, אַ זעלטזאַמע, פער׳כשופ׳טע וועלט, יאָגט זיך, אײַלט און לויפט אין אימפּעט דורך נאַכט און פינסטערניש ערגעץ וויַיט, אָהן אַ גבול.

עס פליהען פונקען. פון ביידע זייטען שטעהט דער וואַלד,

ווי שטיקער פערגליווערטע פינסטערניש, און עס טשעפּעט זיך דער רויך, פאַרבײַליופענדיג, פאַר זיינע צווייגען.

דער ווינט רייסט און שטורמט.

חיים קוקט זיך אום. נישטאָ קיינער. דער שונא איז זיכער. וואוהין וועט ער לויפען?

. . . עס רוישען די רעדער. די נאַכט איילט. שאָטענס פלאַטערן, עס רופט די פינסטערניש. נישטאָ קיין צייט. וואוהין געהן? הינטען—דער טויט. פאָראויס—טונקעל. ווער ווייס?

צוריק פערלאָזען דער וועג.

אַ גרוס אײַך, שאָטענס, פון דער שוואַרצער נאַכט!

איין שפרונג . . . דער ים פון פינסטערניש פערשלינגט איהם אין גיסט זיך ווייטער, גיסט זיך און פערפלייצט די גאַנצע וועלט.

רעגען-טרערען פאַלען. די נאַכט איילט. קיינעם וועט זי נישט דערצעהלען איהרע וואונדער-סודות.

ביז דער טאָג וועט קומען . . .

# געוועזן אַ מאָל.

(שטריכען).

---

זי האָט ליעב געהאַט די ליכטיגע זונען־שיין, ווען זי שיט געריל אויף דער ווייטער און ברייטער וועלט; זי האָט זי ליעב געהאַט, ווען זי ליעגט מיט אַ רויטליכען, פער׳חלומ׳טען שלייער אויף די שפיצען פון די פער׳כשופ׳טע בוימער און דער׳ציעהלט וואונדערבאַרע מעשיות פון אַנ׳אַנדערער, אַ וואונדערבאַרער וועלט; זי האָט זי ליעב געהאַט, ווען זי שטעהט אויף פון יענער זייט באַרג, אַנ׳אָבגעוואַשענע אין טוי און קושט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל די אַראָבגעלאָזענע קעפּעלעך פון די בלומען, — זי האָט ליעב געהאַט די זונען־שיין, זי האָט ליעב געהאַט די וועלט.

זי האָט ליעב געהאַט די חנ׳עוודיגע בלומען־אויגעלעך אויף דעם גרינעם פעלד, ביי׳ם ברעג פונ׳ם טייך, און דאָס רוישען פונ׳ם טייך האָט זי ליעב געהאַט, זיינע לאַנגע, לאַנגע ליעדער, פול מיט סודות, מיט נישט קיין אויסגעשפּראָכענע ווערטער און נישט קיין אויפגעדעקטע טיעפעניש׳ען, און זי האָט ליעב געהאַט די זילבערנע געזאַנגען פון די פויגעלעך אין דער גרינער איינזאַמקייט פון די בוימער ביי׳ם ברעג.

נאָר די מענשען האָט זי ליעב געהאַט מעהר פון אַלצדינג. די מענשען — מיט זייערע בלאַסע שמייכלען, מיט זייערע הונגעריגע אויגען און טויטליכען אָבשיין פון די פּנימ׳ער — ביי׳ם צוויבער־ליכט פון די עלעקטרישע זונען. די מענשען — די לעבעדיגע חוואַליע אין די שמאָלע און לאַנגע גאַסען. זיי געהען, די מענשען, און עס ווע־

בען זיך שטראַהלענדע פעדים פון די אויגען פון איינעם צום צוויי-טען, און עס גיסען זיך פיבערהאַפטע שטראָמען פון אונקלאָרע פערלאַנגען, און עס פלעכטען זיך אונזעהבאַרע קייטען אין דער לופ-טען און פערשלינגען, און פערבינדען, און פערציהען די מענשען, און דרעהען זיי אין א ווילדען, שרייענדיגען שטורם-טאַנץ.

זי האָט ליעב געהאַט די מענשען,—און וויל זי האָט זיי ליעב געהאַט מעהר פון אַלצדינג, האָט זי פערלאָזען די ליכטיגע זונען-שיין, זיך אָבגעזעגענט מיט דעם אַלטען, רוישענדען וואַלד, מיט די בלומען-האָרען און די ליעדער פון קריסטאַלענעם טייך, און מיט די מענשען, מיט אַלע מענשען האָט זי זיך אָבגעזעגענט, מיט אַלצדינג, וואָס לעבט און ציהט, און רופט און פער׳גנב׳עט זיך מיט שטילע, גלעטענדיגע, זיסע חלומות אין די בעהאַלטענע ווינקעלעך פונ׳ם האַר-צען, און זי איז אַוועק אַהין, אונטער דער ערד, דאָרט, וואו ס׳איז איינזאַם און שטרענג, וואו די מענשען זענען פון שטאָהל, וואו דער ווילען איז א האַרטער פעלז, די געדאַנקען — איינגעטונקט אין אייז פון קאַלטער ענטשלאָסענהייט, וואו עס ווערט אויסגעשמידט און ס׳געהט אַרוים אויף דער וועלט דאָס פרייע, שטאַרקע וואָרט — די גרויסע נבואה פון קומענדיגע גרויסע טעג. זי איז אַוועק אַהין—אויף לעבען און טויט.

* *

*

זי האָט געוואָלט זיין שטאַרק—און זי איז געווען. זי האָט גע-וואָלט פערשליסען איהר גייסט אין אַן׳אייזערנעם פאַנצער — און זי האָט איהם פערשלאָסען. נישט טראַכטען, נישט געדענקען, נישט ציהען זיך מיט א פלאַטערדיגער נשמה אהיים, אין די ווייכע אָרעמס פון וואַרימער פריינדשאַפט, נישט טראַכטען פון אייגענע, נישט טראַכטען פון זיך, נישט טרוימען, נישט וועלן, נישט צווייפלען, נישט בענקען אין שטילע און איינזאַמע נעכט. זיין בעהאַלטען אין דער פינסטער, זיין און אַרבייט, זיין און דרוק — שאַף דאָס פרייע וואָרט. זאָל די וועלט דאָרט רוישען, בליצען, זאָל דעם לעבענס בונטער וואָגען פאָרווערטס איילען, שיטען בלומען, זייהען טרויער, שפּרייטען אומעט, צינדען פונקען פון פערגעניגען — זיין און דרוק.

זאָלען מענשען דאָרט זיך וואַרפען אין פערצווייפלונג, זאָלען הימלישע חלומות דאָרטען שוועבען אין דעם נעבעל, זאָל מען ליעדער דאָרטען זינגען, פול מיט בענקשאַפט, פול מיט שיין — זיץ און טו דיין גרויסע אַרבייט—שאַף דאָס איינציג פרייע וואָרט! אין דעם בלוט פון דיין נשמה זאָלסטו איינגעצען די בלעטער, זאָלסט דאָס הייסע בלוט פון האַרצען לאָזען טריפען אָהן אַנ׳אויפהער, ביז׳ן סוף, אַ טראָפען נאָך אַ טראָפען—זיץ און דרוק...

שטאַרק איז זי געווען. פעסט האָט זי אויסגעשמידט איהר מוט. זי האָט פערגעסען איהר פערגאַנגענהייט. זי האָט אָבגעריסען די שטריק, וואָס בינדען זי צו צו דער גאַנצער וועלט — זי האָט מיט זיי צוזאַמען איבערגעריסען פיעל סטרונעס פון איהר אייגענער נשמה, און די זעעל איז שטילער געוואָרען...

* *

*

חדשים זענען געפלויגען, יאָהרען זענען פערגאַנגען. אַלץ דאָס אייגענע איז געווען אין איינזאַמען קעלער, אַלץ די אייגענע אייליגע פיבערהאַפטע אַרבייט, אַלץ די אייגענע ווייטקייט פון מענשען, פון לעבען; דאָרט אויבען איז געגאַנגען אַ פערבּיסענע, אַ שווערע מלחמה. רויטע פייער-צונגען האָבען אָנגעהויבען אַרויסשפּראָצען פון דעם מדבר. פון דער שטילקייט האָבען זיך געריסען העלע קולות פון ברענענדיגען צאָרן: אין די אויגען, דאָ און דאָרט, האָט געשיינט אַ העלער פריהמאָרגען. און פון ווייט און נאָהענט האָבען גערופען איינער צום צווייטען נייע מענשען מיט נייע געדאַנקען און נייע וועלטען אין די אויגען: „מיר זענען דאָ! מיר געהען, מיר געהען!"

דער קעלער האָט געדאַרפט זיין ווייט פון קאַמפּפס-פעלד, טיעף בעהאַלטען, אַז דאָס שאַרפסטע אויג זאָל איהם נישט מערקען, אַז די שאַרפסטע פייל פון שונא זאָל צו איהם נישט גרייכען. אָבגעטיילט, ווי מיט אַ פעסטער וואַנט, איינגעשלאָסען און פערבאָרגען איז געווען דאָס קעלער-לעבען. ווייט פון ווינט און שטורם, ווייט פון פרייד און לייד.

דאָרט אויבען האָט דאָס לעבען געביטען די פאַרבען. דאָרט אויבען האָבען מענשען פערשאַרפט זייער גייסט, ברייטער געעפענט די

אויגען, העלערע וועלטען געזוכט; דא אונטען איז די צייט געפלאסען שטיל און טונקעל, אהן ברענענדיגע פראגען, אהן לויכטענדע זארגען, אהן שטורמישע ווערטער, פערשלאסען, פערשפארט...

אונטער דער ערד איז זי געוועזן — און געוואוסט האט זי, אז זי שטעהט אויף א הויכען, הויכען בארג, פינסטער איז געוועזן ארום איהר, און געוואוסט האט זי, אז שטראהלען געהען ארוים פון דעם בארג און באלייכטען די מענשען אין טאל און בעלעבען ארום און ארום.

שטאלץ איז זי געוועזן. זי האט געדרוקט און געדרוקט. איהר איינציגע זארג, איהר איינציגער לעבענדער וואונש איז געוועזן—נישט וויזען דעם שונא קיין שפור, נישט געבען קיין שליסעל צו איינגעהמען איהר הייליגען טעמפעל — די פעסטונג, וואו ס'שמידט זיך דאס הייליגע ווארט.

* *

*

יאהרען זענען פערגאנגען. די פעסטונג איז געבליבען אונגעריהרט.

זי האט געדרוקט טאג און נאכט; געאטעמט מיט בלייערנעם שטויב, געקלאפט מיט דער ראד. און שטילער פלעגט ווערן דער וועהטאג ביי איהר אין הארצען, און א גרויער, שווערער נעבעל פלעגט זיך לעגען אויף דער צאפעלדיגער נשמה, און ס'האבען אנגעהויבען וועלקען די גינ-גאלדענע בילדער, און האבען אויפגעהערט צו גיסען בלומען-דופט אויף דעם לעכצענדען הארץ. און בלאסער און בלאסער פלעגט ווערן איהר איידעלער פנים, און נידעריגער פלעגט זיך בויגען דער יונגער קאפ, ווי א יונג בוימעלע ווען עס ליגט אויף איהם א משא פון קאלטען שניי.

און א רוהיגקייט האט זיך ביסלעכווייז אראבגעלאזען אויף איהר זעעל. שטיל איז געווארען אין הארצען, און דער שמייכעל האט אויפגעהערט צו פערשפרייטען א זונען-שיין אויף איהר פנים. זי האט אויפגעהערט טראכטען...

ס'איז איהר איינס נאר געבליבען אין לעבען — איהר ארבייט

זי און איהר ארבייט — א צווילינג אויף אייביג. זי און איהר ארבייט—

איהר איינציגע ליעבע, איהר איינציגער ציעל. מיט איהר וועט זי לעבען. מיט איהר וועט זי שטיל פערשווינדען, אויסגעהן ווי א ליכט אין דעם מדבר. זי ארבייט—מעהר דארף זי שוין גארנישט.

קלאפ זשע, מאשינע! דרעה זיך, די ראד! שנאף זשע דאס היילינע ווארט! ארבייטען דארף מען. נאר ארבייטען שטענדיג, נישט טראכטען, נישט דענקען! ארבייטען טאג אזוי נאכט. זאל שטיקען דער אטעם, זאל ברעכען דער רוקען, זאלן שיטען זיך העל-רויטע פונקען פון דיינע מידע אויגען, זאל טריפען און טריפען דאס זודיגע בלוט פון דיין זעעל, זאל אויסגעהן, פערהויכט ווערן לאנגזאם דער קוואל פון דיין לעבען, זאל זינקען און זינקען אלץ גיכער דיין זין צום רוהיגען, קאלטען און איינזאמען ברעג; ארבייטען דארף מען.

זי האט געקענט און געליעבט נאר איהר ארבייט. זי האט אויפגעהערט מיט דער צייט לייענען דאס, וואס זי אליין האט אבגע-דרוקט. זי האט געארבייט איהר גרויסע, איהר ליכטיגע ארבייט.

* *

*

און דער טאג איז געקומען. דארט אויבען האט די מלחמה צעווארפען איהרע בליצען וויט און ברייט. דארט אויבען האט א שווערד-געקלאנג מיט א שטורם-געשריי געשניטען אויף שטיקער די פערגאפטע הימלען. דארט אויבען האט געהילכט און געפלאטערט די ערד אונטער די שווערע טריט פון א ריזען-גרויסער ארמעע, און פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען איז עפעס געוואקסען און געהויבען זיך און געשטארקט זיך און אנגעפילט אלעמענס הערצער און אנגעצונדען אלעמענס אויגען. דארט אויבען איז געגאנגען דער ענטשיידענער שטרייט.

און די פרייהייטס-ארמעע האט געזיעגט. און ווען דער פיינד האט אבגעטרעטען און זיך בעהאלטען אין די פינסטערע ווינקלען, און די זיעגער האבען מיט בלומען בעפוצט דאס געוועהר, און א ליעד פון פרייד און לעבען האט זיך געטראגען איבער די קעפ און דערצעהלט פון א נייער הארמאניע, אויסגעוועבט פון גליהענדע ליידען, פון שיינענדע האפנונגען און אייזען-פעסטע פערלאנגען, — זענען קעמפפער געקומען צום קעלער, און האבען ברייט געעפענט

יין טהיר, און אַרייַנגעלאָזט אַהין אַ שטראָם פון ליכט, און אַ יונגע שטים האָט גערופען:

— געהט אַרויס! ס'איז שוין טאָג! אייער שליחות איז געענדיגט! פון היינט אָן און ווייטער וועט דאָס פרייע וואָרט שוין שטראַהלען אָפען, ליכטיג! געהט אַרויס.

און זי האָט איבערגעריסען איהר אַרבייט און אויפגעהויבען צו די קעמפפער איהר טויט־בלאַסען, פערוועלקטען פּנים, און דער שטראַהל, וואָס איז אַריין אין איהר פינסטערן ווינקעל, האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף צוויי גרויסע טרערען־פּערל...

* *

*

ס'האָט זיך אַלץ געריהרט פון אָרט... עפּעס אַ הויך פון אַ וואַרימען ווירבעל־ווינט איז איבערגעפלויגען איבער דער ערד און צושמאָלצען איהר קאַלטע, פערגליווערטע דעק. עפּעס אַ פרישער, אַ מונטערער שלאַקס־רעגען האָט אַ גאָס געגעבען און אַראָבגעשווײנקט מיט אַמאָל די גלייכגילטיגע שטילקייט. פייערדיגע זיילען האָבען זיך געהויבען. אין לויכטענדע קליידער האָט זיך אָנגעטאָן די נשמה. און אַ מענש פלעגט בעגעגענען אַ מענשען מיט אַ דורשטיגער, לעכצענדער פראַגע אין די פייכטע, בעגייסטערטע אויגען. עפּעס אַרום און אַרום האָט געקראַכט, און געקלאַפּט, און געהילכט. און מענשען, אַלע מענשען, האָבען זיך אויפגעהויבען און זענען געגאַנגען, מיט גערויש און געטומעל, מיט טרומייטען און פרייד־געשריי, — געגאַנגען, אַלץ בעגאַנגען, אָהן אַ צאָהל, אָהן אַנ'אויפהאַלט, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גיסט זיך איבער פעלזען אַ שטראָם פון באַרג אין דעם ברייטען טאָל.

און צווישען די מענשען האָט אַרומגעבלאָנדזשעט זי — די בעפרייטע. קאַלטע לופט פון קעלער איז געגאַנגען מיט איהר אומעטום. די לופט פון איינזאַמקייט האָט זי אַרומגעוויקעלט, ווי מיט אַ שלייער און אָבגעטיילט פון דער וועלט. אַליין איז זי געווען, אַליין אין דער ניי־געבוירענער, הילכיגער וועלט.

מיד איז געווען איהר גאַנג, מאַט דער פּנים, און קיין לעבען איז נישט געווען אין איהרע פערלאָשענע אויגען. פרעמד איז זי זיי

געווען, פרעמד-אונגעוועהנליך איז איהר געווען זייער שמחה, זייער פייער, זייער אונרוהיג רוישען; צו-הייליג האָבען איהר געקלונגען די נייע ווערטער — צו-שניידיג, צו-שאַרף. שטום זענען געלעגען אין איהר האַרצען די סטרונעס, צוריסען אויף שטיקלעך. שטיל איז דאָרט געווען—אין דעם אויסגעברענטען האַרצען, שטיל און אויסגעלאָשען. און ס׳האָט זיך געדוכט — די גאַנצע וועלט קוקט אויף איהר מיט פרעמדע, נישט פריינדליכע אויגען, און ס׳איז פערשוואונדען אויף אייביג די אַלטע, די נאָהענטע, הײמישע וועלט, וואו די לידער האָבען זיך געטראָגען אזוי לאַנגזאַם און טרויעריג, וואו דאָס האַרץ האָט געקלעמט מיט אַ זיסער בענקשאַפט, וואו זי האָט דאָס לעבען דערקענט און דעם קאַמפף אויסדערוועהלט. איבעריג איז זי... די וועלט האָט זיך האַסטיג געגעבען אַ רוק—זי איז געבליבען...

אַרום קאָכט און ברויזט. אַלץ אײלט. וואונדער-העלע בילדער לויפען, יאָגען, גלאַנצען, און בעטויבען. מענשען שמידען יעדען טאָג נייע געוועהר. אונטער די האַמערס שפריצען פונקען, און דער רויך פון זייער פייער עסט די אויגען.

שטיל איז זי אַרומגעגאַנגען צווישען זיי. און אַ פערוואונדערונג איז פערגליווערט געוואָרען אויף איהר בלייכען פנים און אַ שאָטען פון יאוש האָט זיך געשפרייט אַרום איהר.

וואוהין געהן, וואָס טאָן?

* * *

*

...אויף דער פערזאַמלונג האָט נאָך געקלונגען אַ זילבערנ שטים: העל איז דאָרט געווען, מונטער און יונג. אַ ים פון קעפּ, און פון יעדענ׳ם האַרץ הויבט זיך אַ פייער׳ל, און ציהט זיך אַרויף, און די פייערלעך פערשמעלצען זיך אין איין שטראָם און פלאַקערן און טראָגען די מענשען אַלע צוזאַמען אויף זייערע בליצענדע וועלן. פאָרווערטס, פאָרווערטס. מענשען-ברידער וואַרפען איינער דעם צווייטען פלינקע פיילען-געדאַנקען. און עס פליהען די פיילען איבער די קעפּ, און בלאַנקען, און בליצען מיט אַלערליי פאַרבען. ס׳געהט דער מונטערער שטרייט!

און אין ווינקעל שטעהט זי און הערט. מיד איז זי, אָבגעוועהנט

פון העלען ליכט. עס בלענדעט די אויגען די שיין און לעגט זיך אויפ'ן הארצען, ווי בליי . . . מיד איז זי, איבעריג, אבגעטיילט.

שטורמדיג געהט דאָ דער פריהלינג, ווי וועט זי קומען אויף זייער יום־טוב מיט איהרע פערוועלקטע בלומען? נייע אותיות ווערן דאָ געשריבען אויף שטיינערנע לוחות, וואו וועט זי נעהמען א גאָל־דענע פען?

זי האט פערלאָזען דעם זאַל. די גאַס ליגט דערשטיקט אין א דעקטוך פון שווארצער נאַכט. די לאַמטערנעס וויינען אינ'ם נעבעל, שטומע רייהען הייזער הויבען זיך ארויף און פערשווימען אין דער פינסטער. עס שפרייט זיך אַנ'אומעט איבער די נאַסע שטיינער, און עס דאַכט זיך — אימיצער וואַרפט זיך אין יאוש און רייסט אויף זיך די האָר פון יענער זייט פערשלאָסענע פענסטער.

זי געהט אין דער פינסטער. דער קאַלטער טוי לעגט זיך אויף איהר ווייסען, צאַרטען שטערן. די שטומע נאַכט ציהט זיך אריין אין איהר נשמה.

וואוהין געהן, וואס טאָן? . . . א טויטער איז אויפגעשטאַנען פון זיין קבר און געקומען אהיים. זיינע פריינד — וואו זענען זיי? זיינע קינדער האָבען איהם נישט דערקענט. דאס לעבען — ס'איז איהם פרעמד. וואוהין געהן?

די נאכט וויקעלט זיך אין איהר פייכטען קלייד. קאַלט. דער הימעל איז אראָב פון דער הויך און צוגאַנגען אין דעם שווערען נעבעל.

זי איז געגאַנגען צווישען די שטיל־שווייגענדיגע ווענט.

וואס טאָן? אָנהויבען אויף דאס ניי? ווי איינער פון די, וואס האָבען נאָך נישט געלעבט? בויען דעם בנין פון לעבען? . . .

די נאַכט שווייגט. די לאַמטערנעס גיסען שטילען קומער. אַנ'אומעט גליטשט זיך איבער די נאַסע שטיינער.

וואוהין געהן? . . . גרויער אש אין הארצען; אויסגעטריקנט דאס בלוט.

קאַלט און איינזאם.

זי איז געגאַנגען און געגאַנגען.

# אַהין...

(מאָנאָלאָג).

---

מיין געטרייע, מיין האַרציגע מוטער, לאָז מיך געהן, ס'איז נישטאָ שוין קיין כח...

אַלט ביזטו און געבויגען, מיין איינציגער פריינד, און עס ליעגט אין די קנייטשען פון בלייכען, פערשרומפּענעם פּנים אינגאַנצען דער טרויער פון דיינע פערוואָגעלטע יאָהרען, און די זאָרג האָט בע־שאָטען מיט שניי דיין מידען קאָפּ, און תחנונים טוט לייכטען פון צווישען די הייסע, פערזאָדענע טרערען; בעטען טוסטו דיין טאָכטער מיט שטומען געבעט: „געה נישט, קינד מיינס!"...

מוטער, טייערע מוטער! וואָלט איך קענען נאָר עפּענען דיר מיין צעוועהטאָגטע ברוסט, וואָלסטו קענען נאָר זעהן מיין האַרץ, ווי עס טריפט פון איהם בלוט, ווי ס'טוט וועה — אַזוי טיעף, אַזוי גליהענד... עס פלאַטערט מיין האַרץ, ווי אַ טויב,—ווי אַ צאַרטע, אַ שניי־ווייסע טויב צווישען הימעל און ערד אין אַ שטורם; און עס רייסט זיך, עס וואַרפט זיך מיין האַרץ, ווי אַן'אָדלער, אַ מעכטיגער אָדלער, מיט אַייזערנע קראַלען, מיט ריזיגע פליגעל—אין שטייג...

געהן מוז איך, מיין מוטער! עס ציהט מיך, עס רופט פון דער־ווייטענס, עס ציהט און בעפעהלט.

... מיין געטרייע! צי זעהסטו, צי פילסטו די שרעק! הער זיך צו, וואָס זיי טוען... הער זיך צו.

אַ געוויין לאָזט זיך הערן פון נאָהענט און ווייט, אַ געוויין און אַ ביטערער קרעכץ... עס וויינט די ערד, עס וויינט דאָס פעלד און

דער וואַלד, עס וויינט דער הימעל פון אויבען מיט קאַלטע און שווע־רע און טרייסטלאָזע טרערען. ס׳וויינט און ס׳יאָמערט די וועלט—און זיי לאַכען, זיי לאַכען זיך רוהיג, זיי לאַכען אַ פרעהליך, ווילדען געלעכטער! זיי לאַכען! זיי לאַכען! מוטער, טייערע מוטער!...

הער זיך צו צו די קינדערשע קרעכצען! ווען די שטאָדט ווערט אַנטשלאָפען אין וויסטען און איינזאַמען נעבעל פון נאַכט, און דער הימעל פאַלט צו צו דעם שוים פון דער ערד און הערט אוים אין דער שטיל אַלע קלאָגען און זיפצען און קרעכצען, און עס שמאַרצען און נאָגען די וואונדען מיט דאָפעלטער קראַפט, — דענסטמאָל שווע־בען זיי אַלע, די קינדערשע קולות, אַרום און אַרום, און זיי פליהען אַרויף אין דער הויך, און זיי קלינגען מיט וועהטאָג, מיט עלענד— די קליינע צופליקטע נשמות, און זיי רייסען מיין האַרץ, און איך קען מעהר נישט לעבען.

מיין געטרייע, מיין האַרציגע מוטער! ס׳איז פער׳סמ׳ט מיט די קולות מיין האַרץ... און איך קען שוין נישט וואַרטען. זעה נאָר, זעה, וואָס זיי טוען, וואָס זיי טוען אַרום און אַרום!

ס׳ברענט דאָס לאַנד פון איין עק ביז דעם צווייטען. מיט אַ גלוט איז דער טונקעלער הימעל בעפאַרבט... ס׳פליהען זיילען פון פייער און רויך — און עס הערט זיך פון צווישען דעם בראַנד אַ געשריי—ס׳שרייען מענשען אין טויטליכען פיין,—און ער וואַקסט, דער געשריי, שאַרף און שמערצליך און היים, און ער רייסט און ער לעכערט דעם פינסטערן הימעל, און פלאַקערט, און שפרייט זיך און וואַקסט... אומעטום איז ער דאָ — דער געשריי, און ער שטיקט מיך, ער דריקט מיך אַזוי מיט אַ גליהענדען אייזען די ברוסט... שוין נישט מעגליך—איך קען שוין נישט טראָגען!

... מוטער, מוטער! דו וויינסט. קוים עס שעפטשען די טויט־בלאַסע ליפען: „נישט פערלאָז מיך, מיין קינד, אויף דער עלטער"... און עס בעטען די אויגען אַ שטילעם געבעט...

וואָלט איך נאָר האָבען כח, מיין מוטער, מיין טרייסט... וואָלט איך קענען נאָר צוטוליען זיך צו דיין ברוסט מיט מיין ברע־נענדען קאָפּ און זיך אויסוויינען, אויסגיסען אַלע פערבאַקענע טרערען, וואָס ליעגען אין האַרצען, ווי שטיקער צושמאָלצענער שטיין... וואָלט מיר גרינגער געוואָרען מיין אָרים האַרץ... אָבער טרוקען פערבלייבען די אויגען ביי מיר.

מוטער, ליעבע! איך ווייס, איך בין איינע געבליבען ביי דיר... אלט ביסטו און געבויגען.

אין דער שטיל, גאנצע נעכט האב איך איינזאם געטראכט. ווען דער שלאף פלעגט פערשפרייטען אויף דיר זיינע רוהיגע פליגעל, און דיין אומעט פלעגט ווערן פערזונקען אין תהום פון נישטפיהלען, און עס פלעגט פון די ליפען ביי דיר זיך אראבקייקלען צערטליך מיין נאמען, — אין דער שטיל פלעג איך זיצען און היטען דעם הויך פון דיין אטעם, מיין מוטער, מיין טרייסט. ווי א נאכט אין דעם מדבר איז איינזאם דיין לעבען געווען, ווי א נאכט אין דעם מדבר פול קומער און אנגסט... און איך בין דיין איינציגער שטערן געווען.

אין דער שטילקייט פון דער נאכט האב איך איינזאם געטראכט. ווי א חלום א לייכטער פלעגט קומען א ליעד פון די קינדערשע יאהרען צופליהען. און ס'ם פלעגט מיר א בענקשאפט פערהאפען דאס הארץ, און די ארעמס — זיי פלעגען זיך ציהען צו דיר. ליעבער פריינד מיינער, שטילער, פערמאטערטער פריינד!... ווי וועל איך דיך פערלאזען אליין אין דעם מדבר! ווי וועל איך קענען אבר ייסען זיך פון דיין הארץ!?

...מוטער, מוטער! איך קען שוין נישט מעהר! פיילען, שארפע און גיפטיגע פיילען לעכערן שטענדיג דעם מח, ביי־טאג און ביי־נאכט, אלע טעג, אלע נעכט.

זעה! די נאכט איז אריבער, עס גליטשען זיך פון וויטען די גאלדענע שטראהלען, דער הימעל—ער שמייכעלט מיט ליעבשאפט... זעה, מיין מוטער, זיי געהען, זיי געהען שוין ווייטער, זיי געהען— די קאלטע, די גרויזאמע, פינסטערע. זעה, זיי עפענען דארטען פערשלאסענע טהירען. זיי טראגען דעם טויט. עס קלינגען די קייטען. שטעה אויף! דו פערשפארטער! שטעה אויף, ס'איז שוין נאהענט. זיי געהען, זיי געהען! ס'איז שוין אנגעשטעלט גלייך דאס געוועהר און די האנט וועט נישט ציטערן... שטעהט נאר! שטעהט, וואס טוט איהר, וואס טוט איהר מיט איהם? . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיין געטרייע, ל'וועל געהן! איך וועל געהן אהין, וואו עס ווערן די בליצען בעשאפען צו ווארפען, אין שונא. איך וועל געהן

אהין, וואו דער שונא טוט פאַלען. כ'וועל זעהן נקמה פאַר מיינע געליעבטע.

איך וועל געהן אהינצו... צוריק איז קיין וועג שוין נישטאָ.

...מוטער, וויין זשע נישט, וויין נישט, מיין האַרציגע, ליעבע, מיין אָרימער, עלענדער פריינד. וויין נישט, שטאַרק זיך, עס מוז אזוי זיין, איך וועל געהן אין אַ ליכטיגען וועג. איך וועל געהן צו אָבווישען טרערען פון מאַמעס, וואָס האָבען די קינדער בעוויינט.

איך וועל שטאַרק זיין, מיין פריינד. כ'וועל נישט לאָזען דעם קומער צו הערשען אין האַרצען ביי מיר. זעה: עס לייכט און עס רופט מיך פון ווייטענס. איך געה. מיין נשמה וועט בלייבען ביי דיר. מיין געטרייע... נאָר פעסט זאָלסטו זיין.

און ביי'ם סוף פון מיין וועג, אין דעם טאָג פון דעם טויט, זעל איך דיך, מיין געליעבטע, דערמאָנען מיט לויכטענדע אויגען, מיט לויכטענדע טרערען אין האַרצען. און צו דיר וועט זיך ציהען מיין זעעל אין מיין לעצטער מינוט...

# גאַנץ פריה.

## (פון לעבען).

(געווידמעט פ. פ.).

---

— מאָרגען—אין דער נייער טורמע . . .

ווי אַ ווינט רודערט אויף די פערשלאָפענע צווייגען, אַזוי האָט די בשורה צורודערט אונזער נעסט — די משפחה געפאַנגענע קעמפּ-פער. לאַנגזאַם, איינגעהאַלטען רוישען אַלטע בומער אין געדיכטען וואַלד. איינגעהאַלטען, טיעף און אונרוהיג האָט גערוישט דעם אָוונד אונזער שמועס אין דער אַלטער טורמע. יונגע און אַלטע קעפּ האָבען זיך לאַנגזאַם געשאָקעלט, שנעלע פייערלעך פלעגען זיך אָנצינדען און פערלאָשען ווערן אין די פינסטערע אויגען, און די הענד האָבען זיך געהויבען און אַראָבגעלאָזען אָהן מאַכט.

מאָרגען אין דער נייער טורמע.

אָן דער נייער טורמע האָבען שוין וואָכענלאַנג זיך געשלאָגען אונזערע געדאַנקען, ווי עס שלאָגען זיך די חוואַליעס אָן אַ פעלז. הייסע, פיבערהאַפטע טרוימען האָבען אַרומגעוויקעלט די אונבעקאַנטע ווענט, ווי עס וויקלען זיך פייער-צונגען אַרום אַ ברענענדען טורם. שוואַרצע בילדער פלעגען אויפשטעהן פון דאָרטען און שטרעקען צו אונז זייערע אָרעמס. און ערוואַרטונגען, שווערע ווי אייזערנע קייטען, פלעגען זיך לעגען אויף דער נשמה. יעדען טאָג, יעדע נאַכט.

אין דער נייער טורמע . . . פיעלע פון אונז האָבען געדאַרפט דאָרטען יאָהרען פערברייגגען . . .

דאָ, אין דער אַלטער „היים", איז געווען אונזער פרייע מלוכה.

אַלע צוזאַמען. אָפען די טהירען. איין מונטערע, פרעהליכע קאָמונע. דאָס פרייע וואָרט האָט געהערשט אונבעגרענצט. דאָ אין טורמע איז געווען אונזער רעוואָלוציאָנערע שול, מיט אַ דורשט צו וויסען און אַ שטרעבונג צו פרייהייט פלעגען אַריינקומען יונגע מענשען אין די אַלטע ווענט, און בעוואָפענט מיט קענטניש, מיט אַ זיכערן בליק און מיט אַ פעסטען ווילען פלעגען זיי אַרויסגעהן פון דער „שול"—אַהין, וואו די רייהען האָבען זיך אָנגעהויבען שליסען.

דער אַלטער „פּראָפעסאָר", אונזער אַלעמענס לעהרער און פריינד, איז שוין דאָס דריטע יאָהר געזעסען אין דער אַלטער טור=מע, און די ניי=אָנגעקומענע פלעגען נישט וויסען, ווער איז דאָ איי=גענטליך דער אויבערהאַר אין אונזער תפיסה—ער, אָדער י ע נ ע ר, מיט די גאָלדענע קנעפּ און דעם שווערד אויפ'ן זייט.

ווי אַ פרייע אינזעל, אין דעם ים פון קנעכטשאַפט, איז געשטאַ=נען אונזער טורמע אין יענע פינסטערע צייטען. אַליין אַ מזבח פון קנעכטשאַפט — און דאָך מיט די שטראַהלען פון פרייהייט אויפ'ן שטערן, מיט אַ ליכט פון נבואה, אין איהרע טונקעלע ווענט—אַ נבואה, אַז דער טאָג איז שוין נאָהענט.

אַ אינזעל פון פרייהייט אין אַ ים פון ווילקיר—נישט לאַנג האָט זי געקענט בלייבען.

שוין אַ צייט, אַז מ'האָט אַ נייע טורמע געבויט, דאָרט אין עק שטאָדט, אויף אַ וויסטען פּלאַץ, ווייט פון הייזער און גערטנער און וואַסער, זענען געוואַקסען די נייע ווענט. און עס פלעגען צו אונז קומען קלאַנגען פון אָט דעם פערוואָגעלטען אָרט, ווי אַ גיפטיגער נעבעל פון אַ פערשאָלטענעם מדבר. מ'האָט געזאָגט, אַז די ווענט זענען דאָרט דיק און אָנגעשטאָפּט אינוועניג מיט וואָל, כדי מ'זאָל נישט הערן קיין קלאַפּ פון איין קאַמער אין דער צווייטער. מ'האָט געזאָגט, אַז די פענסטער זענען קליין, הויך אונטער'ן באַלקען און מיט בלעך=שילדען פון דרויסען פערשטעלט, כדי מ'זאָל נישט זעהן די ליכטיגע שיין. מ'האָט געזאָגט, אַז די קאַמערס — איינצעל=קאַ=מערס!—זענען שמאָל און נידעריג און פייכט, און די זון קומט אין זיי נישט אַריין. אייניגע פון אונז האָבען אַפילו די מעבעל געזעהן—אייזערנע בעטלעך און טישלעך מיט שרויפען, כדי צו פערפעסטיגען ביי'ם וואַנט. מ'האָט דערצעהלט פון די אונטערערדישע קאַמערס מיט

פערמויערטע פענסטער אין דאָפּעלטע טהירען. מ'האָט געזאָגט, אַ עס גרייט זיך אַ גיהנם...

דער צורייצטער גערדאַנק פלעגט זיך אומקעהרען אַלעמאָל אויף דאָס ניי צו די געהיימניספאָלע ווענט, און אַ פינסטערע ערוואַרטונג פלעגט בעגיסען מיט אייזיגער קעלט דאָס צאַפּעלדיגע האַרץ.

וואָס וועט זיין?

אונזערע וועלטער זענען די לעצטע צייט געוואָרען שווייגענדיג און פול מיט סוד. און נאָר זעלטען פלעגען זיי אונז וואַרפען אַ וואָרט ווי אַ שטיין:

— וואַרט אויס, שוין נישט לאַנג וועט איהר הוליען!

היינט ביי „פּאָווערקע" איז דער „עלטסטער" געקומען און געזאָגט אונז מיט אַ געמאַכטער רוהיגער שטים:

— גרייט זיך צו; מאָרגען געהט איהר איבער אין דער נייער טורמע.

*

•

מאָרגען אין דער נייער טורמע... די לעצטע נאַכט אין אונזער אַלטער היים. מיר האָבען זי ליעב געהאַט — אונזער אַלטע היים. ווי אַ מענש האָט ליעב די פערגאַנגענע יסורים פון זיינע יונגע יאָהרען, ווי אַ מענש האָט ליעב די טרויעריגע זאַנפטע בענקשאַפט נאָך דעם פערשוואונדענעם גליק...

וויפיעל נעכט זענען מיר געזעסען אָהן שלאָף, און געדאַנקען פערטיפט, און געוועבט אַ פּאַדים צו אַ פּאַדים דאָס געוועב פון אונזער קינפטיגען לעבען — אונזער לעבען דאָרט אויף דער פריי, וואו ס'קלינגען די זילבערנע גלעקער און וועקען און רופען דעם טאָג. וויפיעל נעכט האָט אונזער גליהענדער מח, אין דער שטיל, זיך געבאָדען אינ'ם קיהלען אָבגרונד פון די צוקונפטס-אידעען, קלאָר, ווי קריסטאָלענע טייכען, ברייט, ווי דער ראַנד פונ'ם הימעל, העל — ווי חלומות פון פרייהייט אין תפיסה. וויפיעל מאָל האָבען מיר בעגעגענט די ערשטע רויטליכע שטראַהלען פון דעם ניי-געבוירענעם טאָג, ווען ער פלעגט אַריינקוקען אין אונזער תפיסה מיט אַ שמייכעל פון אַ קראַנקען קינד. וויפיעל מאָל פלעגען מיר הערען מיט האַרץ-

קלאַפּען דאָס רוישען פונ׳ם ווינט אַרום אונזער פעסטונג, ווען ס׳פלעגט זיך דאַכטען — אָט־אָט גיט ער אַ שפּאַר אין די אַלטע פערשימעלטע ווענט, און זיי פּלאַצען און פאַלען צו דער ערד. און די יונגע נשמות רייסען זיך אַרויס אויף דער פריי און הויבען זיך אויף אין דער הויך און דרעהען זיך אין ווירבעל־ווינט און פליהען אויף די פליגלען פונ׳ם שטורם ערגיץ וויט אין די ברייטע סטעפּעס, אין די ווייטע פעלדער, אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ סוף.

מאָרגען—אין דער נייער טורמע...

די עלטערע פון אונז, די פערהאַרטעוועטע, האָבען זיך גע־מאַכט, ווי די בשורה האָט זיי גאָרנישט געריהרט. ווי איינער רעדט: אַ געוועהנליכע זאַך. איינמאָל טרעפט זיך צו בייטען די טורמע? אומעטום קען מען לעבען, אַבי מ׳איז נאָר האַר איבער זיך. גע־לאַסען, מיט ישוב־הדעת, האָבען זיי אָנגעהויבען צונויפלעגען זייערע זאַכען, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס זענען אַלטע אויסגעפּרובטע חיל־לייט גרייטען זיך ערב אַ נייעם געפעכט. און עס ליעגט אין די קנייטשען פון זייער פּנים אַ שאָטען פונ׳ם מאָרגענדיגען טאָג. די יונ־גערע האָבען מיט בענקשאַפט געקוקט אין די פענסטער—אַהין, וואו עס האָט אויסגעגאָסען זיינע פאַרבען דער ליעבליכער זומער פאַר־נאַכט.

אונזער טורמע איז געשטאַנען אַליין אויפ׳ן ברעג פונ׳ם טייך. אויף יענער זייט טייך, באַרג אַרויף, איז געלעגען די שטאָדט, מיט ברייטע רוישענדע גאַסען, מיט גרינע גערטנער, מיט הויכע טורמס, מיט מענשען, מענשען — גאַנצע טייכען פון לעבעדיגע, אייל־ענדע מענשען.

שטיל איז געווען. די זון איז אַראָב אויפ׳ן ראַנד פונ׳ם הימעל, הונדערטער פענסטער האָבען זיך אָנגעצונדען אין איין מינוט מיט אַ רויטען גליהענדען פייער. אויבען האָט זיך אויסגעשטרעקט דער ריינער הימעל, וויט און קלאָר און רוהיג און פרעמד. און אין דעם העלען אונענדליכען ים פון לופט זענען רויטע און גאָלדענע פיילען געפלויגען, געבליצט און געציטערט, און געדאַכט האָט זיך: ערגיץ דאָרט, פון יענער זייט באַרג, אויף אַ ברייטען פּלאַץ ראַנגלען זיך פייערדיגע ריזען און שטויסען זיך זייערע שווערדען איינע אָן דער צווייטער און שיטען פון זיך סנאָפּעס פונקען און זייערע פּאַנצערס לויכטען מיט אַלערליי פאַרבען...

אונטען, בײ'ם טײך, איז שוין טונקעל געווען. שטיל, קוים צ בעמערקען, האָט זיך געגאָסען דאָס בלייכע וואַסער. שטיל, וו פער'חלום'ט, זענען געשטאַנען די בוימער בײ'ם ברעג און געבאָדע אין וואַסער די צווײגען. און צווישען די בוימער, אין די גרינע געצעלטען, פלעגט זיך אויפהויבען פלוצלונג אַ רוישען, פונקט ווי עמיצער האָט מיט צאַרטע פינגער אָנגערירט דינע אָנגעצויגענע סטרונעס. ווי אַ זיפץ האָט געקלונגען די שפּראַך פון די בלעטער, ווי אַ זיפץ פון אַנ'איבערפילט האַרץ.

פון די פענסטער האָבען -מיר ארויסגעקוקט אין דעם שטילען פאַר-נאַכט. ווייכע וואָלקענס פון שטילען אומעט האָבען זיך געצויגען פונ'ם ווייטען הימעל, פון דעם שטילען וואַסער, פון די פייכטע פער'כשופ'טע צווייגען. ווייכע וואָלקענס פון זיסען אומעט האָבען זיך לאַנגזאַם געלעגט אויף דער נשמה, געגלעט און געקיהלט דאָס אונרוהיגע האַרץ. עפּעס האָט געזונגען אין דער נשמה, אַזוי טרויעריג און האַרציג און זיס, ווי דאָס ליעד פון אַנ'עלענדער מוטער איבער'ן וויעג פון איהר קינד.

מאָרגען אין דער נייער טורמע...

אַ בלייכע זייל פון צושמאָלצענעם זילבער האָט אָנגעהויבען ציטערן און וויעגען זיך אין דעם שפּיגעל-ריינעם וואַסער. דאָס איז אויפגעשטאַנען די לבנה אויפ'ן הימעל. טונקעל איז ער געוואָרען — דער הימעל, און נעהענטער האָט ער זיך צוגערוקט צו דער ערד. צי הערט ער זיך אַיין איהרע סודות?

אַ קליין שיפעל האָט זיך בעוויזען פון ווייטענס. צוויי מענשליכע פיגורען אין העלע קליידער. רוהיג גליטשט זיך דאָס שיפעל. ס'פאַלט דאָס וואַסער, ווי פערל, פון די רודער און קלינגט ווי קלייניקע גלעזערנע גלעקעלעך. אַ גרוס אייך, איהר פרייע מענשען...

ערגיץ נאָהענט האָט דער סאָלאָוויי אָנגעהויבען זיין ליעד.

ס'איז שוין נאַכט געווען. די טורמע איז געשלאָפען. צוויי לאַנגע רייהען בעטלעך אין דער גרויסער קאַמער — צוויי רייהען טונקעלע קברים מיט שוואַרצע ברעטלעך-מצבות צו-קאָפּענס. שאָטענס, צופליקטע, צוברעקעלטע, בלאָנדזשען אַרום איבער דער קאַמער, שטיקלעך שאָטענס, ווי צופוילטע שמאַטעס, וואַלגערן זיך צווישען די בעטלעך, בערעקען די שלאָפענדיגע פיגורען, הענגען אַראָב פון דעם באַלקען, גליטשען זיך איבער די אייזערנע גראַטעס. דאָס קליינע

לעמפּל ווייגט אין ווינקעל מיט געלבליכע טרערען, ראַנגעלט זיך מיט דער פינסטערניש און אָטעמט ווערט עס דערוואָרגען. און אַנ׳אימה שפּאַנט אַרום אין דער־פינסטער. אונרוהיג שלאָפט מען אין טורמע. מענשען, אַלטע און יונגע, איינגעוויקעלט אין שמאַטעס, איינגעהוי־קערט, אויסגעקרימט, ליעגען און עטעמען שווער, וואַרפען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, קרעכצען און ברומען עפּעס פאַר זיך. און עס דאַכט זיך, אימיצער, אַ גרויסער און אַ טונקעלער, האָט אָנגעפילט דעם צימער פון עק צו עק, שפּאַרט זיך אין אַלע זייטען, פּרעסט מיט אַ משא די ברוסט פון די שלאָפענדיגע און קוועטשט אַרויס פון די מידע קעפּ חלומות שווערע, ווי בליי.

אויפ׳ן ברייטען פענסטער, אין אַ פּאַס פון זילבער־קלאָרען לבנה־שיין, איז געזעסען אברהם „דער אונלעגאַלער" און געשמועסט מיט זיין חבר מיכאל. „אונלעגאַלער" האָבען מיר איהם גערופען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט אויסגעזאָגט זיין אמת׳ן נאָמען. אַרעס־טירט האָט מען איהם מיט צוויי פּעסער אין טאַש. שוין אַ חדש, אַז ער איז ביי אונז געזעסען — און די זשאַנדאַרמען האָבען נאָך אַלץ געזוכט און נישט געקענט דערגעהן, ווער ער איז. און נאָר ווייניגע פון אונז האָבען געוואוסט, אַז ער איז שוין דריי יאָהר פון סיביר אַנטלאָפען, אַז ער איז שוין איינמאָל „אַריינגעפאַלען" און כמעט מיט נסים אַרויס פון זייערע הענט, אַז ער איז אַ היגער אַ געבוירענער און אַז ער האָט אַפילו דאָ אין שטאָדט אַ משפחה.

איצט איז ער געזעסען אויפ׳ן פענסטער און שטיל גערעדט צו מיכאל׳ן.

— וואָס ווילסטו: אַ מאַמע. אַליין אויף דער וועלט. עלענד, ווי אַ שטיין. אַז מ׳האָט משה׳ן, דעם יונגערן ברודער, אַרעסטירט, האָט זי זיך געבעטען אין טורמע. געקומען און געזאָגט, אַז זי איז אויך „אַזוינע", אַז זי האָט אויך פּראָקלאַמאַציעס געשפּרייט. געמיינט, זי וועט העלפען, געמיינט, ס׳וועט איהם זיין מיט איהר גרינגער. האָט מען זי אויסגעלאַכט און פּערטריבען. צוויי חדשים איז זי נאָך־דעם קראַנק געווען און פון דעמאָלט אָן שוין צום געזונד נישט געקומען...

די לבנה האָט אַריינגעקוקט אין פענסטער. אין איהר שיין האָט אברהמ׳ס פּנים אויסגעזעהן ווייס, ווי קרייד. די אויגען האָבען גע־קוקט ערגיץ ווייט, אויפ׳ן הויף האָט אַ גרילץ געגעבען דעם וועל־

טערם פייפעלע. אַ צווייטער האָט זיך אָבגערופען פון דער־ווייטענס— אַ פּנים פון יענער זייט וואַנט. ס'איז ווייטער געוואָרען שטיל.

— איהר גאַנץ לעבען זענען מיר געווען,—האָט זיך געהערט ווייטער זיין איינגעהאַלטען קול,—מיר ביידע זענען געווען דאָס ליכט פון איהרע אויגען. דער טאַטע איז געשטאָרבען גאָר יונגערהייד, און וי—אַלץ געהאָרעוועט און געליטען, געפּלאָגט זיך און געמאַטערט. און אַלץ צוליעב אונז, און אַלץ געהאָפּט און געטרוימט וועגען אונז. איצט זענען מיר ביידע פערשוואונדען. מיט אונז צוזאַמען די פריידּ פון איהר לעבען... וואָס קען מען העלפען?

אברהם האָט אַראָבגעלאָזען זיין קאָפּ און זיך פערטראַכט...

— מאָרגען וויל זי זיך שטעלען אויפ'ן וועג צו דער נייער טורמע, האָטש אַ קוק געבען, שרייבט זי, פון דער־ווייטענס. צי וועט זי זיך איינהאַלטען? זי זאָגט—זי וועט זיין רוהיג. קראַנקע, עלענדע מאַמע!... ל'האָב זי געבעטען רחמנות האָבען אויף אונז ביידען. ווייסטו, וואָס זי ענטפערט? האָב דו רחמנות אויף מיינע אַלטע יאָהרען, לאָז מיך זעהן דיין פּנים פאַר מיין טויט. וואָס טוט מען?...

ביידע זענען געזעסען שטיל און פערטראַכט. ערגיץ נישט ווייט האָט דאָס וואַסער זיך געפּלוסקעט אין טייך. ס'האָט אַ ציה געטאָן אַ ריח פון בלומען. אַ ווייס וואָלקענדעל האָט פערהילט די לבנה מיט אַ דינעם שלייער. אין קאָרידאָר האָט דער זייגער געקלונגען.

— מאָרגען, מאָרגען אין דער נייער טורמע...

---

פריה זענען מיר אויפגעשטאַנען דעם אַנדערן טאָג. ליכטיג איז געווען, גאַנצע ימים ליכט, אַ גאַנצער מבול פון לעבעדיגע סנאָפּעס שטראַהלען האָט זיך געגאָסען אַרום און אַרום. ס'האָט זיך געדאַכט— דער הימעל האָט געעפענט זיינע קוואַלען און אויסגעשאָטען איבער דער וועלט אַ גאַנצע שפע פון ליכט. ס'האָט זיך געדאַכט, גאָט אַליין וויל ווייזען, וויפיעל אוצרות פון ליכט ער פערמאָגט, וויפיעל זונענשיין ער קען שענקען זיין וועלט, ווען ער וויל.

און אַלצדינג האָט געגלאַנצט און געבלאַנקט. געגלאַנצט דער דאַך פון דער טורמע, געשימערט די פאָדערשטע וואַנט, געבליש־טשעט די שפּיזען פון די ביקסען, געלויכטען די קנעפּ ביי אינזער נאַטשאַלניק, געפינקעלט די קלינגענדיגע שפּאָרען.

מיר אַלע זענען שוין געשטאַנען אין הויף, גרייט צו ריהרען

זיך פון אָרט. און קיין טרויער איז שוין נישט געווען אין אונזערע הערצער. פערשוואונדען די שאָטענס — פערשוואונדען דער אומעט, פערשוואונדען דער נאָגענדער וועהטאָג. לעבעדיג, כ נזער. די זון לייכט! די זון גיסט אויף אונז איהרע ליעבליכע שטראָמען. מיר לעבען! מיר פיהלען דאָס לעבען! מיר געהען אַנטקעגען דעם לעבען. אונז געהערט די איצטיגע רגע, אונזער ברוסט הויבט זיך מיט גוואַלטיגען לעבענס-נענוס. זאָל קומען — וואָס ס׳מוז אונז געשעהן! פעסט איז דער ווילען, שטאַרק איז דער מוט. פרעהליך דער בליק, וועלכער זעהט שטענדיג ווייטער. זאָל קומען!...

דער נאַטשאַלניק האָט נאָך אָבגעגעבען די לעצטע פעראָרדנונגען.

— די זאַלען — אויף אַ פוהר. אָט די און די אַרעסטאַנטען — צו-פוס. צו יעדע פיַנף — אַ קאָנוואָי פון פיער סאָלדאַטען. — נאָר אַלטונג געבען, שרים! — אָט די דריי אויף בעזונדערע דראָשקעס, צו יעדען צוויי סאָלדאַטען. נאָר זעהט, חברה, נישט אַראָבלאָזען פון זיי קיין אויג. דאָס זענען אַזוינע ממזרים — נו-נו! קוים וועט ער זיך געבען איין ריהר — מאַך נישט קיין טענות — שים!

— סטראָיסיאַ!...

אין איין מינוט זענען מיר צוטיילט אויף גרופען. שווערדען גיבען האַסטיג אַ בליאַסק. פאַרטיג. אברהם דער אונלעגאַלער מיט נאָך צוויי זיצען יעדערער אויף אַ דראָשקע.

פאָרווערטס! שלעסער קלינגען, טויערן סקריפען, שווערע טריט הילכען איבער דעם ברוק. אָט איז זי — די ברייטע גאָט׳ס וועלט; ווי עס שמעקט די לופט, פונקט ווי אָנגעזאַפּט מיט בשמים! צי דאָס דאַכט זיך אַזוי? די הייזער שמייכלען פון דער-ווייטענס. און אַלץ איז פונקט ווי געווען, אַקוראַט ווי פריהער, נאָר עפּעס ניי, ווי אָקאָרשט געמאַכט, און אַזוי שאַרף, אַזוי בולט, ווי אויסגעשניטען מיט אַ מייסטער-האַנט.

מיר האָבען זיך אויסגעצויגען אַ לאַנגע מחנה אויפ׳ן ברעג פונ׳ם טייך. איין גרופע נאָך דער צווייטער. אַ פריהער די דראָשקעס, נאָך פריה, אַ פנים. מען זעהט נישט קיין מענשען. אָט דאָרט איז דורכגעגאַנגען אַ פויער אין אַ ווייסער סוויטע, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, דערשראָקען און צלמ׳ט זיך. אַ דוואָרניק קעהרט דעם ברוק פאַר אַ הויז. ער גיט אָב „טשעכט”. דאָרט רוקט זיך אַקרעמערקע

מיט אַ טאַטשקע גרינס. זי קוקט גאָרנישט אין דער זייט.

ווייטער, ווייטער, לינקס. דער וועג געהט שוין בארג ארויף, פערשוואונדען דער טייך. צוויי רייהען הייזער. די לאָדען פערשלאָסען. שאַ, שטיל. נאָר פון אויבערשטען שטאָק קוקט אַרויס אַ יונג מיידעלע מיט נאָך אַ פערשלאָפענעם פנים, האלב דערשראָקען, האלב פערגאַפט. שוין זעט וועט קיינער נישט קומען?

ניין! אָט שטעהען אַ פּאָר בחורים. יונגע, אין שווארצע העמד־לעך. זיי שטעהען און קוקען. קיין ריהר מיט קיין אבר. קיין פינטעל מיט'ן אויג, ווי אויסגעגאָסען. זיי שטעהען און קוקען. נאָר די פּנים'ער שרעקליך ערנסט. כמעט ווי אַ שמערץ אין די אויגען: חברים...

און אָט אַ ביסעל ווייטער — אַן'אַלטע יודענע, איינגעבויגען אין צווייען, אויף אַ שטעקען געשטיצט. דער אַלטער פּנים איינגעשרומפּען. אַ ווייס טיכעל אויפ'ן קאָפּ, און פון אונטער איהם קריכען גרויע צושויבערטע האָר. זי וויינט נישט. נאָר די אויגען בעטען עפּעס אַ שטילען געבעט, אַ הייסען, אַ ציטערדיגען, אַן'אונרוהיגען, און זיי לויפען, די אויגען, פון איינעם צום צווייטען, און טאַפּען אַרום יעדען, און איילען זיך, און לויפען און קענען נישט שטעהן.

און פּלוצים:

— ישראל, מיין זוהן!

אברהם דער אונלעגאַלער האָט אַ ציטער געגעבען מיט אַלע גלידער און נישט ווילענדיג אויסגעצויגען די הענט:

— מאַמע!

און דיזעלביגע רגע — טראַך! אַ קנאַל פון אַ רעוואָלווער איז דורכגעפלויגען איבער אונזערע קעפּ און דאָס ווידער־קול האָט זיך אָבגעשלאָגען פון די שטומע הייזער.

אַ הייסער געשריי — אַן'אַנגסט געשריי.

אברהם דער אונלעגאַלער האָט פערוואָרפען אויף הינטען דעם פערוואונדעטען קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט געשיינט.

# ווען די קייטען קלינגען.

(פון לעבען).

---

## I.

יונג און שטאַרק איז ער געווען, און הייסע שטראָמען פון בעגייסטערונג האָבען זיך געגאָסען פון זיין נשמה. אין דעם טאָג, ווען מ'האָט איהם אין אונזער געפענגעניש געבראַכט, האָט זיך אונז אַלע געדאַכט, אַז אַנ'אָטעם פון פריהלינג האָט זיך ארייגעריסען אין די טונקעלע קאָרידאָרען און אָנגעשטויסען זיך אָן די גרויע ווענט, און אָבגעשפרונגען פון אַלע זייטען און צו יעדען אין קעמערל אריינגעוואָרפען אַ קנויל פון בלומען-דופט און פרייד-געזאַנג — אַ ליכטיגען גרוס פון דער פרייהייט.

לאַנג זענען מיר שוין געזעסען אין געפענגעניש, און אָבגעוועהנט זענען געווען אונזערע נשמות פון העלע און גלאַנציגע פאַרבען. שטיל איז ביי אונז געווען, מורא'דיג שטיל; איינינע פון אונז זענען שוין אַפילו צופריעדען געווען, וואָס די שטילקייט וויקעלט ארום זייער נשמה מיט אַ ווייכען, פאַרבלאָזען וואָלקען. און עס ווילט זיך שוין נישט טראַכטען, און דאָס האַרץ פערגעסט שוין צו קלעמען...

און פלוצלונג איז ער געקומען און אויפגעוועקט אַלצדינג.

ער האָט געזונגען. זיין שטים איז געווען שטאַרק, ווי די שטים פון אַ מאַן, און ריין, ווי דער פלאַמענדיגער הימעל-ראַנד אין אַ העלען פריה-מאָרגען. און ווייכע, זיסע אומעט-קלאַנגען פלעגען זיך, נישט ווילענדיג, אריינ'גנב'ענען אין די מוטיגע לידער און

בערעקען די שטאָלצע געזאַנגען מיט אַ דינעם שלייער פון מרה־שחורה.

ער האָט געזונגען אין זיין שטייגעל, און די לידער האָבען אויפגערודערט די בלייערנע שטילקייט און געבראַכט מיט זיך עפּעס אַ נייעס, אַ נישט־געוועזענעס.

„הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטען,
פריי בעהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגען, ווארפט די בוימער,
טוט וואָס אייך געפעלט".

מיר אַלע זענען צוגעפאַלען מיט'ן אויער צו די דיקע טהירען, ווי איינער פאַלט צו צו דער ברוסט פון זיין פריינד, און האָבען דורשטיג געשלונגען די טענער. דאָס ליעד איז געשוואומען איבער'ן שטילען קאָרידאָר, האָט געהויבען זיך אַ חוואַליע נאָך אַ חוואַליע, געוויעגט זיך אויף פייערדיגע פליגעל אין צו אַלעמען אין הארצען אַריינגעדרונגען מיט שטראַהלענדיגע בשורות. עפּעס איז מיט אַמאָל געוואָרען אַנדערש אַלצדינג. עפּעס האָט ווי אַ הייסער שטראָם פון אומבעקאַנטען גליק פערחאַפּט דאָס הארץ און גערעדט נישט קיין אויסגעשפּראָכענע ווערטער.

„טרייבט די פויגעל פון די וועלדער
און פעריאָגט זיי פאָרט!
די, וואָס קענען ווייט נישט פליהען—
טויט זיי אויפ'ן אָרט".

מיר האָבען געהערט, און דער מדבר פון אונזער געפענגעניש איז געוואָרען פריש און בעלעבט. מיר האָבען נישט געוואוסט, ווער איז דער זינגער, מיר האָבען נישט געזעהן זיין פּנים. נאָר אַ מענש, וואָס האָט אַזוי געקענט זינגען, איז שוין געווען נאָהענט צו אונז, ער איז אונז אַלעמען שוין געוואָרען טייער, ווי אַנ'אייגענער, ווי אַנ'אַלטער פריינד.

די גאַנצע טורמע איז געוואָרען איינס. עפּעס ווי אַלע האָבען איין הארץ בעקומען, און דאָס הארץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין טאַקט. אַפילו מיין שכן איבער מיר, וואָס פלעגט דעם גאַנצען טאָג ארומשפּאַנען אָהן אַנ'אויפהער איבער זיין קאַמער — איינס און צוויי, איינס און צוויי,—האָט זיך אָבגעשטעלט און, קענטיג, געהאָרכט.

אין דער „קאַטאָרזשנער" געגענאיבער האָבען אויפגעהערט צו גרילצען

די קייטען. ס'איז געוואָרען וואונדערליך שטיל, און אין דער שטיל-קייט איז געוואַקסען און האָט געהויבען זיך דאָס ליעד.

„... לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,

זומער איז נאָך וויט ...״

... און פּלוצים — די אַלטע, גוט-בּעקאַנטע, היזעריגע שטים, די שטים פון'ם וועלטער:

— שטילער! זיך צוזונגען אַ בּיסעל! סאיז דיר, מיינסטו, אין דער-היים? מען טאָר נישט זינגען!

---

## II.

פון דער מינוט אָן האָט זיך אָנגעהויבּען דער קאַמפּף.

זיי, אונזערע וועלטער, האָבּען געוואָלט צוריק-קעהרען די שטילקייט אין אונזער לעבּעדיגען בּית-עולם; ער, אונזער נייער פריינד, האָט געשאָטען זיינע דימענטענע ליעדער און געטריבּען די שטילקייט, ווי זונען-שטראַהלען טרייבּען די שאָטענס פון נאַכט.

לאַנג האָט געדויערט דער קאַמפּף. אין דער-שטיל איז ער געגאַנגען און אין דער-פינסטער, — דער דאָזיגער פערצווייפעלטער קאַמפּף, און געווען איז ער טיעף און פערבּיסען, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס זענען איינגעשפּאַרט אין איין תּפיסה צוויי אונבּעקאַנטע, שוידערליכע בּעשעפּענישען, ווילד און פאַרטזילטיג, און בּייז, און קלוג, און זיי ליערן איינער אויף דעם צווייטען מיט דער שאַרפקייט פון שנאה, און עטעמען איינער אויף דעם אַנדערן מיט אַ הייסען פערגיפטעטען אָטעם, און גרייטען זיך יעדערער אַרויפצוואַרפען זיך אויף זיין פיינד און אָנחאַפּען איהם בּיי דעם האַלז, און איינגראָבען זיך אין איהם מיט די נעגעל — און שטיקען, און שטיקען...

די שנאה האָט געגליהט אין האַרצען, ווי אַ קראַנקהייט, און גענאָגט, ווי אַ וואונד, און געריסען אויף שטיקלעך דאָס האַרץ, ווי אַ רויב-פויגעל דאָס לייב פון זיין קרבּן.

זיי, אונזערע וועלטער, האָבּען געהאַט אין די הענד דאָס אייזען פון שווערדען און שלעסער. ער, אונזער פריינד — דעם אייזערנעם ווילען, וואָס קען זיך נישט בּויגען.

זיי האָבען פינאַנדערגעוויקעלט די גאַנצע קייט פון זייערע פלאָגען. ער איז געשטאַנען שטאָלץ און שטייף, ווי אַ קרעפטיגער בוים אין אַ שטורם.

דער קאַמפף האָט געדויערט.

זיי האָבען איהם אויגגע ערט אַרויסלאָזען שפּאַצירען. ער האָט נאָר זיך איינגעלאַכט איבער זייער נקמה — און ווייטער געזונגען.

זיי האָבען אַרויסגעטראָגען פון זיין קאַמער דאָס בענקעל און דאָס טישעל, און דאָס בעט מיט'ן שטרוי־זאַק האָבען זיי צוגעשרויפט צו דער וואַנט — און געלאָזט איהם ליעגען אויף די קאַלטע פייכטע ציגעל — ער האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען.

זיי האָבען אַראָבגענומען פון איהם זיינע קליידער און אָנגעטאָן די גרויע, שמוציגע אין פערפעסטעטע הפיסה־תכריכים, — ער האָט רוהיג צוגעזעהן אַלצדינג, און ווען די טהיר פון זיין קאַמער איז געוואָרן פערשלאָסען און דאָס ווידערקויל פון דעם שליסעל־געקלאַנג האָט זיך אויסגעלאָשען אין דעם הילכיגען פערטראַכטען קאָרידאָר, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער. און מיר האָבען אַלע דערהערט זיין ריינע קרעפטיגע שטים, פונקט ווי אַ פאַס רויטער סאַמעט האָט זיך אויסגעצויגען און געפלאַטערט אין דער גרויער לופט:

— ברידער! מיר לעבען. דער גוף איז געבונדען. דער גייסט — ער זאָל בלייבען אי בליהענד, אי לויטער. דער קאָליגער גייסט — ער וועבט תכריכים פאַר דער אַלטער פערשאָלטענער וועלט.

און פונקט ווי עמיצער האָט אַ ריהר געטאָן מיט אַ מייסטער־האַנט די אָנגעצויגענע סטרונע, פונקט ווי אַ פונק האָט דורכגענומען אַלעמענס הערצער — אין איין רגע זענען מיר אַלע צוגעגאַנגען צו די פענסטער, און ווי אַ שטראָם אין פריהלינג, ווען ער רייסט די אייז־דעק, האָבען זיך אַרויסגעריסען אונזערע קולות פון די בלינדע פענ־סטערלעך, און אַוועק — איבער דעם קאָפּ פונ'ם וועכטער, אַריבער דער הויכער וואַנט מיט דעם שטעכיגען דראָט, ווייטער. אַהין, אין דער פרייער וועלט אַריין:

„...אַלט־רוסלאַנד! מיר וועבען תכריכים פאַר דיר,<br>
אַ דרייפאַכע קללה אין זיי וועבען מיר, —<br>
מיר וועבען, מיר וועבען!“...

* *

*

דער קאמפף איז געוואָרן אַלעמאָל הייסער. זיי האָבען איהם אָנגעהויבען געבען נאָר ברויט און וואַסער צום עסען, זיי האָבען צוגענומען פון זיין קאַמער די בילער, זיי האָבען אויפגעהאָנגען אַ בלעך-שילד אויף זיין פענסטער, כדי ער זאָל נישט קענען אַראָב-קוקען אין הויף, — ער האָט אויף אַלצדינג געהאַט נאָר איין ענט-פער—די דרייסטע געזאַנגען. זיי האָבען איהם אַריבערגעפיהרט אין ווייטסטען ווינקעל פון דער טורמע, אין דער ערגסטער, שמוציגסטער קאַמער, אָהן לופט און אָהן ליכט, — זיין שטים האָט געבראָכען ווענט און געשפרייט זיך אין דער שטילקייט און געהויבען זיך אַרויף אין דער הויך.

און דעמאָלט האָבען זיי איהם אַריינגעזעצט אין קאַרצער.

אַלט טאָג איז אין טורמע געווען שטיל, אויפ'ן ניינטען טאָג, גאַנץ פריה, באַלד נאָך דער „פּאָווערקע", האָבען מיר ווייטער דער-קענט די גוט-בעקאַנטע שטים, וואָס איז אונז אַלעמען געוואָרען אַזוי טייער און ליעב:

„פרייד און שטרעבען קום איך געבען,
לעבענס-לוסט און לוסט אין לעבען
אַלעמען צוגלייך"...

---

## III.

זיי האָבען בעשלאָסען איהם אָנצוטאָן קייטען.

ווען זיי זענען געקומען אין זיין קאַמער, איהם צו פערשמידען, איז ער זיי געגאַנגען אַנטקעגען און מיט איין שטויס פון דער האַנט אַרויסגעשליידערט ביידע וועכטער מיט דעם שמיד, און ווען זיי האָבען גערופען צו הילף נאָך צוויי וועכטער און האָבען זיך אָנגע-קלאַמערט אָן איהם פון אַלע זייטען, האָט ער שטום זיך געראַנגעלט מיט אַייזערנער גבורה און נישט געלאָזט זיך נעהמען, און ווען עס זענען געקומען נאָך דריי סאָלדאַטען פון דער וואַך און איהם אָנגע-

הויבען שלאָגען מיט די פּריקלאַדען, האָט ער ענדליך איבערגעריסען די שטילקייט און אויסגערופען מיט זיין מעכטיגען וואונדער־קול: „חברים, העלפט!“

און דאַן האָבען מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען.

געווען א וויסטער בית־עולם — געוואָרן א ברויזענדער גיהנם.

געווען א שטילקייט פון טויט — געוואָרן א הילכיגער שטורם.

וואָס קראַכט דאָס און האַמערט און שמעטערט און פּויקט? וואָס דונערט און קלינגט און צופאַלט זיך און פּלאַצט? דאָס רייסט זיך צו פרייהייט דער מענשליכער גייסט — דאָס בייסט ער אין וואוט זיינע קייטען. די טהירען—די שטומע פערשלאָסענע רייה—זיי האָבען ענטפּלעקט דעם פערבאָרגענעם סוד, זיי ריידען, זיי שרייען, זיי ברומען אין כּעס, זיי ציטערן אַלע אין פיבער. עס רוישט און עס קנאַלט, און עס פאַלט פון דער הויך, עס שיט זיך א האָגעל פון אויבען אראָב, עס שטירצען ווי פעלזען פון רעכטס און פון לינקס, עס שפּאַלט זיך די ערד אין געררודער.

העי, ווי ס׳קלינגען די שויבען אַרום און אַרום, ווי עס טאַנצט גאָר די תּפיסה א ווילדען, א שכּור׳ן טאַנץ! הייסער ברידער, זאָל שמאַרצען די וואונד, העלער, ריינער זאָל ברענען דער בליק! איינ־מאָל לעבט מען—טאָ לעבט־זשע אצונד!

מיין שכן איבער מיר האָט געקנאַלט אין דער טהיר מיט זיין טיש, און יעדער קלאַפּ איז געפאַלען לאַנגזאַם, ערנסט און מיושב׳־דיג, ווי א גרויסער שווערער האַמער: איינס!.. איינס!.. און נעבען איהם האָט דער זעכצען־יעהריגער „אנאַרכיסט“ געפּויקט מיט די פויסטען לעבעדיג און לייכטזיניג: איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי! און אינמיטען האָט זיך אַריינגעהאַפּט עפּעס א הייזעריגער קרעכץ, ווי מען ברעכט האָלץ: דאָס האָט מען רעכטס פון מיר געבראָכען אויף שפּענדלעך דעם טיש און דאָס בענקעל, און די קאַטאָרזשאַנעס אַנטקעגען האָבען געקלאַפּט מיט די אייזערנע פּיסלעך פון די בעטען איבער די רעהרען פון דער דאַמפּף־הייצונג און אָנגע־זאַפּט דעם ליאַרם מיט א קלאַנג פון מעטאַל, און דאָס קלינגען פון צובראָכענעם גלאָז האָט אַלע וויילע אַרויסגעשפּריצט פון דעם אַלגע־מיינעם האַר און זיך צושאָטען אויף קליינע פונקען...

און אינמיטען דערינען: באַך!!.. אויסגעשאָסען אין קאָרידאָר. ווי מיט א ריזיגער האַנט צוריסען אויף צווייען דעם גאַנצען ליאַרם.

איין סעקונדע שטיל—און ווייטער דאָס אַלטע געטומעל, און ווייטער אַמאָל: באַך! באַך! זיי שיסען! וואוהין? אין די קאַמערס? פון קאָרידאָר דורך די טהירען? קלאַפּט-זשי וואָס העלער! נישט אויפ-הערען, ברידער! נאָר היט אייך: שטעהט נישט אינמיטען. קלאַפּט-זשע, קלאַפּט-זשע, שטאַרקער, דרייסטער!...

עס רוישט און עס הילכט, און עס ברויזט, און עס קאַלט. וואָס איז דאָס? אַ טרומייט. אַ סיגנאַל. קופּערנע טענער פליהען, ווי גלאַנצענדיגע פיילען. היט אייך, חברים, קוקט נישט אין פענסטער, חברים!

אויפ'ן הויף שטעהט אַ שורה סאָלדאַטען און שיסט אין די פענסטער. קוילען דערלאַנגען דעם באַלקען, שפּרינגען אַב און פאַ-לען אָהנמעכטיג אַראָב.

און פלוצים—שווערע טריט, זיכערע און פעסטע: איינס, צוויי, איינס, צוויי. ס'ציטערן די טרעפּ, סאָלדאַטען געהען איבער'ן קאָ-רידאָר. האַסטיג אַ קלאַפּ געטאָן די ביקסען אָן באָדען. שלעסער ווערן געעפענט...

---

## VI.

...ס'איז נאַכט געווען.

ער איז געלעגען אין זיין קאַמער מיט אַ וואונד אין קאָפּ. מיר אַלע—געבונדען, יעדערער אין זיין שטייגעל אויף די קאַלטע ציגעל.

די זומער-נאַכט האָט אַרומגענומען די ערד מיט איהרע פער-בשופ'טע אָרעמס און געפלאָכטען פון בלימען-דופט און שטערן-שיי-איהרע זיסע חלומות, און אַריינגעקוקט צו אונז אין די קאַמערס מיט ווייכע, ליעבע, פערנעבעלטע אויגען, און געגלעט אונזער'ע גליהענדע פנים'ער מיט איהר זאַנפטען אָטעם. שטיל איז געווען אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. אויבען איז געהאַנגען די זילבערנע לבנה, אונטען, אין שטאָדט, האָבען געברענט די ווייסע עלעקטרישע לאָמ-פּען און פון זייער שיין איז געשטאַנען איבער'ן שטאָדט אַזוי ווי אַ לויכטענדער וואָלקען, אויסגעוועבט פון ליכט-פאָדים און גלאַנצענ-דען שטויב. דאָרט אין שטאָדט, נישט וויים, האָט דאָס לעבען

געפלאָסען איבער די גאַסען, פיעלפאַרביג, שנעל, ווי אין פיבער. דאָ, אַרום טורמע, איז געווען אַלצדינג רוהיג און שטיל און פערקלערט. אימיצער, לייכט ווי אַ חלום, האָט אַרומגעשוועבט אין דער טונקעל־בלויער לופט, איינגעשלעפערט די פייכטע, פערמאַטערטע בלעטער, לאַנגזאַם געגליטשט זיך איבער די איינגעבויגענע זאַנגען, אַרומגעוויקעלט מיט זיסע סודות די קעפלעך פון די בלומען און מיט אַ בעהאַלטענעם פּחד זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט פון אונזער טורמע און געבליבען פערוואונדערט, פערשטאַרט.

שטיל איז געווען אין טורמע. קיין ליכט האָט נישט געברענט. קיין טריט האָט נישט געקלאַפּט. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זיך הערען אַ שאָרך, ווי אימיצער רוקט זיך איבער דער ערד: דאָס האָבען די געבונדענע זיך געפּרובט בעפרייען פון זייערע שטריק. אַ פּאָר מאָל האָט אַ קלונג געגעבען אַ פערשטיקטער קרעכץ — און ווייטער אַלצדינג געוואָרן שטיל.

און פון דער שטילקייט האָט זיך אויפגעהויבען זיין ריינע, קלאָרע שטים און איז געשוואומען אין אַ ים פון טרויער און בענקשאַפט:

„עס וועט קומען אַ צייט, און די צייט איז נישט ווייט,
און פון מזרח, פון מערב, פון יעטווידער זייט
וועט ערהויבען זיך מעכטיג אַ וואַרימער ווינט,
און עס וועלן די חמאַרעס פערשווינדען געשווינד . . .“

און פון יענער זייט טורמע, פון צווישען די איינגעשלאָפענע גערטנער, פון צווישען דער דופטענדער פינסטערניש האָט איהם אָבגעענטפערט אַ קרעפטיגע, לויטערע, פרעהליכע שטים, און געדאַכט האָט זיך אונז, אַז זי קומט צו אונז פון דעם לאַנד פון אונזערע גאָלדענע חלומות און טראָגט אויף איהרע פליגעל אַ הייליגע בשורה:

„עס וועט קומען די צייט, יענע גאָלדענע צייט,
אָך, דו גלויב־זשע, מיין פריינד, אַז זי איז שוין נישט ווייט“.

און ביידע שטימען האָבען זיך אַרומגענומען און געטראָגען זיך איבער דער איינגעשלאָפענער וועלט און געזייהט וואונדערפולע נבואות, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט: גאָט אַליין הערט זיך איין אין׳ם ליעד פון זיינע קינדער שפּעט ביי־נאַכט און שאָקעלט לאַנגזאַם זיין גרויען אַלוויסענדען קאָפּ . . .

דאָרט, אויף דער פריי האָבען אונזערע חברים געוואַכט.

# דריי מאָל.

דריי מאָל האָבען זיי זיך בעגעגענט אין זייער קורצען און שטורמדיגען לעבען.

דריי מאָל—דריי קורצע מאָמענטען.

ווען דער דיכטער וואָלט די געשיכטע פון זייער לעבען מיט גאָלדענע פעדים געוועבט, וואָלט ער אין דריי ערטער דריי טונקעלרויטע, פורפור־גליהענדע שטיינער אַריינגעוועבט. וואָלט ער דאָס ליעד פון זייער לעבען אין אַ ליכטיגער סימפאָניע דערצעהלט, וואָלט די מוזיק אין דריי ערטער צו פייער־פלאַמען געוואָרן. וואָלט אַ טונקעלער שטראָם זייער לעבען געווען, פול גערויש און גערודער און פעלזען און גריבער אויף יעטווידער טריט, — וואָלט דער מאָרגענשטערן אין דריי פונקטען דאָס וואַסער געגלעט מיט זיינע העלע, האַלב־טויטע שטראַהלען, וואָס גליהען מיט האָפנונג און קוויקען דאָס האַרץ און קענען עס דאָך נישט דערוואַרימען.

דריי מאָל—אפשר דריי מצבות אויפ'ן וועג, דריי מצבות און אויף יעדערער אַנ'אויפשריפט: דאָ האָט אַ מענש געלעבט, און דאָס ברענענדיגע האַרץ זיינס אין אַ תהום פון שמערצליכען גליק געקיהלט, און ווייטער געפלאַקערט, און ווייטער געגליהט... ביז'ן סוף.

אין טורמע האָט ער זי דערזעהן דאָס ערשטע מאָל.

אין טורמע... קענט איהר די טורמע? גרויע ווענט און אייזערנע גראַטעס און בייזע וועכטער — מיינט איהר, אין זיי איז די שרעק? אין אייך אַליין ליעגט זי בעהאַלטען, אין אַייך אַליין ליעגט זי און לויערט. הערט איהר נישט, ווי זי ריהרט זיך ביי אייך דאָרט טיעף—אויפ'ן דעק פון אייער זעעל?

הערט זיך איין. צווישען רוישענדען לעבען, צווישען לעבעדיגע, פרעהליכע מענשען, אונטער דער ליכטיגער זון פרובט אַראָבלאָזען זיך אויף איין רגע טיעף־טיעף צו אייך אין דער נשמה און בלייבט אליין, פאַר זיך, איינגאַנצען אליין. בלייבט אליין און הערט זיך איין — וועט ער אויפשטעהן פון דער טיעפעניש, דער בעהאַלטענער, דער אייביגער שכן אייערער, און וועט זיך ריהרען, ווי נאַסע נעבעל־קנוילען איבער א זומפּ און וועט קוקען אויף אייך מיט זיינע בלינדע, אייז־קאַלטע אויגען.

אין טורמע... ס׳איז דאָ ערגערס, ווי די שרעק אליין. ס׳קומט א צייט, ווען די שרעק אליין איז פאַר אייך א גאולה.

גלאַט איז די טורמע. איהר קומט אַריין מיט א גאַנצער נשמה, מיט א פיעל־זייטיגער, פיעל־קאַנטיגער נשמה. די טורמע — זי וויל דאָס נישט ליידען. וואָס קעהרען זיך מיט איהר אָן אַלע קאַנטען און און ווינקלען פון אייער נשמה—וואָס טויגען איהר די שענע טעמפּלען פון אייער נשמה? גלאַט דאַרפט איהר זיין, גלאַט און קיילעכדיג און ווייך! אַזוי הייסט זי.

ווילט איהר נישט — קענט איהר זיך צוברעכלען דעם קאָפּ אָן דער גרויער וואַנט און פטר׳ן מיט א מאָל. איהר קענט זיך אויפּהענגען אויף דער גראַטע פונ׳ם פענסטער — א לייעך דערצו איז שטענדיג פאַרהאַן — אָדער איהר קענט זיך איבערשניידען דעם האַלז מיט א שטיקעל גלאָז. איין מאָל פאַר אַלעמאָל: „איך קען דאָ נישט לעבען. סאיז מיר ענג!״.

אַזוי טוט טאַקי נישט איינער. אפשר זענען דאָס די שטאַרקסטע. און אפשר... שוואַכע קענען ווייניגער ליידען. צי קענען זיי אויך ווייניגער פיהלען?...

דאָס רוב פּאַסען זיך צו. מען פיילט זיך צו, מען שניידט אָב די בולט׳ע קאַנטען, מען פערגלעט די שאַרפע שפּיצען פון דער נשמה. מען פערוויקעלט זיך מיט דער וואַט פון גערולד. מען ווערט גלאַטער. מען פיהלט אליין נישט, ווי מען ווערט גלאַטער. איינינע — אויף א קורצע צייט, איינינע — אויף לאַנגע יאָהרען, אפשר אויף אייביג.

מען מאַכט זיך א וועלט אין די פיער אייליען. א לעבען פון פיער איילען די גרויס. מען מאַכט זיך א געקינסטעלטע וועלט, א האַלב אויסגעטראַכטע; א פערגרעסערטע, ווי אונטער א מיקראָסקאָפּ.

און מען לעבט. אַ ברויזען שטויב ווערט אַזוי גרויס ווי אַ באַרג, אין אַ ערך פון אַ האָר הערט זיך ווי דאָס קנאַלען פון אַ דונער. מען לעבט — מען קאָכט זיך און מען פרעהט זיך און מען צאָרנט און מען האָפט און מען האַסט אין די פיער איילען, אונטער'ן מיקראָס־קאָפּ, אין אַ וועלט ווי אַ טראָפּען וואַסער די גרויס. וואָרום אַנדערש קען מען נישט לעבען.

און אַז איהר קענט זיך נישט איינלעבען אין אָט דער וועלט — הויבט איהר אָן צו בענקען. און בענקשאַפט — אָהן אַרבייט, אָהן קאַמפּף — איז אַ סם.

און נאָך דער בענקשאַפט ווערט איהר רוהיג — די רוהיגקייט פון אַ מת. דעמאָלט מעג מען שוין גראָבען אַ קבר: געווען אַ מענש און פערפאַלען.

... ער, אין יענער צייט, האָט שוין געזונקען אַראָב. זיין ווילען איז געשלאָפען. זיין קאָפּ איז געווען מיד. שווער איז איהם געווען, נאָר דאָס איז נישט געווען די שווערקייט פון אַ שטיין, וועל־כער שניידט אייער לייב מיט זיינע שפּיצען — איהם האָט אַרומגענומען אַ ווייכע משא, ווי אַ הויפען זאַמד, וועלכער פערשיט אייך ביסלעכ־וויז, איין קערענדעל נאָכ'ן צווייטען, און פערשלינגט אייך און קריכט אַריין אין יעדען ווינקעלע, אין יעדען קנייטש פון אייער לייב, און בעגראָבט אייך לאַנגזאַם, איין קערענדעל נאָכ'ן צווייטען, איינס נאָכ'ן צווייטען, אָהן אַנ'אויפהער, אָהן רוה...

שווער איז איהם געווען, מיד איז געווען זיין קאָפּ. נאָר דאָס איז נישט געווען קיין מידיגקייט נאָך אַ שווערער אַרבייט. לעדיג איז געווען זיין מח, און די לעדיגקייט האָט געמאַכט מיד און מאַט זיין געדאַנק. ער האָט אויפגעהערט צו ווען, ער האָט אויפגעהערט צו האַסען, ס'האָט איהם אויפגעהערט ציהען און נאָגען מיט אַ שאַרפען וועהטאָג. וועה האָט איהם געטאָן, נאָר דער וועהטאָג איז אויך גע־ווען אַ טעמפּער, אַ גרויער און אַ לאַנגזאַמער, ווי די גרויע געדאַנ־קען, וואָס פלעגען קריכען אין זיין לעדיגען מח.

קיין איינציגער העלער געשריי פלעגט נישט אַרויסרייסען זיך פון זיין ברוסט, קיין איינציגער העלער שטראַהל פלעגט נישט לייכ־טען פאַר די אויגען, קיין איינציגע טרער פלעגט נישט פאַלען, ווי בלוי אויף זיין ברוסט און נישט גליהען מיט פייער.

אַ מענש האָט געזונקען, געגליטשט זיך, געזונקען, לאַנגזאַם,

אַראָב און אַראָב. ערגיץ אַהין, וואו ס'איז פינסטער און שטיל, געזונקען, געגליטשט זיך אַראָב.

און דעמאָלט האָט ער זי דערזעהן.

זי האָט געקוקט פונ'ם פענסטער — פון אויבערשטען שטאָק, געקוקט ווי ער געהט אויפ'ן „שפּאַציר". יעדען טאָג פלעגט ער געהן אויפ'ן שפּאַציר. אויף און אָב אין שמאָלינקען שטייגעל. אויף און אָב. פון דריי זייטען דריי גרויע ווענט און פון הינטען דער וועל-טער. שטיל און גרוי. נאָר פון אויבען פלעגט קוקען אַ שטיקעלע הימעל. אַ דריי-עקעדיג שטיקעל, און אַמאָל פלעגט דאָרט ליגנען אַ וואָלקענדעל, ווייס ווי דער שניי, און זיך טוליען צום בלויען גע-צעלט. און אַמאָל פלעגט עס זיין ווי פערצאָרענט און קוקען אַראָב מיט אַ קעלט. נאָר דעם הימעל האָט ער נישט געזעהן, דעם קאָפּ צו דער ערד, מיט געמאָסטענע טריט, פלעגט ער שפּאַנען און שפּאַנען, און אַלץ עפּעס טראַכטען, אַ לאַנגס, ווי די נעכט פון אַ קראַנקען, אַ גרוי'ס, ווי אַ וועג אינ'ם מדבר. געשפּאַנט אַלץ, גע-טראַכט, און געשפּאַנט און געשפּאַנט און געקלערט און געקוקט צו דער ערד אויף די גרויע פיער-קאַנטיגע פליטעס—און זיי אויך נישט בעמערקט.

איינמאָל האָט ער דערהערט דעם וועכטער'ס שטים.

— דו, פּריץ'טע, זיי מוחל, געה אַראָב פונ'ם פענסטער, אַז נישט...

ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און זי דערזעהן, פון דע-מאָלט אָן פלעגט ער זי זעהן אויפ'ן שפּאַציר יעדען טאָג.

ווייך איז געווען איהר בליק, ווי די האַנד פון אַ מאַמען, ווען זי גלעט דעם קאָפּ פון איהר קראַנקען קינד. ווייך און טרויעריג און טיעף. און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז דאָס קלינגט פון אַ האַר-פּע אַ סטרונע אין דער שטילער נאַכט, צווישען הימעל און ערד, אין דער הויך; און עס שווימען די טענער, ווי קלאָרע קריסטאָלענע טרערען, און גליטשען זיך שטיל אויף דעם תהום פון דער נאַכט, און גלעטען און האַלזען די שוואַרצע, פערטרויערטע בוימער ביי'ם ברעג פונ'ם טייך, און שימערן לייכט, ווי די ערשטע דערשראָקענע שטראַהלען פאַר-טאָג...

ווייך איז געווען איהר בליק און פול מיט רחמנות, און אַ שטאָלץ האָט געלויכטען אין איהם.

זי האָט געקוקט. און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז אַ פריינד איז געקומען צו איהם פֿין דאָרט, פון דער פרייער וועלט, און אַרויפגעלעגט זיינע ווארימע הענד אויף זיינע אַקסלען און מיט ליעב־שאַפט אַריינגעקוקט אין זיינע אויגען טיעף־טיעף, און גערעדט מיט אַ זאַנפטער און מוטיגער שטים:

— קוק זיך אום, זעה נאַר, וואָס ס'איז געוואָרן פון דיר. דו ביזט יונג. דו ביזט שטאַרק. און דיין וועג—ער איז ווייט, ער איז ברייט און ער פיהרט פון דעם פינסטערן קבר ארויף אין דער הויך, און ס'בעלויכטען איהם בליצען. שטעה־זשע אויף! זיי אַ מאַן! הער זיך איין, ווי עס ריהרט זיך דאָס לעבען אַרום און אַרום, ווי עס שפּראָצט און עס בליהט אויף די וויסטע, פערשאָלטענע פעלדער. זיי שטאַרק. און פערגעס נישט—מיר אַלע, מיר וואַרטען אויף דיר. טרייב די שאָטענס—דער טאָג איז שוין נאָהענט.

זי האָט געקוקט פון איהר פענסטער. און ביסלעכווייז האָט אָנ־געהויבען צוגעהן ביי איהם אין האַרצען דער טעמפּער וועהטאָג, ווי ס'צוגעהט דאָס אייז אינ'ם אָטעם פון פריהלינג. דער מענש האָט דערפיהלט זיין נשמה. אַ ווארימער רעגען, אַ לעבעדיגער, אַ דערקווי־קענדער, האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער פערטריקענטער ערד, און די ערד איז צו זיך געקומען. גרינע שפּראָצונגען פון האָפנונג האָבען זיך גענומען דערהויבען פון איהר שוים. ערגיץ ווייט האָט אַ רעגענ־בויגען בעפּוצט דעם ראַנד פונ'ם הימעל... ערגיץ ווייט האָבען ברובים געזונגען שירה.

* *

*

דאָס אַנדערע מאָל האָבען זיי זיך בעגעגענט אויפ'ן פּאָגראָם. זיי ביידע זענען געווען אין דער זעלבסט־שוץ.

די שטאָדט האָט געברענט. אויבען האָט די רויטע זון זיך געבאָדען אין אַ ים פון שטראָמענדיגער היץ, און דער הימעל איז געלעגען אַ ווייסער, אַ צוגליהטער, אַ ציטערדיגער, ווי אַ בלעך. אונטען האָט די שטאָדט זיך געוואָרפען אין קאָנוואולסיעס און דאָס פייער—אַ ווילדע, אַ שכור'ע חיה — האָט געשפּרייזט מיט האַסטיגע טריט איבער איהרע צעוואָרפענע אברים, און אַריינגעגראָבען די רויטע

קראַלען טיעף אינ׳ם לייב פונ׳ם קרבן, און געריסען, געצופט און געביסען מיט שאַרפע צייהנער, און פרעהליך געהורזשעט, געברומט און געשפיעגען אַרום און אַרום מיט סנאָפּעס פון פונקען, און געקוקט צום הימעל, אַרויף, מיט מוטנע, פערנעבעלטע אויגען פון אַ היציגען קראַנקען.

די שטאָדט האָט געברענט. און ווייל ס׳האָט קיינער נישט געלאָשען דאָס פייער, און ווייל ס׳איז געווען אין מיטען העלען טאָג, ווען די זון האָט געשיינט, און ווייל די סאָלדאַטען זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע ריינינקע העמדלעך, ווי יום=טוב׳דיגע, און די מענשען נעבען זיי האָבען אַלעמאָל אויסגעשריען עפּעס אַ פרעהליכעס, וואָס קיינער האָט נישט פערשטאַנען, נאָר אַלע האָבען עס געפיהלט, און ווייל די הייזער זענען געשטאַנען אַזוינע אונטערטעניגע, געהאָרכזאַמע, אויסגעצויגענע, און געוואַרט, ביז דאָס פייער וועט צו זיי צוגעהן און זיי אָנצינדען, ווי אַ ליכט, — דעריבער האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מען פייערט דאָ עפּעס אַ פרעהליכען יום=טוב, אַנ׳אויסערגעוועהנליכען, וואָס אַלעמען מאַכט ער שכור מיט דעם ווײַן פון זיין פרייד. און עס פליעגט אויסקומען ווי עפּעס אַנ׳איבעריגע, אַ פערדריסליכע זאַך, ווען אַנ׳אַנגסט=געשריי פליעגט פּלוצלונג דורכלעכערן די לופט און אַ בליץ געבען, ווי אַ שאַרפער מעסער. און ס׳איז געווען אַזוי נאַטירליך, וואָס די סאָלדאַטען ציעלען זיך מיט די ביקסען אַהין, וואו מען שרייט, — און די קוילען לעכערן האַסטיג די ווענט און די פענסטער און זוכען=אויף די פערבאָרגענע שרייער: ווי דען אַנדערש? וואָס שטערען זיי, אָט די שרייער, דעם יום=טוב? וואָס ווילען זיי דאָ?

פרעהליך און אויסגעלאַסען האָט דער יום=טוב געטאַנצט אין די גאַסען, געקוקט מיט פערפלאַמטע אויגען, געברומט מיט אַ זודיגער תאוה, געאָטעמט שווער און הייס מיט אַ פער׳סמ׳טען אומרייןנעם אָטעם, געהויבען די פערפלעקטע קליידער און געמאַכט אונפערשעמטע העויות, געוואָרפען זיך ווילד, געדרעהט זיך, געטאַנצט און געדרעהט זיך אַ שכור׳ן טאַנץ אין די גאַסען.

די שטאָדט האָט געברענט. דאָס פייער האָט זיך גערוקט, ווי אַ מחנה צורייצטע הינט, געוואָרפען זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, געביסען מיט שאַרפע צייהנער און גערוקט זיך ווייטער און ווייטער.

און פאַר דעם שטראָם פון פייער איז געגאַנגען אַנ׳אַנדער

מחנה—אַ שוואַרצע, צורודערטע מחנה פון מענשען. בּלאַס און דער־שראָקען פלעגען זיך צובּויגען די הייזער צו דר'ערד, ווען עס פלעגט צו זיי צוגעהן די דאָזיגע מחנה, און די פענסטער מיט די בּלינדע לאָדען פלעגען קוקען מיט אַ שרעק און מיט אַ חניפה'דיגען רחמנות־פנים, ווי איינער רעדט: האָט רחמנות! האָט רחמנות, איהר זענט דאָך מענשען! האַסטיג, אָהן אַנ'אָבּהאַלט האָט געגאָסען זיך דער שטראָם, געראַוישט און געבּרומט און גערוקט זיך אַלץ ווייטער. אָט איז שוין נאָהענט. טראַך! אויסגעקלאַפּט די שויבען. טראַך, טראַך! די טהיר געפּלאַצט און צובּראָכען אויף שטיקלעך. מענשען קריכען, ווי שוואַרצע היישעריגען. דורך די פענסטער, דורך די טהירען, דורך אַלע לעכער. טראַך! עס קראַכט און קנאַקט און קלינגט אין הויז. עפּעס רוישט, עפּעס רייבּט זיך און טופּעט, פונקט ווי אַ גרויס'ע בּלינדע חיה וואַרפט זיך אין אַנ'ענגען צימער. עפּעס טוט מען אַזוי פלייסיג — דאַכט זיך אַ נויטיגע, אַ ווילטיגע אַרבּייט. די ווענט ציטערן אין אַ פערבּאָרגענער אויפרעגונג, די ערד וויעגט זיך און הויבּט זיך און פאַלט. ערגיץ גיסט זיך וואַסער. ערגיץ שיטען זיך שטיינער. וואָס איז דאָס? פּלוצלונג שטיל. צי דאַכט זיך דאָס? ניין, נאָך אַמאָל. אַ הייסער געשריי, אַ שניידענדיגער. דאָס קראַכען און קנאַלען ווערט שטיל. ווי אָבּגעשניטען. און אין דער שטילקייט גיסען זיך און הויבּען זיך געשרייען פון וועהטאָג און פּיין. שריי נישט, מוטער, שריי נישט, עלענדע מוטער, אויפ'ן טויט פון דיינע קינ־דער! שריי נישט, יונגע, בּליהענדע פרוי, אויפ'ן ראַנד פונ'ם אָבּ־גרונד. שריי נישט, פרעה נישט דאָס האַרץ פון דעם שונא. און דו, אַלטער, גרייז־גרויער זיידע, וואָס ווײנסטו. שטילער, קיינער וועט נישט הערען!...

די תאוה צוגליהט זיך און בּרומט מיט פערשטיקטע קולות, תאוה צו בּלוט, תאוה צו מענשליכען קערפּער. אויגען אָנגעצונדען אין פיבּער. הענד שטרעקען זיך אין שטאַרקען קראַמפּף.

דער שטראָם גיסט זיך ווייטער. פון די פענסטער שפּאַרט שוין אַ געדיכטער העל־גרויער רויך, אַ קנויל נאָך אַ קנויל, און פליהט אַרויף אין לאַנגזאַמע וועלן. פייער־צונגען לעקען די ווענט.

... אין אַ שמאָלען געסעל, דאָרט, וואו דאָס געסעל גיסט זיך אַריין אין דער בּרייטער גאַס, איז געשטאַנען אַ הייפעל יונגע מענ־שען פון דער זעלבּסט־שוץ. און אויף דער בּרייטער גאַס, אַנטקעגען

געסעל, זענען געשטאַנען סאָלדאַטען אין גראָמילעס. שוין צוויי מאָל האָט מען זיך געפּרובט אַריינרייסען אין געסעל פון דער ברייטער גאַס, זון שוין צוויי מאָל האָט די אָנפאַלער בעגעגענט אַ האָגעל פון קוילען און זיי האָבען זיך געמוזט אָבּרוקען געשווינד. און אַזוי איז מען געשטאַנען איינער קעגען צווייטען שוין אַ שטיק צייט. די גראָמילעס האָבען געדרעכענט, אַז די זעלבסט-שוץ איז זעהר גרויס, און האָבען דעריבּער נישט געוואַגט אויף אַ נייעם אָנפאַל. די בעוואָפענטע גרופּע אין געסעל האָט געהאַט ווענינ געוועהר און ווענינ מענשען, נאָר איהר אָרט האָט זי נישט פערלאָזען. אַזוי זענען געשטאַנען די ביידע לאַגערן איינער געגען צווייטען, נישט זעהענדיג איינער דעם צווייטען פון הינטער די הייזער און פאַרקענס, נאָר גרייט אויף אַנ׳אָנפאַל יעדע מינוט.

אין געסעל איז געווען וואונדערליך שטיל. די זון האָט געפלאָכטען שלייערס פון דינינקע גאָלדענע פאָדים און געשפּרייט זיי איבּער דער לופט. אַ ליעבּע וואַרימקייט האָט זיך צוגעטוליעט צו דער ערד און געגלעט זי מיט אַ צערטליכער האַנד. און פון הינטער׳ן פאַרקען האָבען גרינע בוימער זיך אַריבּערגעבּויגען און געלעגט אויף די שטיינער אַ נעץ פון ציטערדיגע שאָטענס.

שטיל איז דאָ געווען, שטיל און לעדיג. אין דער פינקעלדיגער וואַרימער לופט האָבען ריחות פון בּלומען געשוועבּט. ערגיץ נאָהענט האָט אַ פויגעלע געפּישטשעט. פון דער-ווייטענס פלעגט זיך לאָזען הערען יעדע ווײַלע אַ קנאַל פון אַ ביקס, און עס פלעגט דערמאָנען אָן די יעגער אינ׳ם טיעפען וואַלד, ווען זיי שפּאַנען אין אַ זומער-טאָג צווישען גרינע שאָטענס און עס קלינגט זייער שאָס איבּער באַרג און טאָל. !.

אויף אַ הויפען שטיינער איז געזעסען די זעלבּסט-שוץ און געוואַרט.

ס׳איז שוין שפּעט געווען. שוין בּאַלד נאַכט. וואָלקענס רויך קומען שוין אַלעמאָל נעהענטער פון אַ צווייטער זייט. פייער-פלאַמען הויבען זיך אַרויף, קלאָר און ריין, און די זון נעהמט זיי דורך מיט אַ רויטליכען גלאַנץ. קולות רייסען שטאַרקער די לופט. ס׳איז שוין נאָהענט...

הינטער׳ן פאַרקען האָט אַ קינד געוויינט. איינם אַליין, צווישען גאָרטען, צווישען בייטען בלומען, צווישען גרינע גראָזען האָט אַ קינד

געבלאָנדשעט און געטראָגען אין די גרויסע אויגען אַלע טיעפע וועל־טען פונ׳ם טויט־שרעק. איינס אַליין. ווי אין פעלד. פערלאָזען. פון די בלאַסע ליפען קייקעלט זיך מיט טרויער: „מאַמע!“ און די זון פון אויבען גלעט דאָס מידע קעפעל און עס קלינגט מיט טרויער אַלץ דער איינער צורוף: „מאַמע!“—יאָ, וואו איז דיין מאַמע, קינד מיינס עלענדס, וואו האָסטו פערלאָזט זי אין דעם טאָג פון צאָרען?

... און דער שטראָם האָט זיך שוין אָנגערוקט אויף דעם שטיי־לען געסעל פון רעכטס און פון פאָרענט. אָט זענען זיי שוין. קולות שרייען, ברומען. שטיינער פליהען. ביקסען קנאַקען. זיי רוקען זיך, זיי איילען, זיי קומען. זיי ברעכען דעם ברוק און האָגלען מיט שטיי־נער, זיי צינדען שוין דעם פאַרקען, זיי קריכען אַרויף אויפ׳ן דאַך. היט זיך! זיי זענען אָנגעפאַלען אויף די פאָדערשטע און טרעטען שוין צוויי מיט די פיס. בלוט שפריצט אויפ׳ן אַלטען פאַרקען. בלוט אויף די שטיינער. היט זיך! היט זיך! א ראָטע סאָלדאַטען געהט פון דער ברייטער גאַס. דער פויק קלאַפּט אונרוהיג: איינס־צוויי־דריי, איינס־צוויי־דריי! ראַטעוועט אייך!...

די זעלבסט־שוץ האָט אָבגעטראָטען. ער און זי זענען געלאָפען צוזאַמען. אַריבערגעקראָכען איבער צוימען, געלאָפען דורך ברענענ־דיגע גאַסען, אויסגעמיטען די פליהענדיגע קוילען, געזוכט און נישט געקענט געפינען די חברים. און די גאַנצע צייט איז אומיצער, א גרויסער און א פינסטערער, זיי נאָכגעגאַנגען מיט ברייטע טריט און געאָטעמט זיי אין נאַקען מיט א שוידערליכער קעלט, פון וועלכער דאָס בלוט האָט געגליווערט אין האַרצען, און געצופּט זיי פאַר די קליידער און נישט אָבגעטראָטען, און געדאַכט האָט זיך: אָט אָט וועט ער זיי אַרומנעהמען פון הינטען אַרום און זיי צודריקען צו זיין קאַלטער ברוסט און דערשטיקען...

זיי זענען געלאָפען. ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן און פון אַלע זייטען איז דער וועג פאַר זיי געוואָרן פערשטעלט, זענען זיי אַריין אין א לעדיגע הויז און בעהאַלטען זיך אין א ווינקעל. און ווען דער הויף איז געוואָרן פערפלייצט פון רויבער און שטיינער האָבען אָנגע־הויבען פליהען דורך די שויבען, זענען זיי אַרויף אויפ׳ן צווייטען שטאָק און פון דאָרטען געשאָסען דורך די פענסטער. און ווען ס׳איז אויסגעגאַנגען ביי זיי די קוילען, זענען זיי ביידע אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן בוידעם און געבליבען זיצען אין דער־פינסטער.

און אַזוי זענען זיי געזעסען און זיך צוגעהערט, ווי עס וואַיעט
און רייסט זיך אונטען די צוריצטע באַנדע.

אויפ'ן בוידעם איז געווען פינסטער און שטיל און פערדומפּען.
עפּעס ווי צוקאָשמע ע שאָטענס האָבען זיך געשאָקעלט און געוויעגט
אין דער־פינסטער. עפּעס ווי ווייכע לאַנגע הענד האָט דאָס פינסטער־
ניש אויסגעשטרעקט אַרום און אַרום און געטאַפּט שטילערהייד.
פינ'ם אַנדערן עק בוידעם האָט זיך אָנגעהויבען אויסשפּרייטען אַ די־
נער רויטליכער פּאַס: פון דאָרט האָט בעהוטזאַם אַריינגעקוקט די
רויטע נאַכט. ערגיץ, גאָר נאָהענט, האָט אַ קנאַל געגעבען. ס'האָבען
טריט שוין געהילכט אויף די טרעפּ.

אין פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז זי האָט איהם אָנגע־
חאַפּט פעסט פאַר'ן האַנד, און אַ שעפּטענדיגע הייסע שטים נעבען
זיין אויער האָט געשליידערט ווערטער אין דער טונקעלער, ריהרעוו־
דיגער שטילקייט:

— הער זיך אַיין! אָט האָסטו דעם מעסער... דו ביזט
שטאַרקער. — אַז זיי וועלן קומען... כ'האָב אַליין געוואָלט — האָב
איך מורא, כ'וועל נישט קענען... זעה־זשע, זאָג מיר צו. זיי קיין
טרום נישט! נאָר נישט אַ לעבעדיגע אין זייערע הענד... שווער־
זשע מיר...

און האָט איהם האַסטיג געדרוקט אין האַנד דעם מעסער.
אונטען האָבען טריט שוין געהילכט.

* *

*

דאָס לעצטע מאָל האָבען זיי זיך בעגעגענט דעם ערשטען מאַי.
פון דער גאַס האָט מען איהם אַריינגעטראָגען מיט אַ וואונד
אין זייט. מ'האָט אויף גיך איהם פערבונדען די וואונד און אַוועק
צונויפזוכען די אַנדערע פערוואונדעטע.

ער איז געבליבען אַליין. די וואונד האָט שוין אויפגעהערט
שמאַרצען. נאָר אַ שטראָם פון היץ פלעגט זיך אַלעמאָל גיסען איבער'ן
קערפּער פון אויבען אַראָב, און דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט.
אַ פנים דעריבער, ווייל ער האָט אָנגעוואָרן אַ סך בלוט.

די שטוב איז געווען אַ פרעמדע. אין צימער איז קיינער נישט

געוועז. דורכ׳ן אָפֿענעם פֿענסטער האָט אַ ווינטעלע זיך אַריינגע׳גנב׳עט און גערירהט זיינע פֿייכטע האָר. פֿונ׳ם וואַנט האָבען בילדער געקוקט מיט פֿערוואונדערטע אויגען. און אין ווינקעלע אין אַ בלומען־טאָפּ זענען בלומען געשטאַנען און שטיל געשאָטען אויף דער ערד זייערע סאַמעטענע בלעטעלעך, אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל. ס׳איז געווען שטיל.

דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט. די אויגען צו שווער. ס׳ווילט זיך שלאָפֿען. ניין. דאָס איז נישט קיין שלאָף. עפּעס קומט יעדע ווײַלע צו פֿליהען אַ ליכטיגער וואָלקען און וויקעלט אַרום דעם קאָפּ. דער קאָפּ ווערט גרויס, און עס ווערט אַרום איהם אַזוי ווייך. צי דאַכט זיך דאָס איהם? צי חלומ׳ט זיך דאָס?

וואָס איז דאָרט? מענשען געהען, יונגע, שענע. שטאַרקע, שענע מענשען. וואוהין געהט איהר? צו דער זון, צו דער העלער זון. אַלץ אַרויף, אַרויף. פֿאָהנען פֿלאַטערן, רויטע, ליכטיגע, וואונדערבאַרע פֿאָהנען. עפּעס גלאַנצט. מיינט איהר, ס׳שיינט די זון? אָדער אפשר שטראַהלען דאָס די אויגען? — וויפֿיעל מענשען. אַלע יונגע. און זיי זינגען. צי דאָס שפּיעלט גאָר פֿון דער־וויטענס די מוזיק? אָדער אפשר זינגען דאָס די רויטע פֿאָהנען אין אַ קרויז פֿון ליכט? העל זענען די קליידער און צאַרט די נשמות און לויטער דער הימעל פֿון אויבען... זייט מיר געגריסט, מיינע ליעבע, זייט מיר געגריסט פֿון דער־וויטענס!...

„הימעל און ערד וועט אונז הערען,
„עדות די ליכטיגע שטערען,
„אַ שבועה פֿון בלוט און פֿון טרערען...

עס דרעהט זיך דער קאָפּ? וואָס איז דאָס עפּעס אַזוי קאַלט געוואָרן? צי האָט די זון זיך אין טרויער פֿערוויקעלט דעם פּנים? צי האָט אויפֿגעעפֿענט דער אָבגרונד זיין מויל?

דאָ אין שטוב איז שטיל. די בלומען אין ווינקעל שיטען זייערע ווייכע בלעטעלעך, אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל. די ווייסע פֿאָרהאַנגען וויעגען זיך לאַנגזאַם. די ווייסע טהיר קוקט שטרענג, פּונקט ווי זי ווייסט אַ סוד און וויל איהם נישט זאָגען.

אָט האָט ווייטער אָנגעהויבען זינגען עפּעס אַזוי זיס. ס׳ווילט זיך אויפֿהויבען און אַוועקשווימען אויף די חוואַליעס פֿון געזאַנג. זיך אַוועקלעגען און גליטשען, און שווימען, זיך הוידען און שווימען

פאַמעליך אַלץ ווייטער און ווייטער. שטילער. נישט אַזוי שטאַרק. זאָל די חוואַליע שטיל זיך גיסען, זאָל זי פּליסען רוהיג, צערטליך. זאָל זי וויעגען, זאָל זי גלעטען מיט איהר ווייכען, זאַנפטען אָטעם...

„הימעל און ערד וועט אונז הערען,
„עדות די ליכטיגע שטערען...

עס דרעהט זיך דער קאָפּ...

זי עפענט די טהיר און געהט אַריין. זי לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש אַ פּאַק מיט וואַט און באַנדאַזשען.

מיד איז זי. בלאַס דער פּנים. די שוואַרצע אויגען קוקען אינוועניג אין זיך אַריין און זעהען דאָרט עפּעס אַ גרויס׳ס, אַנ׳אומגעהויערס. די ליפּען שעפּטשען עפּעס פאַר זיך, און ער הערט נישט וואָס.

זי זעצט זיך אַוועק נעבען בעט. זי זיצט און טראַכט, פּונקט ווי זי וויל זיך עפּעס דערמאָנען און קען נישט. זי איז מיד. טויט-מיד. דורך איהרע פינגער לייכט זיך דורך די זון, אַזוי דין זענען זיי.

זי לעגט אַרויף איהר האַנד אויף זיין גליהענדען שטערן. ער פיהלט: די האַנד איז קאַלט ווי אייז.

וואָס איז דאָס? גרויסע ליכטיגע טרערען פאַלען פון איהרע אויגען אויף די הענד, קייקלען זיך און פאַלען. די ליפּען שעפּטשען:

„פריינד, ליעבער, טייערער פריינד!"

זי האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ צום קישען און חליפּעט, און עס וואַרפט זיך איהר גאַנצער קערפּער פאַר איינגעהאַלטענעם געוויין.

שטילער, טייערע, צערטליכער פריינד. וויין נישט. ס׳איז הייגט יום-טוב. אונזער ליכטיגער, יונגער יום-טוב. זיי געהען, אַרויף, צו דער זון, צו דער העלער זון. אַלץ אַרויף, אַרויף. זיי זענען מונטער און יונג. וויין נישט...

אין שטוב איז געוואָרן נאָך שטילער. די ווייסע פאָרהאַנגען הענגען גלייך, ווי פאַר׳חלומ׳ט. די בלומען שיטען לאַנגזאַם זייערע בלעטעלעך.

וויין נישט.

„הימעל און ערד וועט אונז הערען,
„עדות די ליכטיגע שטערען,
„אַ שבועה פון בלוט און פון טרערען.
מיר שווערען!...

# שטאַרק, ווי דער טויט.

(נישט קיין אויסגעשפּראָכענע געדאַנקען).

---

... ס'אַראַ רעש אין גאַס. ס'אַראַ שטראָם פון מענשען. יונגע אויך. אַ סך יונגע. אָט דער סטודענט געהט און רעדט עפּעס אַזאַ לעבעדיגס צו זיין חבר'טע און זי שאָקעלט לאַנגזאַם מיט איהר קאָפּ. צוויי יונגלעך דורכגעלאָפען, האַלטענדיג זיך פאַר די הענד. אָט געהט אַ מיידעלע, פונקט ווי מיין רבקה'לע. אַ בלאָנד קעפּעלע אונטער אַ ברייטען הוט, אַ יונגער פרישער פּנים אין אַ רעמעל פון ליכטיגע האָר, און אין די הענד אַ פּעקעל נאָטען, — אַקוראַט ווי יענע בייז'ם געזעגענען זיך, נאָר ביי רבקה'ן איז דעמאָלט אין האַנד געווען נישט קיין נאָטען, זי האָט געהאַלטען איהר היינע'ן, וואָס איך האָב איהר געשענקט צו איהר 15-טען געבורטס-טאָג.

— ווען וועסטו קומען אַהיים?

יאָ, ווען וועל איך קומען?... אַהיים קומען?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ס'אַראַ רעש. די לאָמפּען ברענען היינט עפּעס מאָדנע ליכטיג, עפּעס ווי זיי ווילען פערגיסען די גאַנצע וועלט מיט ווייסען ליכט. און די מענשען ריהרען זיך אַזוי געשווינד. אַפּנים פון דעם ליכט האָבען זיי אַלע אַזוינע בלאַסע געזיכטער. פערקוקסט זיך אויף אַ ווייַלע, קומט דיר אויס, אַז זיי יאָגען זיך איינער נאָך דעם צווייטען, און איילען, און לויפען, און קענען נישט דעריאָגען, און קענען נישט רוהען אַ רגע. דעם ערשטען מאָל זעה איך דאָס היינט: מענשען אָהן שאָטענס. וואו זענען די שאָטענס? יאָ, שאָטענס? אָט דאָרט, אַביי-

סעלע ווייטער, שטעהט א בוימעלע ביי א הויז, פאלט פון איהם י׳
א שאטען, און דא—דא איז אזוי ליכטיג, נישטא גאר קיין שאטענס
... פון וואס־זשע טראכט איך? הא? כ׳האב זיך שוין ווייטער
געוואלט פערטראכטען. שטענדיג טרעפט דאס זיך אבער מיט מיר:
ווילסט זיך האלטען אין די הענד און פערפליהסט, כ׳ווייס אליין נישט
וואוהין. לאמיך בעסער קוקען ארום און ארום. כ׳זאל איהם נאר
נישט פערפעהלען. ניין. ער געהט אט דא, נעבען דעם הויז, אלע
אבענד ארום אכט. ער זאל נאר זיין קינד מיט זיך נישט פיהרען...
דאנערשטאג געהט ער שטענדיג אליין.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווער איז דארט? כ׳וואלט געמענגט שווערען—ס׳איז רבקה׳לע.
נאר ניין, ווי קומט זי אהער? האט זי אפשר עפעס דערפיהלט
היינט? „זי ווייסט וואס איך טראכט” האט זי געזאגט, און די ליפען
האבען זיך געקנייטשט ווי פון אנ׳איינגעהאלטענעם געוויין, און די
אויגען זענען געווען פייכט. „כ׳זאל זי מיטנעהמען מיט זיך!” ס׳א רא
נאריש קינד. וואס וועט זי דא טאן? ניין. זי ווייסט נישט גארנישט.
איינמאל טרעפט, אז איך בין אונרוהיג?

... ווער קוקט דאס אויף מיר? א! כ׳בין גאר ווי נישט אין
זיך, געמיינט א שפיאן. און דאס קוקט גאר דער גולם פונ׳ם שויי־
פענסטער. ווי קומט ער אהער? כ׳האב איהם גאר ביז אהער נישט
געזעהען. ס׳א נארישע צורה. ווענסעלעך, ווי ביי שישקעוויטש׳ן דעם
נאדזיראטעל, און אנ׳אנצוג א שפאגעל נייער. און ער נויגט זיך—
א מין העפליכקייט. חאטש באלד צום טאנץ.

מען קוקט אבער פארט. לאמיך זיך איינקוקען אין עולם.
מסתמא נישט אומזיסט. ניין. דער אלטער נישט—דאס איז א פשוט׳ער
טשינאווניקעל: אויסגעטרונקען א גלעזעל משקה און געהט זיך צו זיין
אלטיטשקער אהיים. דער בחור׳ל אויך נישט: ער איז מיר צו שען
אנגעטאן און אויפ׳ן קיטעל באמבעלט זיך א מגן־דוד. דער פוהרמאן
דארט אנטקעגען? ביי „די לייט” זענען גוטע פערד און גוטע שלי־
טען, און דער איז אבגעריסען קרועה־בלואה. אהא! אט איז ער!
ער מיינט, כ׳וועל איהם נישט דערקענען. אנגעטאן א גרויע היטעל
און פערקויפט, כלומר׳שט, שוועבעלעך מיט טאבאק. אזא גולם,
וואס קוקט ער אויף מיר? דעם ערשטען מאל?

מילא. מורא האבען איז גישטא וואס. ער געהט ערשט, דער׳

שוטה, מיר נאָכקוקען. ער וויל ערשט געוואָהר ווערען, וואָס איך קלער צו טאָן. היינט, הייסט עס, האָט ער מיר נאָך נישט בדעה צו נעהמען. זאָל ער קוקען. נאָך אַ פיערטעל שעה העלסטענס. נאָכ־דעם... מעג ער שוין קומען צו־לויפען. אָבער, וואָס פאַר גלאָמ־פען עס זענען די אַלע חברה!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

עס שפּיעלט מוזיק. אַזוי טרויעריג און זיס. ס'איז מסתמא ביי פרישמאַנ'ען אין רעסטאָראַן. פאַראַיאָהרען דאָרט מיט דוד'ן געזעסען בעת'ן שטרייק, און יאַן דער מאַשיניסט האָט זיך אַזוי צוהיצט, אַז ער האָט צובראָכען אַ גלעזערן טישעל. וואו איז ער איצט, דער יאַן? דוד האָט געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס אין אימיצען געשאָסען. זאָל דאָס זיין אמת? אַזאַ ווייכער מענש און אַזוינע סאַמעטענע בלויע אויגען. „אַ קינד ווי אַ שד" האָבען מיר איהם גערופען.

... ס'אַראַ טרויעריגער נגון, איך קען אַפילו די ווערטער:
ס'הערט זיך פון וויטען אַ פייגעלע זינגט,
ס'וויינט און צוגיסט זיך, און יאָמערט, און קלינגט.

וואו האָב איך איהם געהערט? יאָ, דאָ נישט לאַנג זענען גע־קומען צו רבקה'לען איהרע חבר'טעס און געזעסען אין קעמערל אין ווינקעל, און האָבען געשוויגען. „דער ברודער איז פערנומען" האָט זי זיי געזאָגט שטילערהייד און ראָזע די שטיפערקע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָט עפּעס דערציהלט, און אַלע האָבען געלאַכט און זיך געשטיקט און נאָכדעם האָבען זיי אָנגעהויבען זינגען שטילערהייד, אַזוי טרויעריג און זיס. ס'איז רבקה'לעס שטייגער: פריהער געלאַכט, נאָכדעם אַ נגון, ס'זאָל רייסען ביי'ם האַרצען.

ווי ס'ציהט זיך די צייט! קויפען סיידען אַ פּאַפּיראָס. אַזוי איז דאָס בעסער. ס'שטעהט אַ מענש און קוקט אין שוי־פענסטער און רויכערט זיך געלאַסען. ווען וועט קומען אויפ'ן געדאַנק, אַז ער וואַרט אויף סאַוויצקי'ן? גאַרנישט, אַ לעדיג־געהער.

דער סאַוויצקי. ס'אַ מין מענש. אַ קוק טאָן אויף איהם — אַזוי פריינדליך און ליעב. און צום קינד זיינעם רעדט ער שטענדיג מיט אַזאַ צערטליכער ליעבשאַפט. אייערנעכטען האָט דאָס קינד איהם אָנ־געוויזען אויף אַ בעטלערין, איז ער אומישנע איבערגעגאַנגען אויף יענער זייט גאַס און איהר געגעבען אַ זילבערנעם רובל. די בעטלערין האָט איהם געוואָלט קושען די האַנד, און דאָס קינד האָט אונטער־

געשפּרונגען און געפּאַטשט מיט די הענטלעך. און זיי זענען זיך ווייטער געגאַנגען אַזוי רוהיג. ער היט זיך גאָרנישט. נאָר צוויי איבערגעטונענע זשאַנדאַרמען געהען איהם נאָך. וואָס קענען זיי העלפען?

... ער קוקט אָבער, מיין שומר, צו־שאַרף. לאָמיך בעסער אַריבערגעהן צום בולוואַר. דאָרטען איז נישט אַזוי ליכטיג. זעהן וועל איך נאָך בעסער די גאַנצע גאַס.

אָט אַזוי. ס'אַ שטילקייט דאָ איז. גאָר ווי אַנ'אַנדער וועלט. די בוימער פלעכטען צוזאַמען זייערע ווייסע צווייגעלעך. אַלע בעשאָטען מיט שנעע. ווי פער'חלומ'טע. בייגאַכט, האָט מיר אַמאָל די מאַמע דערצעהלט, ווען גאָט שלאָפט, פליהען קליינע מלאכימ'לעך און שטויפען אין דער לופטען, און גנב'נען ביי'ם רבונו־של־עולם שניי פון זיין אוצר און בעפּוצען די יונגע צווייגעלעך, און דערפאַר בעקומען זיי נאָכדעם אַ שטראָף און זיי מוזען ביי־טאָג זיך אַראָבגליטשען אַראָב אויף די זונען־שטראַהלען און אַזוי לאַנג וואַרימען די צווייגעלעך מיט זייער אָטעם, ביז דער שניי צוגעהט...

אַ לעבען אָהן ליעבע, אָהן גליק און אָהן מאַכט.
אַ לעבען — אַ שטילע אַ פינסטערע נאַכט...

אַז די מאַמע האָט דערהערט דעם נגון דאָס ערשטע מאָל, האָט זי זיך צעוויינט, ווי אַ קינד, און נישט געקענט איינהאַלטען די טרערען. און געשמייכעלט מיט'ן פערוויינטען פנים און אַלץ געקוקט אויף מיר — צוויי יאָהר נישט געווען. „גאָרנישט עלטער געוואָרן"— האָט זי געזאָגט. און אַלץ געדרעהט זיך און געדרעהט זיך איבער'ן שטוב און געוואָלט פרעגען און נישט געקענט. און ווען רבקה'לע האָט אָנגעהויבען זינגען, איז זי צוגעפאַלען מיט'ן גרויען קאָפּ צו מיין ברוסט.

— קינד מיינס, וועסט נישט געהן. קינד מיינס, וועסט בלייבען ביי מיר. לעבען דאַרפסטו. גענוג שוין.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווי שטיל. אַ ווייסער דעקטוך. פונקט אַזאַ נאַכט איז געווען דעמאָלט. און פונקט אַזוי איז געלעגען דער שניי אויפ'ן הויף. ווייס. און נאָכדעם איז ער רויט געוואָרן. און דער סאַוויצקי איז זיך געשטאַנען אַזוי רוהיג און געצעהלט: איינס, צוויי, דריי... די לבנה

האָט געגלאַנצט אין זיינע גאָלדענע קנעפּ. און דער שווערד זיינער האָט געמאָלט ציילענס אויפ'ן שניי.

איינס, צוויי דריי, איינס, צוויי, די ביטשען פייפען. שטיל. און פּלוצים אַ הייסער העלער געשריי. איינס, צוויי, דריי. שטאַרקער! שלום האָט זיך גוט געהאַלטען. געשוויגען. קיין קרעכץ נישט. אַזוי, אַט אַזוי, מיין פריינד. פעסט דאַרף מען זיין. ער לעבט נאָך—שלום. זיי זאָגען—ער פערשטעהט, וואָס מען רעדט צו איהם.

און מלכה איז געשטאָרבען. גע'חלש'ט פריהער. און אַז זי איז צו זיך געקומען, האָט זי אַלץ געהאַלטען צביה'ס האַנד און נישט אַרויסגעלאָזט ביז דער לעצטער מינוט. זי זאָגט, צביה, אַז זי האָט געהערט איהרע לעצטע ווערטער. „פון אונזער קבר וועט אויפשטעהן נקמה״...

מלכה!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ווי ס'שמאַרצט דער קאָפּ. איז דאָס פינסטער געוואָרן אין דרויסען?

ס'פייפט ערגיץ. אַ פּנים אָנגעקומען דער צוג. פינף מינוט צו אַכט. די צייט געהט אַזוי לאַנגזאַם.

כ'וועל אויפשטעהן, זיך שטעלען אַט דאָ, אונטערן טענען־בוים. שטיל. אַ שוואַרצער שאָטען. די צווייגען רוישען פאַר זיך. עס ציהט זיך אַנ'אומעטיגע טיעפע ליעד. וואָס איז דאָס? מלכה, דאָס ביזטו? דאָס קלאָגט און וויינט דיין יונגע נשמה?

שטילער! נישט ריהרען זיך. קלאַפּ נישט, מיין האַרץ. עס געהט שוין. שוין נאָהענט.

„פון אונזער קבר וועט אויפשטעהן נקמה״.

פון אונזער קבר וועט אויפשטעהן דער גייסט פון נקמה.

פון אונזער קבר וועט אויפשטעהן די פרייהייט.

... וואָס רוישט און ברויזט דאָס אין גאַס? אָדער דאַכט זיך דאָס מיר?

ער געהט שוין, דאָרט, אין עק גאַס. אַזוי. זיי געהען אַ פריהער— די צוויי היטער. און ער—אַליין. אַזוי רוהיג. איינס, צוויי, דריי... די צייט איז געקומען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פון אונזער קבר וועט אויפשטעהן נקמה...

# ביי'ם וויעג.

„נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער
„פאַלט ער אויפ'ן פעלד,
„זאָרג נישט, קינד מיינס, דיך געבוירען
„האָט אַ גרויסער העלד".
(פון אַ פאָלקס-ליעד).

שלאָף, מיין קינד, ביי דיין געלעגער
זיצט דיין מאַמע. שלאָף...

שטיל איז שוין געוואָרן,
ס'קלינגען נישט די קייטען,
ס'קלאַפּען נישט די טהירען, —
פון דעם בלויען הימעל
פליהט אַראָב אַ מלאך
אין אַ קלייד אַ ווייסען,
און עס קוקען ליעבליך
זיינע גרויסע אויגען
דורך די שווערע גראַטעס.
און די גרויסע אויגען
שטעהען קלאָרע טרערען,
און די ווייסע פליגעל
פאָכען אין דער-פינסטער.
פון די ווייכע פליגעל

שפרייטען זיך חלומות,
ליכטיגע און זיסע,
אויף דיין מידען קעפעל.
שלאף, מיין קינד...

נעבען דיין געלעגער
וועט דיין מאמע זיצען
און וועט טרייבען אלע
פינסטערע געשטאלטען.
מיר'ן געהן שפאצירען
איבער גרינע פעלדער,
צווישען יונגע בלומען,
נעבען קלארע טייכען,
און די זון וועט פונקלען
און מיט גאלד בעשפריצען
דיינע ווייכע לאקען.
מיר'ן געהן שפאצירען...

שוין נישטא קיין קאמער.
שוין נישטא די טורמע
מיט די בייזע וועכטער.
ס'ליעגט די וועלט א פרייע—
ווי א שענע כלה.
ס'ווינקען אונז די גראזען,
ס'רופט דער וואלד פון וויטענס,
און דער הימעל שמייכעלט
מיט א ליעבען שמייכעל.
אי, ווי ברייט די וועלט איז,
און ווי יונג, ווי ליכטיג!
ס'ווילט זיך לויפען, פליהען,
ס'ווילט זיך זינגען שירה...
האסט געריסען בלימלעך,
וויסינקע און בלויע,
און געבראכט דעם טאטען:

„כ׳וועל אַ קרענצעל מאַכען,
כ׳וועל דיר אָנטאָן, ווילסטו?"
און ער האָט געגלעט דיך
מיט זיין האַנד, דער שטאַרקער,
און גערעדט מיט ליעבשאַפט:
„קינד מיינס, טאָכטער מיינע!"

. . . . . . . . . . .

וואו איז איצט דיין טאַטע?

ס׳איז אַ נאַכט געוועזען, פינסטער און פערוואָגעלט.
ס׳האָט דער ווינט געיאָמערט און געקלאָגט אין דרויסען.
אויף די שוואַרצע פענסטער האָבען טראָפּענס רעגען
זיך געגליטשט, געפאַלען ווי יתומים׳ס טרערען...
אוי, מיין קינד, מיין איינציגס!...
האַלבע נאַכט אָט דעמאָלט זענען זיי געקומען,
ווי די שטיינער האַרטע, ווי די שטיינער שווערע.
פון דער נאַכט דער שטומער זענען זיי געקומען—
אין דער נאַכט דער שטומער זענען זיי פערשוואונדען
מיט דעם טאַטען... ליידיג איז די היים געוואָרען,
און דער ליעבער יום-טוב האָט זיין ליכט פערלאָשען.

... ערגיץ וויט איז דאָ אַ שטאָדט אַ גרויסע.
ס׳פליסט אינמיטען שטאָדט אַ ברייטער טייך,
נעבען טייך אַ שווערער אַלטער מויער
רינגט אַרום די פעסטונג, הויך און ברייט.
אין דער פעסטונג זיצט אַצינד דיין פאָטער.
טויט איז דאָרט דער טאָג און טויט די נאַכט,
ס׳קלינגען דאָרט אַפילו נישט קיין זיפצען,
ס׳הערט זיך נישט קיין שמערצליכער געשריי.
דאָרטען זיצט אַצונד דיין פאָטער איינזאַם
און ער טראַכט און קלערט די גאַנצע נאַכט,
און ער זעהט דיך, קינד מיינס, פון דערווייטענס
און ער שטרעקט צו דיר פון וויט די הענד.
הויך און שטרענג טוט שטעהן דער אַלטער מויער,

שטום, ווי אַ מצבה, איז דער וועלטער.
נאָר ווען ס'גערט אוועק אַ שעה אַ לאַנגע,
קלינגען גלעקער אויף דעם טורים אויבען,
קלינגען, זינגען, וויינען יעדע שעה.
און די שעה'ן געהען אָהן אַנ'אויפהער,
ציהען זיך און געהען נאָלאַנאַנד...

* *

*

שלאָף־זשע, מיין טייבעלע, שלאָף, מיין פערטריבענע!
דוהיג און שטיל איז געקומען די נאַכט.
צערטליך און זאַנפט וועט דער שלאָף דיך אַרומנעהמען,
שטיל אויף די זילבערע ו'ענד זיינע אויפהויבען,
טראָגען דיך, שוועבען מיט דיר ערגיץ ווייט.
זעה, ס'איז שוין שטיל אין די גאַסען די טונקעלע,
ס'שטעהען די הייזער פערטראַכטע, פער'חלומ'טע,
ס'שלאָפען שוין אַלע אין שטאָט.
ס'וואַלט נאָר די באָבע, דיין באָבע די אַלטינקע,
זיצט זיך אין קעמערל, שטאַרט אין דער פינסטערניש,
שאָקעלט דעם גרויען, דעם גרייז־גרויען קאָפּ איהרען,
טראַכט עפּעס, טראַכט אָהן אַנ'עק.
ס'שעפּטשען די ליפּען, די בלאַסע, פערטריקענטע:
„טאָכטער, וואו ביזטו, וואו ביזטו מיין איינציגע?
ווער האָט דאָס, טאָכטער, צוטראָטען דיין וויינגאָרטען,
ווער האָט צובראָכען דיין נעסט?"

קום צו אונז, באָבעניו, קום צו אונז, טייערע,
ועץ זיך אָט דאָ נעבען אונז.
וואַרים אונז אָן מיט דיין בליק דעם פערטרויערטען,
נעהם אונז אַרום מיט די אויגען די צערטליכע,
קוויק אונזער האַרץ מיט אַ פריינדליכען וואָרט.
זאָג, איז דען שולדיג, ווען ס'שרייט אַ געפּייניגטער,
שולדיג איז דען, ווען עס רייסט צו בעפרייען זיך

פון זיינע קייטען אַ שקלאַף?
ס׳ליגט אין דער ערד פערבעהאַלטען אַ קערענדעל,
אַט האָט דערוועקט איהם די וואַרימע פריהלינגס-זון,
קען עס דען ליגען, נישט שפּראָצען, נישט הויבען זיך,
קען עס נישט רייסען, נישט שפּאַלטען די ערד?
רייד מיט אונז, באָבעניו, רייד...
ס׳גיסט זיך אַ שטראָם מיט אַ כח אַ ריזיגען,
נאָהענט ביים ברעג איז געלעגען אַ בלעטעלע,
ס׳טראָגט שוין דער שטראָם אויף זיין רוקען דאָס בלעטעלע:—
ווייטער און ווייטער פון היימישען ביימעלע...
ווער איז דאָ שולדיג, מיין פריינד?

ניין, זי וועט נישט קומען, אונזער אַלטע באָבע.
שוין פערמאַכט אויף אייביג איהרע מידע אויגען.
אויסגעוויינט די טרערען, אויסגעשעפּט דער קומער.
שוין נישט ציצען איינזאַם, שוין נישט פרעגען, רופען:
„וואו ביזטו, מיין טאָכטער, וואו ביזטו, מיין ליעבע?״
ניין, נישטאָ די באָבע און נישטאָ דאָ קיינער.
איינגעהילט אין שאָטענס ליגט און טרוימט די טורמע.
ס׳שטעהט און וואַרט די שטילקייט, ווי אַ סוד אַ טיעפער.
פון דעם לעמפּעל אויבען קומען געלע שטראַהלען,
פוילע און פערצאָגטע, ווי אַ קראַנקענס טרערען.
איינזאַמקייט און שטילקייט וועבען זיך פאַמעליך
ווי׳ער שנור די גרויע אין מיין ענגער קאַמער.
און זי ציהט זיך, ציהט זיך דורך די טריבע קאַמער.
אַלץ די שנור דיזעלבע. ציהט זיך אָהן אַ גרענעץ.
שלאָף, מיין קינד...

* *

*

עס שלאָפט זיך נישט רוהיג אין טורמע.
דו וואַרפסט זיך אין שלאָף, מיין געטרייע.
עס גליהען אין היץ דיינע בעקלעך,

נעעפענט די ברענענדע ליפען,
די לאָקען צעוואָרפען. אוי קינד מיינס!
מיין בלום אין דער לעכצענדער מדבר!
עס טראָגען זיך קראַנקע הלומות
און שוועבען אַרום דיין געלעגער.
נישטאָ דאָ קיין רוה און קיין פרידען.
עס קלינגען שוין ווייטער די קייטען,
עס הילכען שוין טריט ערגיץ אונטען,
אַט האָבען אַ קלאַפּ געטאָן ביקסען,
מען רעדט אויפ'ן הויף און מען טומעלט.
אוי קינד מיינס, וואָס טוען זיי ווייטער,
וואָס וואַקסט דאָרטען טיעף אין דערפינסטער?
אוי, קינד מיינס! זיי בויען שוין ווידער,
זיי גראָבען . . . . . . . . . . . . . . .

. . . נאָר ניין, אַלעס רוהיג,
די נאַכט האָט פערשלונגען דעם טומעל,
די נאַכט האָט פערשטיקט אַלע שטימען,
די נאַכט אויף די פינסטערע פליגעל
טוט שווימען אַלץ ווייטער און ווייטער,
און ס'קלינגט, ווי אַ סטרונע, די שטילקייט,
איך קען נישט פערזינקען אין דרעמעל . . .
שלאָף, מיין קינד.

די נאַכט וועט אינגאַנצען פערשווינדען,
דער טאָג וועט אַריינקוקען לאַנגזאַם
צו אונז אין דעם קליינינקען פענסטער —
אַ בלייכער, אין אומעט פערוויקעלט.
דו וועסט פון דעם שלאָף זיך ערוואַכען,
מיין טאָכטער, וועסט קוקען פערוואונדערט.
די אייגעלעך שימערן טונקעל.
דאָס פנימ'ל בלייך און פערעלטערט.
„קום, מאַמע, שפּאַצירען אינדרויסען!" —

„קום מאמעניו, כ'וויל דא נישט זיצען."—
„איך וויל שוין צום טאטען, מאמוניע!"—
„אהיים לאמיר געהן בעסער, מאמע,
צום טאטען"... ... וועסט קוקען מיט פחד
אהין—צו דער טיר, וואו דער וועלטער,
וועסט ציטערן...
קינד מיינס, אוי קינד מיינס,
אוי עופעלע ריינע, וואס האב איך צו דיר!...

ס'איז געווען א מלחמה א גרויסע אינמיטען דעם לאנד.
ס'האבען פיילען געבליצט און געפליגען ארום און ארום.
ס'האבען שווערדען געקלונגען, געהאקט זיך און פונקען געשפריצט.
ס'האבען מחנות געווארפען זיך איינס אויפ'ן צווייטען מיט
פורלטבארער קראפט.
און אינמיטען דעם פעלד האט געבלאנדזשעט א לעמעלע איינע אליין,
צווישען דונערן, בליצען און העלע געשרייען און טייכען פון בלוט.
איהר בעוואפענטע, גרויזאמע חיל'ס-לייט! שטרייט אייך
אויף לעבען און טויט,
ווארפט דעם שונא א האגעל פון פיילען און טרעט איהם
און קנעט מיט די פיס.—
אבער וואס איז אייך שולדיג דאס וויסינקע לעמעלע דא
אויף דעם פעלד?
איהם געהערען די פרידליכע, בליהענדע פעלדער—וואס
שטערט איהר זיין רוה?
איהם געהערען די קלארע, קריסטאלענע קוואלען—וואס מישט
איהר זיין וואסער מיט בלוט?

— מיר, בעוואפענטע חיל'ס-לייט, ווילען בעפרייען פון
יאך אונזער לאנד,
מיר, בעוואפענטע, שטרייטען—ווי קענען מיר היטען דעם
לעמעלעס רוה?
מיר פערפאלגען דעם שונא — ווי קענען מיר שוינען דאס
בליהענדע פעלד?

מיר פערוואונדען און טויטען—ווי קענען די קוואלען נישט
פול זיין מיט בלוט!
מיר, בעוואפענטע חיל'ס-לייט, שטרייטען אויף לעבען און טויט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קינד מיינס, לעמעלע צארטע אינמיטען דעם פעלד!
וואו וועסט דיר געפינען א רוהיגע היים?
ווער וועט שיצען דיין פרידען מיט זילבערער האנד...

קינד, יתומה'לע קליינע, זאלסט בלייבען פון שטורם געשיצט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

ס'וועט נישט דויערן ביז אייביג אונזער נאכט,
ס'וועט זיך עפענען די טיר פון אונזער תפיסה.
אט איז זי—די ברייטע וועלט אין צויבער-פראכט.
ס'געהט דער שטרייט, ער רופט און וועקט מיט וואונדער-כח.
ס'געהען מחנות—יונג און שטארק אין זונען-שיין.
כ'געה מיט אייך, איהר ליעבע ברידער, כ'געה מיט אייך!
ס'וועהט די פאהן, עס קלינגט געזאנג, עס הילכען טריט.
ווייטער, ווייטער, אהן אנ'אפהאלט, אהן א רוה.
יעדען טראפען פון דעם ריינעם העלען בלוט,
יעדען זיפץ פון טיעפען הארצען—נעהמט מיט אייך,
כ'געה און שטרייט, איהר ליעבע ברידער, כ'געה מיט אייך:
מיר'ן בויען, מיר'ן פלאנצען גליק און פרייד.

און ס'וועלען פערשווינדען פיעל יאהרען נאך יאהרען
א יונגערער דור וועט ארויף אויפ'ן שלאכט-פעלד,
מיט פרישערע כחות, מיט הייסערען שטרעבען,
מיט שטארקערען מוט און מיט פעסטערע ארימס;
מיין טאכטער, וועסט זיין צווישען זיי!
און היץ פון מלחמה, ווען שטורמיש וועט קלינגען
די מעכטיגע שטימע פון אמת און פרייהייט,
וועסטו אונז דערמאנען—דיין טאטען, דיין מאמען,
וועסט זאגען: זיי האבען דעם וועג אונז געריינינגט

װי האָבען מיט בלוט אונזער פאָהנע געהײליגט,
װי האָבען אונז װאָפען געשמידט,

דו זאָלסט אונז דערמאָנען, דו זאָלסט אונז געדענקען,
מײן אײנציגע טאָכטער, מײן טרײסט...
שלאָף, מײן קינד...

# די מוטער.

עס ליעגט דער וועג, א נאסער, א פלאכער, א זומפיגער. לאנג־זאם ציהט ער זיך, ווי די טעג פון אנ׳אבל, איבער דער הוילער, פערוואגעלטער ערד. שווער און אומעטיג קריכט ער פון עק וועלט צום שטעדטעל, ווי עס קריכען שווערע געדאנקען אין א פערמא־טערטען מוח. נישט קיין בוים, נישט קיין סלופ, נישט קיין רוישען פון רעדער. נאר שטיינער צעווארפען ארום און ארום.

גרוי און איינזאם ליעגט דאס שטעדטעל צווישען דעם טייך און דעם וואלד. עמיצער א גרויסער האט א שליידער געגעבען א קופע הייזלעך אינמיטען דער וועלט, און זיי ליעגען זיך אזוי, האלב פער־גראבען אין דער ערד, וואו יעדער איז געפאלען. איינגעבויגען, אנגערוקט די גרויע דעכער אויף די אויגען־פענסטער, שטעהען אין הכנעה די הייזער און קוקען צו דער ערד.

שטיל איז אין שטעדטעל. נאר דער טייך דערצעהלט עפעס אהן א סוף און דער וואלד ארום און ארום רוישט און אטעמט מיט זיין מעכטיגען אטעם. צווישען פלאכע ברעגען גיסט זיך דאס געלב־ליכע, לייהמיגע וואסער, שפארט זיך אן ברעג, פאלט צו איהם צו מיט א דערשראקענער חוואליע און קלאגט זיך. און דער וואלד שטעהט אנ׳אנגערוקטער, ווי א הויכע, פעסטע וואנט פון טונקעל־רויטליכע זיילען און רוישט און בייזערט זיך דארט אויבען מיט דער קרוין פון שטעכעדיגע נאדלען.

אויפ׳ן עק שטעדטעל, ביים וועג, נישט ווייט פונ׳ם טייך, שטעהט א שטיבעל, אבגעטיילט פון די איבעריגע, ווי פערשטויסען פון דער אייגענער משפחה. א ריזיגער בוים האט אויסגעשפרייט

איבערן שטיבעל די שווערע משא פון זיינע געדיכטע צווייגען און פערהילט עם אויף האַלב. הויכע גראָזען זענען אויסגעוואַקסען אַרום די ווענט און ציהען זיך צו די פענסטער און צו דער טיר. און די פענסטער אָהן שויבען קוקען מיט שווארצע לעכער אויף דעם פערלאָזענעם וועג און עס געהט פון זיי אַ שוידערליכע קעלט.

אויף דעם שטיבעל האָט זיך אויסגעשפרייט אַ סוד. וואונדער שוועבען דאָרט אַרום און אַרום.

ביינאַכט, ווען עס שלאָפט די וועלט, נאָר דער וואַלד שטעהט אַ קאַלטער אויף דער וואַך, געהען מתים אַרויס פון דעם וואַסער און ציהען זיך צום שטוב. ווייסע מתים אין לאַנגע תכריכים בלאָנקען זיך אַרום דער שטוב און קוקען אַריין אין די פענסטער. אויף די צווייגען איבערן דאַך הוידען זיך יונגע קינדערשע נשמה׳לעך און זינגען מיט רינינקע קולות. פון די גראָזען הויבען זיך שלענג און עקדישען און שטרעקען אַרויף זייערע קעפּ. און קליינע שרעטעלעך מיט גרינע לאָמ־טערענדלעך טאַנצען אינמיטען שטוב אַ פרעהליכען טאַנץ.

האַלבע נאַכט הערט זיך פון שטוב אַ שמערצליכער געשריי. קלאָג און וועהטאָג גיסט זיך אַריין, ווי אַ העלער פּאַס, אין דער פינסטערער נאַכט. קלאָג און וועהטאָג רייסען אויף צווייען דעם פּאָר־האַנג פון שטילקייט, ווי עס רייסט אַן אַלמנה איהרע קליידער ביי דער מטה פון איהר מאַן. אין קלאָג און אַנגסטען געהט דאָרט אויס אַ נשמה, גיסט זיך אויס, שעפּט זיך אויס אינגאַנצען און בלייבט ליעגען ווי אַ דערשטיקטער, וועלכער שמאַכט נאָך לופט.

האַלבע נאַכט וויינט די שטוב, וויינט דער בוים, וויינען די גראָזען אַרום און אַרום. און די שכנים אין שטעדטעל ווערען דער־ציטערט און זאָגען איינער צום אַנדערן:

— דאָס בעוויינט די דולע נחמה איהרע קינדער צו חצות.

האַלבע נאַכט וויינט די פערלאָזענע שטוב. און דער יונגער לערנער אין גרויסען בית־המדרש הויבט אויף זיינע פער׳חלום׳טע אויגען פון דעם קליינעם ספר׳ל מיט די וואונדערבאַרע געזאַנגען און זאָגט זיך שטיל מיט די רייד פונ׳ם נביא:

„קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים. רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם כי איננו״.

„עס הערט זיך אַ קול אין דער הויך, אַ קלאָג און אַ ביטער

געווין, רחל בעווינט איהרע קינדער, זי וויל זיך נישט טרייסטען: וואו זענען זיי?"

## I.

אין דער שטוב, אויפ'ן עק שטעדטעל, האָט פריהער געלעבט נחמה מיט איהר זוהן שלמה און מיט איהר יונגינקער טאָכטער לאה. שטאַרק, ווי אַ בוים אין וואַלד, איז געווען שלמה, און געלויכטען האָבען זיינע אויגען, ווי צווי שטערען אויפ'ן הימעל. יונג און צאַרט איז געווען לאה, ווי אַ ווייסע בלום אין פריהמאָרגען, ווען זי עפענט נאָר־וואָס איהרע יונגינקע בלעטעלעך. דער חן פון יוגענד איז געווען אויסגעגאָסען אויף זייערע פנים'ער און גאָטס גענאָד האָט געשיינט אין זייערע אויגען. נאָר נחמה, זייער מוטער די עגונה, האָט דעם שמערץ פון איהר האַרץ נישט געקענט לעשען מיט דעם טוי פון זייער יוגענדליכער פרייד.

טרויעריג איז געווען נחמה די גאַנצע צייט. טיעף אין האַרצען איז געלעגען בעהאַלטען איהר וועהטאָג פון אַמאָליגע יאָהרען, און קיין רפואה האָט די צייט נישט בעשאַפען פאַר דער וואונד פון איהר זעעל.

איהר מאַן, דער איינציגער פריינד פון איהר יוגענד, איז אַוועק און צוריק נישט געקומען.

פונ'ם תהום פון פערגאַנגענע צייטען שטעהען אויף זכרונות, ציהען זיך לאַנגזאַם פאַר די אויגען, קוקען אַריין אין דער נשמה מיט אַ טיעפען בליק און נעהמען זי דורך מיט אַ שוידער.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אַ צובראָכענעם געמיט איז ער אַוועק פון איהר יענעם טאָג. אינ'ם לאַנד פון זיינע אבות האָט איהם געצויגען זיין נשמה. דאָרט, האָט ער געזאָגט, וועט ער קושען די שטיינער און גלעטען די פערוואָגעלטע ערד. צו אַ בליהענדען וויינגאָרטען וועט ער מאַכען דאָס וויסטע לאַנד, אין אַ קלייד פון ליליען וועט ער אָנטאָן דעם טרוקענעם מדבר. און דער טוי פון חרמון וועט פאַלען אויף זיין קאָפּ און שטאַרקען און הויבען זיין געמיט. ער האָט זי גערופען מיט זיך—זי האָט נישט געוואָלט נאָכגעהן נאָך איהם,

וואו איז ער איצט?

אויף דער ענונה׳ס שטוב האָט, דאַכט זיך, די שכינה פּערי־שפּרייט איהר געצעלט. אַרום און אַרום שטוב האָט לאַה אַלערליי בלומען פערפלאַנצט, און די ערד איז געווען אויסגעציהרט מיט זיי ווי מיט אַ שענעם, קאָלירענדיגען דעקטוך. אין שטוב האָבען שלום ושלוה געמאַכט זיך אַ נעסט. דעם טאָג האָבען אַלע געאַרבייט, פאַרנאַכט פלעגט זיך הערען פון די אָפענע פענסטער אַ געזאַנג. דאָס האָבען שלמה מיט לאַה׳ן געשיקט אין דער וועלט אַריין זייער פרעה־ליכען גרוס — אַ גרוס פון אַנ׳איבערפילט האַרץ.

שען און ליעבליך האָבען זיי געזונגען. זיין קול האָט זיך גע־גאָסען, ווי אַ שטאַרקער, קאָכעדיגער שטראָם איבער אַ גרינעם, מיט בלומען בעשפּרינקעלטען פעלד, און געריסען זיך ווייטער און ווייטער צום ברייטען אונענדליכען ים. און איהר קול האָט געפלאַטערט ווי אַ טייבעלע און אַריינגעקלונגען ווי קליינינקע גלעקעלעך און אַרומגע־וויקעלט זיין שטים מיט גאָלדענע פליטערלעך. דאָס גאַנצע שטערטעל פלעגט ווערען שטיל און זיך איינהערען אין זייער געזאַנג און פערגעסען אויף אַ מינוט אַלע צרות. און דער טונקעלער וואַלד פלעגט אָבענט־פערן מיט אַ בעהאַלטענעם ברומען און שאָקלען לאַנגזאַם זיינע צווייגען.

נחמה האָט געהערט — און אין איהרע אויגען איז קיין פרייד נישט געווען.

אין דעם ליכטיגען געזאַנג פון איהר זוהן פלעגט זי הערען אַנ׳־אָבקלאַנג פון זיין פאָטערס קול, אויף די ליפען פון איהר טאָכטער פלעגט זי דערקענען זיין ליעבליכען שמייכעל. און אויפ׳ן גרונד פון איהר האַרצען פלעגט זיך ריהרען און וויקלען אין קנוילען דאָס געפיהל פון איהר אייביגער שולד, ווי עס ריהרט זיך און וויקעלט זיך אַ גיפטיגע שלאַנג אין איהר נאָרע.

וואו האָט ער צוגעשפּאַרט זיין קאָפּ? צי האָט דער הייסער מדבר אויסגעזויגען זיין קאָכיגעם בלוט? צי האָבען איינגעשלונגען זיין מידען קערפּער די אַלטע טויזענדיאָהריגע קברים? צי קייקלען זיך די חוואַליעס פון דעם ירדן נעבען זיין געלעגער און דערצעהלען איהם וואונדערבאַרע מעשיות פון פערגאַנגענע צייטען?

איינזאַם איז ער געגאַנגען זיין וועג אין דעם ווייטען לאַנד. איינזאַם האָט ער געקוקט פון דעם מדבר אַהין, ערגעץ ווייט, אין

דעם לאַנד פון זיינע גאָלדענע חלומות. שווער איז געווען זיין וועג. טיעף דער זאַמד אָרום און אָרום, און די האַנד פון זיין נאָהענטסטען פריינד האָט איהם נישט געשטיצט אין דער צייט פון זיין יאוש און פיין. אליין איז ער געגאַנגען.

זי—זי האָט צו שטאַרק ליעב געהאַט איהר אַלטע היים. זי האָט נישט געוואָלט פערטרייבען איהרע קינדער פון זייער נעסט. זי האָט געהאָפט און געוואַרט — ער וועט קומען. ער איז נישט גע־קומען.

עס זענען יאָהרען פערגאַנגען. לאַנגע, פערלאָזענע יאָהרען.

איצט לעבט ער אויף אין זיין זוהן. אָט איז ער, דערזועל־ביגער הויכער און ציכטיגער שטערן, דערזעלביגער בליק. אָט איז ער, נאָר יונגער און שטאַרקער און שלאַנקער, עס צינדען זיך די זעלביגע פייערלעך אין דער טיעפעניש פון זיינע אויגען, און דער קנייטש צווישען די ברעמען גראָבט זיך איין אַלעמאָל טיעפער. און ערנסטער קוקען די אויגען אויף גאַנץ וועלט און פרעגען און זוכען.

יאָהרען פליהען. נייע צייטען ווערען געבוירען. דער מוטערס הארץ שמאַרצט מיט דעם אַלטען וועהטאָג. און לאַנגע טונקעלע הענט ציהען זיך צו איהר פון דער לאַנג פערשוואונדענער יוגענד און פרעסען די ברוסט: פאַרוואָס, פאַרוואָס?...

---

ווען די נאַכט פלעגט אַרויסגעהן פונ׳ם וואַלד און פערוויקלען דאָס שטעדטעל און אַלע פלעגען שוין שלאָפען אויף זייערע געלע־גערס, נאָר דער וועלטער פלעגט אַרומגעהן און קלאַפען מיט זיין הילצערנעם האַמער און שרעקען די שטילקייט, און די פענסטער פלעגען שוין זיין פינסטער און פערטרויערט, פלעגט נאָך ברענען אַ ליכט אין דעם שטיבעל אויפ׳ן עק שטעדטעל, און אַ לאַנגער שאָ־טען פון אַ מענשען פלעגט זיך וויעגען אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב: דאָס איז שלמה געזעסען איבער זיינע ביכער. ער האָט גע־האַט אַ סך ביכער און פלעגט זיי לייענען יעדען אָווענד ביז שפעט אין דער נאַכט.

און אַזוי לאַנג האָט ער געלייענט זיינע ביכער, ביז ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַ טרויער אויף זיין נשמה. ביסלעכווייז, ווי אַ פריינד

גנבעט זיך אונטער בײנאַכט צום געצעלט פון זײן פײנד, האָט זיך אָנגערוקט פון ערגיץ װײט אויף זײן פרעהליכע יוגענד אַ טיעפער טרויער און אַרומגעװיקעלט אַלעמאָל געדיכטער זײן נשמה און אָבגעשניטען אַלע שפּראָצונגען פון זײן לוסט. ס'איז געקומען אַ גרויסער געדאַנק און אַרײנגעצװיגען איהם אין זײנע װאונדערבאַרע טיעפענישען, און פערזונקען אין זײ איז דער מענש, און דאָס גאַנצע לעבען, װאָס רינגעלט איהם אַרום, איז פערשװאונדען פאַר זײנע אויגען.

װאָס איז מיט דיר, יונגע נשמה?

געלעגען אַ ברײטער ים, אַ קלאָרער װי אַ שפּיגעל. דער בלויער הימעל האָט גערוהט אין זײן טיעפעניש, און װײסע װאָלקענדלעך האָבען זיך געבאָדען אין זײנע קיהלע אָבגרונדען, ציטערדיגע רעגענבויגענס פלעגט די זון פערשפּרײטען איבער איהם, װי פאַרביגע בריקען, פון אײן עק צום צװײטען, און אַ רויטער שימער איז געלעגען אויף איהם, װי אַ ליעבער שמײכעל, צװישען טאָג און נאַכט. און בײנאַכט האָט די לבנה פערװאַנדעלט דאָס װאַסער אין רײנע צושמאָלצענע חװאַליעס פון זילבער.

געלעגען אַ ליכטיגער ים, און פּלוצים—פערלאָשען די זון, פערשװאונדען דאָס בלויע געצעלט, אין שרעק זיך בעהאַלטען די װײסינקע װאָלקענס. אָבגעװישט די ליכטיגע פאַרבען. די רעגענבויגענס—אַ שפּרונג געגעבען צום עק װעלט און נישט געבליבען. פון דער װײטענס רוקט זיך אַ געדיכטע שװערע חמאַרע אַלץ אַרויף און װײטער. בײז איז איהר פּנים, צאָרנדיג איהר ברומען, רויט װי קופּער איז איהר שטערן, און אַראָב טוט זי אויסשטרעקען טונקעלע הענט און זײ לאַנגזאַם בעװעגען... שטיל איז דער ים, װי פער'כשופ'ט. נאָר גרוי איז ער געװאָרען, װי שטאָהל, און אָנגעשטרענגט אין ערװאַרטונג. און די פרײד איז פערשװאונדען פון זײן פּנים. שטיל איז ער. נאָר שטורם-פויגלען פליהען אין דער שטאָהלענער שטילקײט און פאָכען שנעל צװישען הימעל און װאַסער מיט זײערע װײסע פליגעל.

װאָס איז מיט דיר, ברײטער ים?

— עס קומט דער שטורם. ער איז שוין נאָהענט. נאָך איז דאָס װאַסער אָהן בעװעגונג — באַלד װעט עס אויפקאָכען מיט גרויזאַמען כח. נאָך איז גלאַט דער אויבערשטער שפּיגעל—באַלד װעלען חװאַליעס זיך הויבען, װי בערג, און פאַלען װי ריזען, און שטויסען

ויך איינע אָן דער צווייטער מיט ליידענשאַפט און צאָרן. נאָך אין שטיל צווישען הימעל און וואַסער—אָבער פון ווייטען רוקט זיך שוי א דונער, ברומט מיט פערדומפּפענע קלאַנגען, שפּרייט זיך און ווערט אַלעמאָל זיכערער, אַלעמאָל שטאַרקער. באַלד וועלען אויפהויבען א געואַנג פון מלחמה די צובייזערטע חוואַליעס, עס וועט פליהען, ווי א שליח אין פלאַם פון מלחמה, דער ווינט אויף זיינע קרעפטיגע פליגעל, ער וועט שרייען מיט אַלע מעכטיגע שטימען און וועט בעפעהלען אַרום און אַרום איבער דעם תהו ובהו, און וועט זיך וואַרפען אַליין מיט דעם קאָפּ אין די אויפגעגראָבענע טיעפענישען פון'ם ים, און וועט אָנפאַלען מיט אימפּעט אויף די הויכע, שוימענדיגע בערג און וועט זינגען און רופען...

עס קומט דער שטורם.

---

## II.

נאָך סוכות האָט זיך שלמה אָבגעזעגענט מיט זיין מוטער און זיין שוועסטער און איז אוועק אַהין—אין דער גרויסער שטאָדט.

זי האָט נישט געוויינט — די אַלטע נחמה. זי האָט געוואוסט שוין א שטיק צייט, אַז עפּעס וואַקסט און ווערט צייטיג אינ'ם האַרץ פון איהר בן־יחיד, עפּעס א גרויסעס און א הערשענדעס, ווי א מלך אין זיין ליכטיגער קרוין. זי האָט געוואוסט — אינ'ם האַרץ פון איהר זוהן קען נישט וואַקסען קיין בייז, ווי עס קען נישט ווערען פערזשאַווערט קיין ריינער שטיק גאָלד. זי האָט געוואַרט, ביז די צייט וועט קומען און די לעפצען פון איהר זוהן וועלען זיך עפענען און זיינע רייד וועלען אָנהויבען פינקלען ווי פערל...

„קול ה' בכח, קול ה' בהדר" — „גאָטס קול לאָזט זיך הערען מיט כח, גאָטס קול לאָזט זיך הערען מיט גרויסקייט, גאָטס קול טוט צושמעטערן טענענבוימער, ער האָט צובראָכען די טענענבוימער אויפ'ן באַרג לבנון"... די ענונה האָט גע'חזר'ט די ווערטער פונ'ם גרויסען דיכטער און איהר האַרץ האָט געקלעמט מיט א געפיהל פון גרויסער ערוואַרטונג, ווי דעמאָלט, פריהער מיט יאָהרען, ווען זיין פאָטער האָט זיך געגרייט אין וועג.

און דער טאָג איז געקומען—און דער זוהן האָט געעפענט זיין הארץ פאַר זיין מוטער און זיין שוועסטער.

ער האָט גערעדט. זיין קול איז געװעזן ווייך און קרעפטיג, נאָהענט און פרעמד, און ער אַליין איז מיט אַמאָל געוואָרען עפּעס גרעסער און ווי אָבגערוקט זיך פון זיי.

ער וועט אוועקגעהן אין שטאָדט. ער מוז געהן. קליין איז געווען דאָס וועלטעלע אַרום איהם ביז אַהער, קליין און ליעבליך און היימיש—איצט האָט די וועלט זיך געעפענט פאַר זיינע אויגען אין איהר הערליכער גרויסקייט, אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ סוף. איינגעהילט אין נעבעל איז די ווייטקייט געלעגען ביז אַהער און פרידליך גע-דרעמעלט—איצט איז פערשוואונדען דער נעבעל, שאַרף, ווי אויס-געטאַקט, שטעהען פון ווייטענס די הויכע בערג. ס'הויבען זיך פעל-זען, ס'וויעגען זיך וועלדער, טייכען גיסען זיך, ברייטע וועגען ציהען זיך, אַרבייטער-מחנות געהען אין שטרייט. שטיל איז געווען און ליעב-ליך דאָס היימישע געצעלט — איצט הערט ער מעכטיגע שטימען, ס'רופט און בעפעהלט. ער וועט געהן.

די אַלטע נחמה האָט נישט געוויינט. זי האָט געוואוסט—קיינער וועט נישט אָבהאַלטען זיין שטאַרקען ווילען. זי האָט געקוקט אין זיינע אויגען און געזעהען דעם וואונדערבאַרען פייער, וואָס פלאַמט אין זייער טיעפעניש, און האָט געוואוסט—דאָס איז דער פייער, וואָס ברענט אויפ'ן הייליגען מזבח...

דער זוהן איז אַוועק. די שטוב איז אנשוויגען געוואָרען. ביי-נאַכט האָט אויפגעהערט דער שאָטען צו בעוועגען זיך אַרויף און אַראָב. פריה פלעגען ווערען פערשלאָסען די פענסטער—ווי עס פער-מאַכט אַ מיעדער מענש זיינע אויגען צום שלאָף. ביינאַכט פלעגט אַ נעבעל אַרויסגעהן פונ'ם וואַלד און אַרומוויקלען די שטוב, און אַרומבלאָנקען זיך אַרום און אַרום, און שטרעקען פון זיך ווייסע פאַסמעס אויפ'ן דאַך, און אַראָבהענגען שטיקערווייז פון דעם גרויסען אַלטען בוים.

דער בוים פלעגט זיך וויעגען אין דער פינסטער און עפּעס ריידען מיט'ן ווינט, און די רייד זיינע זענען געווען אַזוי טיעף און פול מיט בעהאַלטענעם קומער. הויך אין דער לופטען האָט געקלונגען דאָס וואונדערבאַרע ליעד, ווייט פון דער וועלט, ווייט פון יעדער פיין, און דאָך אַזוי נאָהענט.

ביינאַכט, אין דער פינסטער, פלעגט נחמה זיצען אין שטיבעל און הערען. אַרום און אַרום איז דאָס שטעדטעל געלעגען פערשמאַכט. ווי אַ געדיכטע משא האָט די שטילקייט זיך אַרויפגעלעגט אויף דער ערד און זי אײַנגעפּרעסט טיעף. און די שטילקייט אין שטוב איז נאָך געווען שטילער, ווי די שטילקייט אינדרויסען. אַן׳אײַנגעהאַלטענער שאָרך פלעגט אַרומגעהן איבערן שטוב און בעריהרען די פענסטער. און פון יענער זייט פענסטער פלעגט דער בוים עפּעס רעדען מיט׳ן ווינט אינמיטען דער נאַכט.

דער בוים האָט גערוישט. און געדאַכט האָט זיך נחמה׳ן, אַז אַן׳אַלטער מאַן, אַ גרויסער ווי אַ ריעז, מיט אַ גרייז-גרויער באָרד און מיט אַ שברענגען בליק, שטעהט אינמיטען דער וועלט מיט אַן׳אויס-געשטרעקטער האַנט און רעדט. די האָר זיינע פלאַטערן אויפ׳ן ווינט און די ווערטער ציהען זיך פון אָנהויב וועלט ביז איהר סוף.

„בן-אדם, דו מענש, שטעה אויף און נעהם דיין וואַנדער-שטע-קען אין האַנד. דיין מוטערס הויז זאָלסטו פערלאָזען און זאָלסט געהן אַהין, וואו איך שיק דיך. דו זאָלסט אײַנשמידען אין אײַזען דיין האַנד, און אין פייער זאָלסטו אָנגליהען דיין געמיט. פייער-פלאַמען זאָל זיין דיין וואָרט, און פאַר דיין אויג זאָלען ציטערן די שטאַרקע. און זאָלסט געהן פון געצעלט צו געצעלט, און פון שטאָדט צו שטאָדט זאָלסטו וואַנדען דיינע טריט. זאָלסט וועקען די קנעכט פונ׳ם שלאָף און דאָס האַרץ פון גבורים זאָלסט אָנפילען מיט קראַפט. פאַר דיר זאָל זיך שפּרייטען אַ שטורם, און הינטער דיר זאָל זיך רייבערן דער צאָרן. וואָרום פול איז געוואָרען די מאָס פון יסורים פאַר מיר, און דאָס געשריי האָט דערגרייכט ביז׳ן עק פון דער וועלט. און נאָהענט איז שוין די שטראָף, דער טאָג פון נקמה וועט נישט פער-זאַמען זיין צייט...״

דער בוים האָט גערוישט. די נאַכט האָט געהערט זיינע רייד. און נחמה׳ס אויגען פלעגען זיך עפענען און זי פלעגט זעהען איהר שלמה׳ן. ערגיץ וויים געהט ער אינמיטען וועג מיט אַ וואַנדער-שטע-קען אין זיין רעכטער האַנד.

„וואָרום פול איז געוואָרען די מאָס פון יסורים פאַר מיר, און דאָס געשריי האָט דערגרייכט ביז׳ן עק פון דער וועלט״.

... די טעג זענען געגאַנגען. נאָך דעם נעבעל זענען געקומען די רעגענס און אַרומגעוויקעלט דאָס שטעדטעל מיט אַ פייכטען

פאַרהאַנג און דעם טייך געשמיסען און געטריבען מיט אַ בייזער שמחה. און נאָך די רעגענס איז דער פראָסט געקומען און אויסגע־שפרייט זילבערנע מענטעלעך איבער די פעלדער און די צווייגען אין וואלד געמאַכט אַזוי שטייף, אַז זיי האָבען געקלונגען, ווי גלעזערנע. און נאָך די פרעסט איז געקומען דער שניי און פערשאָטען די וועלט און פערוויקעלט מיט רחמנות אַלע איהרע וואונדען. ס׳איז געוואָרען ווייס און ריין, און אַ יונגע פרייד האָט געאָטעמט אין דער קריסטאַ־לענער לופט.

נחמה׳ס שטוב איז געלעגען בעהאַלטען אין שניי העכער פון די פענסטער, און האָט אַליין אויסגעזעהען, ווי אַ בערגעל שניי. דער בוים איבערן דאַך האָט זיך אויסגעפוצט אויף דער עלטער אין אַ קלאָר־ווייסען קלייד און פלעגט אָנצינדען אינמיטען העלען טאָג מיליאָנען קאָלירענדיגע לאַמטערענדלעך און זיך שפּיעלען מיט זיי אין דער הויך. פון זיינע צווייגען פלעגען גאָלדענע און זילבערנע פעדים זיך ציהען צום דאַך פונ׳ם שטיבעל און שעפטשען איבער זיי עפּעס אַ שפּרוך.

דאָס שטיבעל איז געלעגען פערשטומט. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבען געשוויגען — און אין זייער שווייגען האָט געלעבט ער, זייער נביא, דער וואַנדערער מיט די פייער־שטראַהלענדע אוי־גען. עס האָט וועה געטאָן דאָס האַרץ, עס פלעגט ציהען די נשמה, עס פלעגט קלעמען אַ בענקעניש און עס פלעגט עפּעס זינגען אינוועניג אַזאַ טרויעריגס און האַרציגס. נאָר קיין טרערען האָט מען נישט פערגאָסען אינ׳ם קליינעם שטיבעל אויפ׳ן עק פון שטעדטעל.

בריעף פלעגען קומען פון שלמה׳ן זעלטען. נאָר יעדער בריעף פלעגט זינגען. פון יעדען בריעף פלעגען זיך אַריינרייסען די שטימען פון לעבען אין קליינעם שטיבעל, ווי עס רייסט זיך אַריין אַ געזעל־שאַפט פון לוסטיגע, ריידעוודיגע קינדערלעך אין דער הייליגער שטיל־קייט פון אַנ׳אַלטען טונקעלן טעמפּעל.

סוףווינטער האָבען אינגאַנצען אויפגעהערט צו קומען בריעף. און נאָך פורים איז אָנגעקומען אַ קורץ צעטעלע, געשריבען מיט אַ פרעמדער האַנד: שלמה זיצט אין טורמע. אַריינגעפאַלען זעהר ערנסט. מען דאַרף איהם זעהען שיקען געלד אויף צו לעבען.

צוויי טעג שפּעטער איז די מוטער שוין געווען פאַרטיג צום וועג. די שטוב האָט זי פערשלאָסען מיט אַ שלאָס. די טאָכטער

האָט זי מיטגענומען מיט זיך. זי איז געפאָהרען אהין, וואו עס זיצט איהר זוהן.

זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי וועט טאָן, זי האָט נישט געהאַט קיין פּלאַן. זי האָט נישט געוואוסט, צו וועמען זיך ווענדען. זי האָט נאָר געוואוסט איינס: זי וועט איהם נישט פערלאָזען, ווי זי האָט פערלאָזען איהר פאָטער. זי מוז און זי וועט איהם אַרויסנעהמען פון זייערע הענט. ס'איז געקומען די צייט צו פערגלעטען די אַלטע זינד.

קרעפטען האָט זי געפיהלט גענוג אין איהר האַרץ. דאָס איבעריגע—דאָס איז גאָרנישט. שטיין און אייזען וועלען נישט איינשטעהן פאַר דעם געפיהל פון אַ מוטערס האַרץ. זי מוז איהם רעטען.

---

# III.

הינטערן שטאָדט שטעהט די מוטער און קוקט אויף דער ווייטער וועלט. פון דעם אויבערשטען שטאָק קען מען זעהען די אויסגעפוצטע גרינע פעלדער מיט צוואָרפענע קאַרשען-בוימלעך אויף זייער סאַמעטענער דעק. זיי האָבען זיך אַ לאָז געטאָן, די יונגע בוימלעך, איבערן גרינעם פעלד, ווי אַ צוהוליעטע חברה שטיפער לויפט אַרויס פון דעם חדר, און זענען צונלאָפען אַזש ביז צום בלוילעכען וואַלד—העט וויט, אויפ'ן עק פונ'ם הימעל. פון די בלומען-קעפּלעך גיסען זיך טרוימערישע ריחות און שווימען זאַנפט אין דער לופטען און דערגרייכען ביז צום וואַנט פון דער טורמע—אָבער אַריבערטרעטען זי האָבען זיי נישט קיין כח. און גאָר נאָהענט ליעגען גריבער און הייגען, מיט אויפגעעפענטע גרויע מיילער און מיט טיעפע קנייטשען אויף זייערע פערוואונדעטע זייטען: דאָ פלעגט מען אַמאָליגע יאָהרען גראָבען שטיינער אין דער טיעפעניש פון דער ערד.

הויך און פעסט שטעהט די טורמע. פון דעם פעלד קוקענדיג, קענט איהר זעהען נאָר דעם פאַרקען אַרום און אַרום און די פענסטערלעך פונ'ם דריטען שטאָק. קליין זענען די פענסטערלעך און טונקעל, און פערוויינט, און אַ לאַנגווייליגקייט, אַ שווערע און אַ שטומע, קוקט אַרויס פון זייערע לעכער. אויף איינע פון זיי זענען

גרויע בלעך-שילדען אויפגעשטעלט, ווי בעלמעם אויף אַנ'אויג. האַרט ליעגט די טורמע אין עק שטאָדט, און פון דרויסען דאַכט זיך, אַז אַלץ איז אויסגעשטאָרבען אין איהרע הויכע ווענט.

אָן די הויכע ווענט שלאָגען זיך שוין וואָכענלאַנג דער מוטערס געדאַנקען, ווי חוואַליעס אָן אַ פעלז. ליידענשאַפטליך שפאַרען זיך הייסע וואונשען אָן די קאַלטע שטיינער, ברויזענד וואַרפען זיך פיבערהאַפטע טרוימען אויף די זיכערע פעסטונג. גליהענדע שטראָמען פון געדאַנקען רינגלען אַרום די טורמע, גלעטען איהרע ווענט, דראַפען זיך העכער, טשעפען זיך אָן די שאַרפע שפּיצען אויפ'ן פאַרקען און טרעטען אָב, פערמאַטערט, פערטראַכט.

אַיינגעשפאַרט איז די מוטער. נאָך אַיינגעשפאַרטער איז דער ווילען פון אַ מוטערס האַרץ.

אין די לאַנגע וואָכען האָט זי אויסגעמאָסטען מיט איהרע אויגען יעדעס ווינקעלע פון דער טורמע, אַרומגעטאַפּט מיט די פאַרשענדע בליקען יעדען שטיין אין דער וואַנד, יעדע גראַטע אין די פענסטער, אָנגעריהרט יעדען טשוואָק אויף דעם זיכערן פאַרקען. זי האָט אַריינגענומען די גאַנצע טורמע צו זיך אין האַרצען און אַלע טעג, אַלע נעכט אַלץ געזוכט און געזוכט אַ שליסעל צו איהר טיעפען סוד.

איינזיגמע יודענע! ווי וועסטו קענען אַריין אין אָט דעם פערכשופ'טען טורם? ווי וועסט אַרויסנעהמען פון דאָרטען דיין טייערען אוצר? שטרענג איז די וואַך און שאַרף איז די שווערד און קיין שלאָף טוט נישט שליסען דאָס אויג פונ'ם שומר!

זי האָט געקלערט און געזוכט. אי ביי טאָג אי ביינאַכט אַלץ געשפינט זיך בעהיטזאַם דעם פאָדים פון איהרע געדאַנקען, פון די-נינקע פעדים אַ שטריק זיך געפלאָכטען, פון שטריק זיך אַ לייטער געמאַכט, און אויפ'ן לייטער געקראָכען אַריבער דעם פאַרקען, געהויבען זיך אַרויף צו די פענסטער, אַריינגעקוקט אין קאַמער פון איהר ליעבען און געשעפּטשעט איהם שטיל: זיי רוהיג, מיין זוהן, זיי זיכער, מיין פערוואָגעלטער נביא. מיר'ן שפאַלטען די שטיינער, ווי משה אין דעם מדבר, מיר'ן פערשלעפערן די וועכטער, ווי דבורה האָט סיסרא'ן פערשלעפערט. מיר'ן אַרויסגעהן פון גלות. זיי זיכער, מיין ליעבער. מיט דיר איז דיין מוטער.

וואָכען זענען געגאַנגען. חדשים פלעגען קומען און פערשווינדען.

אלץ דער איינענער איז געשטאַנען דער שטיינערנער סוד אויפ'ן עס שטאָדט. אַלץ די אייגענע האָבען אַרויסגעקוקט די פענסטערלעך, ווי פערלאָפען מיט שוואַרצען בלוט. און אַלץ די אייגענע האָבען גע־פלאָטערט אַרום איהר די אונרוהיגע גערדאַנקען, ווי אַ משפחה פון ביהנען איבער אַ וואַסער, אַלץ געפלאָטערט, געפלויגען און נישט געקענט געפינען קיין זיכערן פלאַץ אונטער די פיס.

די אַלטע מוטער האָט איהר שטאַלצע האָפנונג נישט פערלאָ־זען. זי וועט איהם אַרויסנעהמען פון זייערע הענד. זי מוז דאָס. די הייליגע האַנד פונ'ם נביא האָט אויף צווייען צוריסען דעם ים־סוף. דאָס קול פונ'ם שופר האָט געשפּאָלטען די ווענט פון יריחו. דאָס קול פון אַ מוטערס האַרץ וועט דערגרייכען דעם זיעבעטען הימעל און עפענען די שערי־הרחמים.

...אָרימע יודענע. דו, אַזאַ שוואַכע, אַזאַ אַלטינקע יודענע, דו—אָהן געוועהר געגען מויל פונ'ם לייב—דו וועסט זיך איינשטע־לען רייצען דעם גרויזאַמען פיינד!

דו — מיט דיין וואַרימער ליעבע ווילסט צושמעלצען די אייז־קאַלטע ווענט...

קוקט זי אָן, זי איז איינגעבויגען און פערפינסטערט. קוים וואָס ס'שלעפּען זי די מידע פיס. קוים וואָס ס'האַלטען דעם שטעקען די ציטערדיגע הענד. און איהר בליק איז געווענדט צו דער ערד און איז פול מיט אַ שטומען געבעט.

זי איז סך־הכל אַן'איינזאַמע, דערשלאָגענע יודענע און האָט נישט צו קיינעם קיין טענות. אַלצדינג הערט זי און שווייגט און בע־ליידיגט זיך נישט קיינמאָל. דער נאַטשאַלניק פון טורמע אַליין פיהלט צו איהר עפּעס אַ שטיקעל רחמנות, פול מיט פעראַכטונג. אַזאַ וואוילע יודענע, די נחמה. אַלע טאָג ברייננט זי מיט זיך דאָס פּעקעל מיט סחורה. סחורה—אַן'אויסנאַהם, און געלט נעהמט זי ווייניג. ווילסט—צאָהל, ווילסט — באָרג, זי האָט נישט קיין טענות. און שטיל איז זי—אַ מחיה. אַלצדינג הערט זי — און ס'ריהרט זי נישט גאָרנישט. אַן'אַלמנה איז זי — אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער. אַליין ווי אַ שטיין. און אַ עהרליכע, קענטיג; מעגסט איהר גלייבען. נישט אַזוי ווי די אַלע פערשמוציגטע יודישע סוחרים. אַ וואוילע העני'לערקע—די אַלטע נחמה. און די חובות מאָהנט זי קיינמאָל נישט—אָדער זי בעט מיט גרוים אָבשיי.

עס אַרט איהר נישט גאָרנישט אַרום און אַרום. די אַרעסטאַנ־
טען — זי וויל אויף זיי גאָר נישט קוקען. יעדען זונטאָג ברייננט זי
סחורות פאַר די איינגעשפּאַרטע און צוטראָגט זיי פון קאַמער צו קאַ־
מער. שאַרף גיט אַכטונג דער וועכטער אויף אַלע איהרע טריט.
אָבער קיינמאָל קוקט זי נישט אין פּנים די אַרעסטאַנטען, קיינמאָל
וויל זי נישט אויסהערען זייער שמועס, זייער געבעט. נאַטשאַלסטווע
וועט זיין ברוגז. זי קען נישט. ס׳איז איהר שטיקעל פּרנסה... זי
וויל נישט נעהמען נישט קיין בריעף, נישט קיין גרוסען. אַ וואוילע
יודענע, די נחמה. אָפטמאָל געפינט זיך ביי איהר אַ שטיקעל סחורה
פאַר דעם וועכטער אַליין אויך,— „פאַר זיין טרחה״. און פערלאַנגען
פערלאַנגט זי פון איהם גאָרנישט.

שוין פיעלע וואָכען איז נחמה אַ שטענדיגער גאַסט אין די ווענט
פון דער טורמע. פעסט שפּינט זי איהרע פעדים. שוין פלעכט זי
פון זיי אַ שטאַרקען שטריק. שוין נאָהענט דער טאָג פון גאולה...

---

## IV.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— אָט אָ דאָ, לאה׳ניו, וועלען מיר צובינדען דעם שטריק.
ווען זיין פענסטער וועט זיך עפענען, וועלען מיר איהם אַריבערוואַר־
פען איבערן פאַרקען.

די מוטער מיט דער טאָכטער זענען געשטאַנען נעבען פאַרקען
פון טורמע. זיי האָבען איינע די אַנדערע נישט געזעהען אין דער
פינסטער.

אַ גאַנצער ים פון שוואַרצען טינט האָט פערגאָסען די וועלט.
שוואַרץ — מען קען אָנטאַפּען די געדיכטע פינסטערניש. די טורמע
זעהט מען נישט — זי פיהלט זיך נאָר ערגיץ גאָר נאָהענט.

שטיל איז. עס פייפט נאָר דעם וועכטערס פייפעלע פון יענער
זייט פאַרקען און אויפ׳ן עק הימעל וואָרטשעט אַ ווייטער דונער.
אַחוץ דעם הערט איהר נישט גאָרנישט. יאָ, עס קלאַפּט נאָך דאָס
האַרץ—טאַק־טאַק, טאַק־טאַק, ווי אַ שווערער האַמער. און צייטענווייז
קלינגט אין די אויערן. אָבער שטיל איז צרום און אַרום.

די מוטער מיט דער טאָכטער לעכערן מיט פיבערהאַפטע אויגען די נאַכט. צי זעהען זיי טאַקע, צי דאַכט זיך זיי נאָר, אַז זיי דערקענען אין דער פינסטער זיין פענסטער.

יאָ. אַזוי. די גראַטע איז איבערגעזויגען שוין לאַנג. איצט נעהמט ער זי אַרוים. שטיל, שטיל, מען זאָל נישט הערען קיין שאָרך. דאָרט איז זיין פענסטער. שטיקער פינסטערניש וויעגען זיך. דאָס איז ער, מסתּמא. אָבער קיינער זאָל נישט דערהערען.

שאַ, שטיל. מסתּמא שוין אָפען דאָס פענסטער. יאָ. איצט — גאָט! — איצט קומט דאָס שווערסטע. אַראָבגעהן אויפ׳ן שטריק־לייטער. מ׳זאָל נאָר נישט דערזעהען. וואָס איז דאָס? מען געהט? עס קלאַפּען טריט? ניין, ניין, דאָס קלאַפּט נאָר דאָס האַרץ און וויל אַרויסשפּרינגען: טאַק־טאַק, טאַק־טאַק. שטילער, שטילער.

ער גליטשט זיך. צי וועט ער האָבען כּח? ער איז אָבגע־שוואַכט. ער זאָל נאָר נישט אַראָבפאַלען. רבונו־של־עולם, גיב איהם כּח, ער זאָל קיין קרעכץ נישט געבען... מען קען איהם נאָך דערזעהען פונ׳ם צווייטען, פונ׳ם ערשטען שטאָק. ער דאַרף זיך האַלטען בּיי די רינעס.

אָט, אָט, שוין. דאַכט זיך, אַראָב. יאָ. עפּעס האָט אַ בּליץ געטאָן; אַ רויטער פונק האָט געמאַכט אַ ראָד אין דער פינסטער. איצט אַ בּלויער, אַ גרינער. אַהאַ, דאָס דאַכט זיך נאָר. סאיז דאָך דער פאַרקען פאַר די אויגען. איצט — דאָס שטיקעל הויף פון דער טורמע בּיז דעם פאַרקען. דאָרט שטעהט אין ווינקעל דער וועכטער. ער וועט נישט טשעפּען; אָבגערעדט פון פריהער.

וואָס־זשע דויערט דאָס אַזוי לאַנג? וואו איז ער? פאַרוואָס גיט ער נישט קיין צייכען. אפשר דאַרף ער איבערוואַרטען דאָרטען? אפשר עפּעס אַ סבּה?

נו, לאָמיר וואַרטען. די צייט געהט. ס׳וואַלען זיך נאָר נישט צוזייהען די חמאַרעס. איינס אַ זייגער געהט שוין אויף די לבנה. אַ גוטע נאַכט איצט. אַזוי פינסטער און וויסט. אַ רעגען וואָלט נאָך געווען בּעסער.

אָבער וואָס געהט ער נישט אַזוי לאַנג? וואָס געהט ער נישט? וואָס איז דאָרט? גאָט!

אָט קלאַפּט שוין אין פאַרקען. ס׳איז ער! לאָמיר וואַרפען דעם שטריק. אַזוי. איינס, צוויי. יאָ, אַריבּערגעוואָרפען. איצט טאַפּט ער

אין דער פינסטער. גיכער, גיכער, אײַל דיך. ס׳קען נאָך קומען די „סמענע״!

דער שטריק אָנגעצויגען. ער קריכט. ער איז שוין אויבען. אָר נישט אָנשטעלען זיך אָן די טשוועקעס. פאָרזיכט, פאָרזיכט. איצט — אַ שפּרונג!

— מיין זוהן! מיין שלמה! זי האָט איהם אַרומגעקלאַמערט מיט איהרע דאַרע הענד און איז אויף איין רגע פערשטאַרט געוואָרען אויף זיין ברוסט. נאָר די הערצער האָבען זיך געקלאַפּט.

לאה׳לע האָט געצופּט פאַר די קליידער. קומט, לאָמיר געהן, נישטאָ קיין צייט. אין פעלד אַריין. דאָרט, אַ ביסעל ווייטער, שטעהט די פוהר.

זיי געהען. שוין עטליכע טריט פון טורמע. און פּלוצלונג — טראַך! די גאַנצע נאַכט האָט אַ ציטער געגעבען. די פינסטערניש צוריסען געוואָרען אויף טויזענטער שטיקלעך. טראַך, טראַך, מען שיסט. די ערד ציטערט, די טורמע וויעגט זיך. דער שטורם-גלאָק קלינגט אויבען מיט פערצווייפלונג און וועקט די נאַכט. געשרייען לעכערן די לופט. אַט קלינגען שוין שווערדען. סאָלדאַטען טופּען איבערן הויף. אַ טרומייט שפּיעלט. ס׳הערט זיך די קאָמאַנדע. שלעסער ווערען האַסטיג געעפענט, טויערן סקריפּען, ליכט בעוויזט זיך אין אַלע פענסטער, אינמיטען הויף האָט זיך אָנגעצונדען אַ גרויסע עלעקטרישע זון. און ווייטער — טראַך, טראַך, טראַך! מען שיסט פון צעהנדליגער ביקסען. אײַלט זיך, גיכער, אַנטלויפט, דער שונא געהט נאָך! אָבער וואָס איז דאָס? וואָס איז מיט דיר, לאה? זי האַלט זיך פאַר דער זייט און הינקט עפּעס און בויגט זיך און וויל פאַלען. גאָט איז מיט דיר, קינד, וואָס איז געשעהען? זי איז פערוואונדעט? שלמה נעהמט זי שנעל אויף זיין האַנד און געהט האַסטיג ווייטער. די מוטער האַלט זיך פאַר זיינע קליידער און אַליין ציטערט זי אינגאַנצען פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַן איינגעהאַלטענעם ציטער. גיכער, אַהין, וואו ס׳איז פינסטערער. זיי זאָלען נישט דערזעהען. טראַך-טראַך! איבערן קאָפּ איז דורכגעפלויגען אַ פייערדיגער פּאַס, ס׳האָט אַ הילך געגעבען אין די אויערן ווי הונדערטער פּויקען. נו, ווייטער, ווייטער. מען קען זיך נאָך בעהאַלטען אין די גריבער נישט ווייט. קום-זשע, מוטער. קום.

פון הויף לויפען סאָלדאַטען מיט לאַמטערנעס. אָט האָבען זיי

זיך צוטײלט אויף צװײ גרופעס. אײנע רעכטס, אײנע לינקס. נעהענ-טער און נעהענטער. אָט-אָט, שוין נאָהענט. אַהאַ, געפּאַקט! נישט אײנער—גאַנצע דרײ. קומט!... איהר װעט האָבען אײער פּסק!...

## V.

אין קאָנטאָר פון טורמע ברענען לאָמפּען. בײ די װענט שטעהען סאָלדאַטען אין גרױען מיט ביקס'ן אין די הענד — און אַ מורא'דיגע רוה איז אױסגעגאָסען אויף זײערע שטײנערנע געזיכטער. גרױסע שרענק מיט פּאַפּירען שטעהען הויך ביז'ן באַלקען און קוקען אַראָב מיט אַ רוגזה: װאָס לאָזט מען זײ נישט רוהען אפילו אינמיטען דער נאַכט? אין די פענסטער קוקט אַרײן די פינסטערניש — און אין איהר פלאַמען אויף אַלע װײלע געבראָכענע בליצען.

בײם טיש זיצט דער נאַטשאַלניק. רויט דער פּנים און שטע-לעדיג די גרויע אויגען, און די װאָנסעס װי צװײ האַרטע בערשט-לעך. װאָס גלאַנצען אַזוי די קנעפּ זײנע? זײ פינקלען און שײנען, און אויף זײן שטערן ליעגט אַ שאָטען פון זײן פאַרמענעם היטעל. ער זיצט זיך רוהיג, די בעװאַקסענע הענד אויף די קניה.

— אַזוי, נחמה'קע! דאָס ביזטו אַזאַ װאַװילע. עהרליך, האַ?

נחמה שטעהט אין װינקעל, אין שאָטען, אויפ'ן צװײטען זײט טיש. איהר פּנים איז אײנגעשרומפּען, פערצױגען, װי פערדאַרט גע-װאָרען אין אײן נאַכט. טיפע טונקעלע קנײטשען שפּרײטען זיך פונ'ם מויל, פון די בלױליכע ליפּען. דער קאָפּ שאָקעלט זיך געגען איהר װילען, אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב. איבערן לײב פליהט דורך אַלע װײלע אַ שױדער. און די אויגען קוקען ערגעץ װײט און זעהען נישט גאָרנישט.

אויף דער ערד, אויף אַנ'אויסגעשפּרײטען מאַנטעל, ליעגט די טױטע לאה. זי איז איבערגעדעקט ביז'ן האַלז. דער יונגער פּנים איז אַזוי בלײך, אַזוי רוהיג. דאָס מויל האַלב געעפענט. זי שלאָפט אַ זאַנפטען שלאָף. גאָלדענע לאָקען שפּרײטען זיך אַרום איהר קאָפּ און בעריהרען די שמוציגע פּאָדלאָגע. און אַ האַנד האָט זי אויסגע-

שטרעקט—נאך א קינדערשע האנד, א ווייסינקע, א דינע, מיט לאנגע ווייכע פינגערלעך.

— און דו, בחור שענער, וואס וועסטו עפעס זאגען?

אנ'איינגעהאלטענע שנאה פילט אן די ווערטער מיט גיפט. און זיי שטעלען זיך אריין אין דער שטילקייט, ווי שטאהלענע שפיזען.

שלמה שטעהט אויסגעצויגען צווישען צוויי סאלדאטען מיט בלויזע שווערדען. בלייך דער פנים און קאלט די אויגען. אונבע-וועגליך אינגאנצען, ווי פערשטיינערט. נאר די צייהנער צונויפגע-פרעסט פעסט.

— אהא, נישט גערא טען?...

קיינער ענטפערט נישט. ס'איז שטיל. די לאמפען ברענען, די שרענק שטעהען הויך. און די ביקסען וויעגען זיך, קוים צו בעמער-קען, ביי די סאלדאטען אין די הענד.

אין די פענסטער ציגדט זיך אן אלע ווילע א געבראכענער בליץ.

די שטילקייט דויערט. עפעס א פעסטע, א הארטע בעשעפעניש, ווי א ריזיגע, בלאנקענדיגע ספרוזשינע, האט זיך אריינגעשפארט אין דער לופט פונ'ם צימער און אויסגעצויגען זיך פון איין עק ביז דעם צווייטען אינ'ם פערגליווערטען ליכט פון די לאמפען. אלעס אנגע-צויגען, אנגעשטרענגט, אנגעשפאנט. גיב א ריהר—וועט עס אנהויי-בען ציטערן און שוין נישט בלייבען שטעהן.

דער נאטשאלניק קוקט לאנגזאם אויף דער מוטער, נאכדעם אויף דעם זוהן און נאכדעם אראב—צו זיינע פיס.

אלע שווייגען.

ער שטעהט אויף און זאגט קורץ און הויך:

— ריטער אהער!

די לופט גיט זיך א טרייסעל, דאס צימער הויבט זיך אן וואקלען און וויעגען. עפעס גלאנצט און בליצט און שוועבט ארום און שטויסט זיך אן אין אלע זייטען. עפעס ווי עמיצער האט מיט א שטארקער האנד איבערגעקעהרט אלצדינג און איבערגעמישט אהן א סדר.

די מוטער קוקט אויפ'ן נאטשאלניק און אויף די סאלדאטען און אויף איהר זוהן און זעהט אלצדינג און פערשטעהט נישט.

ווערטער הערט זי — נאָר זי איז ווייט און פערשטעהט נישט.

און פּלוצים טוט זי זיך אַ וואָרף צו זיינע פיס און האַפּט אַרום זיינע קניה און רעדט:

— האַר, טו דאָס נישט, טו דאָס נישט, מיין האַר, זאָלסט זיך דאָס נישט דערוועגען צו טאָן! ער איז נישט שולדיג. ער האָט דען געוואוסט? דאָס איז איך, איך האָב אַלצדינג אויסגעטראַכט. איך האָב געמאַכט אַלצדינג. איך בין אַ מוטער. ס'איז מיין זוהן. ס'איז מיין איינציגער זוהן. ער איז נישט שולדיג. איך קען נישט לעבען אָהן איהם. האַר, ווערסט נישט טאָן דאָס. ביזט אַליין אַ פאָטער. האָסט קינדער. זאָלסט נישט געפּרובט ווערען דערצו. מיך בעשטראָף, אָבער איהם, איהם... ער איז ריין און כשר... ווי אַ טויב... האַר...

זי ווערגט זיך מיט די ווערטער און בלייבט ליעגען פאַר זיינע פיס אָהן אָנ'אָטעם, נאָר דער אַלטער קאָפּ קלאַפּט זיך אָן דער פּאָדלאָגע.

דער נאַטשאַלניק שווייגט. לאָמפּען ברענען. ביקסען פונקלען. סאָלדאַטען שטעהען ווי מצבות. די אַלטע מוטער ליעגט דערשלאָגען אויף דער ערד און קלאַפּט זיך מיט'ן קאָפּ אויף דער פּאָדלאָגע.

די שטילקייט דויערט. נאָכדעם הערט זיך דיזעלביגע רו-היגע שטים:

— ריטער!

און פון צווייטען עק צימער געהט אַנטקעגען אויך אַ זילבערע, אַ פעסטע שטים און שטויסט זיך אָן אָן דער ערשטער.

— ניין. דאָס וועל איך נישט דערלאָזען. טויטען—יאָ, שמיץ וועסטו מיר נישט געבען.

שלמה שטעהט רוהיג און קוקט פעסט אין די אויגען פון זיין פיינד. זייערע בליקען בעגעגענען זיך. פונקט ווי שווערדען טרעפען זיך, שטויסען זיך אָן, גיבען אַ קלונג. פונקען שפּריצען.

— ניין, וועסט בעקומען שמיץ.

— ניין, דאָס וועל איך נישט לאָזען.

אַ וואונק—הענד הויבען זיך, גרויע פיגורען טוען זיך אַ וואָרף אויף שלמה'ן פון אַלע זייטען, אַלצדינג ווערט איבערגעמישט, פער-פלאָנטערט אין איין געדיכטען קנויל. עפּעס טופּעט און רייבט זיך און סאָפּעט און רייסט. שלמה'ס האַנד הויבט זיך און פאַלט אויף

עמיצענס אַ קאָפּ. אַ קרעכץ. אַ פלוך. קולות ברומען, הודזען. עפּעס אַ ביקס האָט אַ גלאַנץ געטאָן פון דער זייט. פריקלאַדען פליהען אין דער הויך. קליידער ווערען צופליקט. עס טריפט שוין בלוט. די לופט ציטערט און קלינגט. די מוטער איז אויפגעשפרונגען און רייסט זיך צום ווילדען קנויל. איהרע ציטערדיגע הענד ציהען זיך אַהין. און איהרע ליפּען שעפּטשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער הערט נישט... און פלוצים:

אוי!...

אַ העלער געשריי האָט אָנגעגאָסען די לופט מיט וואַרימען בלוט. דער געשריי האָט פערדעקט אַלצדינג מיט אַ פייערדיגען מאַנטעל.

הערט שוין אויף, מערדער, גענוג שוין, ער איז שוין טויט!...

* * *

לאַנגזאַם ברומט דער וואַלד אַרום שטעדטעל. לאַנגזאַם ציהט זיך זיין וואונדערליך ליעד. עס דאַכט זיך: אַנ׳עדה זקנים, פערטריבענע פון זייער היים, זיצען ביים ברעג פון אַ טייך און זינגען צוזאַמען און דערצעהלען דער וועלט פון זייער לאַנגען לעבען, פון זייערע פערלאָשענע האָפנונגען, פון גרויזאַמע שונאים און קאַלטע קברים ערגעץ וויט, אין דער פרעמד. לאַנגזאַם ברומט דער וואַלד, לאַנגזאַם שאָקלען זיך אויבען זיינע שווערע צווייגען. אונטען איז שטיל. געלבליכע זיילען שטעהען איינע נעבען דער צווייטער און טרוימען. עמיצער אַ שטילשווייגעדיגער קוקט אַרויס פון צווישען זיי, קוקט זיך אַרום און שפּרייזט ערגעץ ווייטער. געלבע בלעטער ריהרען זיך אויף דער ערד...

צווישען די בוימער אין וואַלד שפּאַנט אַרום נחמה. איינגעבויגען, שווייגענדיג געהט זי אויף די פערלאָזענע וועגען און קוקט צו דער ערד. גרויע האָר קריכען אַרויס פון אונטערן טוך און פלאַטערן אויפ׳ן ווינט. די ציטערדיגע הענד האַלטען אַ שטעקען און טאַפּען מיט איהם דעם וועג. און איהרע אויגען קען מען נישט זעהען, ווייל זיי קוקען שטענדיג צו דר׳ערד.

גאַנצע טעג שפּאַנט זי אַרום איבערן וואַלד, געהט אַרויס צום

טייך, זעצט זיך ביים ברעג און קוקט אויף די נעלבליכע מוטנע וועלען, קוקט לאנג אהן אנ'עק. איבער איהר קאפּ רוישט דער וואלד. פאר איהרע ם גלעט די חוואליע דעם ברעג און קלאגט זיך אויף דער גרויסער מידינקייט, אויף דעם שווערען, אונענדליכען וועג.

און ביינאכט קומט די אלטע אין איהר פעולאזענע שטוב.

האלבע נאכט וויינט די שטוב. עס קומען מתים פונ'ם וואלד, און פערקוקען אין די פינסטערע פענסטער. קינדערשע נשמות הוידען זיך אויף די צווייגען. דער בוים בויגט אראב זיין אלטען פערמאטערטען קאפּ. און נחמה בעוויינט איהרע קינדער.

האלבע נאכט וויינט די שטוב, וויינט דער בוים; וויינט די וועלט ארום און ארום. און עס קלינגט דאס קול איבערן פערשלאפענעם שטעדטעל און גיסט זיך אין דער שטומער נאכט.

דער אלטער בוים שאקעלט זיך און ברומט אין טיפען טרויער:

— אויף אייביג. אויף אייביגע יאהרען.

# דער בלייבער שטראַהל.

(פון לעבען).

---

מיר האָבען געהונגערט שוין עטליכע טעג.

שטיל איז געוואָרען אין טורמע. מורא'דיג שטיל. אַנ'אימה האָט אַרומגעשפּאַנט איבער די לאַנגע קאָרידאָרען, אַריינגעקוקט אין די קאַמערס, געלאָשען די קלינגענדיגע שטימען. ס'איז געוואָרען פינסטער און קעלטער. מיר האָבען געהונגערט.

שטיל איז געווען. אַ נעץ פון פלאַטערדיגע געדאַנקען און פיבער-הייסע חלומות האָט געשוועבט אין דער לופטען, אַרומגענומען די טורמע, אַרומגעוויקעלט די קראַנקע קעפּ און געטראָגען זיך מיט אַ גלאַנץ פאַר די אויגען. אין די קעפּ האָט געקלונגען. די ווענט און די טירען האָבען זיך לאַנגזאַם געוויעגט.

מיר האָבען געהונגערט. די יונגינקע גאָלדע האָט געהונגערט צוזאַמען מיט אונז.

שוין צוויי וואָכען, זינט מ'האָט זי אַריבערגעפיהרט צו אונז. זי איז געווען נישט אינגאַנצען געזונד, און אין דער פרויען-טורמע איז געווען ענג און נאַס. האָט מען זי געבראַכט אין אונזער קאָרידאָר.

זי איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר. אויף איהר פּנים איז נאָך געלעגען דער זונענשיין פון דער קינדהייט, און אין די גרויסע בלויע אויגען איז שוין פערגליווערט געוואָרען אַ טיעפער שמערץ. צאַרט און דורכזיכטיג איז איהר פּנים געווען, און אַ משא פון האָר איז געלעגען און געדריקט אויף איהר קאָפּ. און געדאַכט האָט זיך,

אז איבער די האָר, איבער דעם ווייסען ציטערנדיגען שטערען רוהט אַן׳אַנדער משא, אַ גרעסערע און אַ פעסטערע, וואָס קיינער זעהט נישט, נאָר וואָס דריקט אָהן אַנ׳אויפהער און בויגט איהר קאָפּ צו דער ערד.

זי איז שטענדיג געווען פערטראַכט. זי האָט נישט געטרויערט, זי האָט אָבער קיינמאָל נישט געלאַכט אויף אַ קול. ווען עמיצער פון אונז פלעגט איהר עפּעס דערלאַנגען דורכ׳ן לאָך פון דער טיר אָדער איהר אַריינוואַרפען אַ פריינדליך וואָרט, פלעגט זי נאָר אַ שמייכעל טאָן שטיל און זאַנפט, ווי עס שמייכעלט אַ קראַנק קינד, און פלעגט ווייטער ווערען פערטראַכט. ווען זי פלעגט אויסשטרעקען איהרע דינ־נינקע הענד, פלעגט דורך זיי דורכלייכטען די זון, און אין די בלאָנ־דע האָר פלעגען זיך אָנצינדען זילבערנע פונקען. און געדאַכט האָט זיך דעמאָלט, אַז זי איז אינגאַנצען אויסגעוועבט פון לייכטע דינינקע שטראַהלען.

מיר האָבען ליעב געהאַט דאָס קראַנקע קינד מיט דער גאַנצער ליעבשאַפט פון איינזאַמע מענשען, וועלכע בענקען אַהיים. עפּעס איז ליכטיגער געוואָרען אין אונזערע קאַמערס, זינט זי האָט זיך בעוויזען ביי אונז אין קאָרידאָר, עפּעס איז היימליכער געוואָרען אויפ׳ן האַר־צען. „אונזער שוועסטערל״ האָבען מיר איהר אַ נאָמען געגעבען פונ׳ם ערשטען טאָג אָן. און שטענדיג פלעגען מיר קלערען, מיט וואָס צו בעשענען איהרע לאַנגע תפיסה־טעג, מיט וואָס אַרויסצורופען אַ שמיי־כעל אויף איהר בלייכען, דורכזיכטיגען פנים.

אונזער אַלטער „פילאָזאָף״ האָט איהר אויפגעהאַנגען אין קע־מערל זיין איינציג בילד „די מאַדאָנע״, וועלכע ער האָט אַזוי זאָרג־זאַם געהיט די גאַנצע צייט. מיכאַל דער אונלעגאַלער האָט ערגעץ בעקומען אַ קליינטשיק בוימעלע און עס פערפלאַנצט פון איהרעטוועגען אין אַ טאָפּ מיט ערד, און אונזער טורמע־פּאָעט, יוסף „דער בן־יחיד״, האָט איהר געווידמעט אַ שיר.

* *

*

ווען מיר האָבען בעשלאָסען צו הונגערן, איז קיינעם גאָר אויפ׳ן געדאַנק נישט געקומען, אַז זי זאָל אויך הונגערן מיט אונז;

זי איז געווען קראַנק, און קראַנקע האָבען זיך נישט געדראַפט בע־טיילינגען אין פראָטעסט. זי האָט אָבער ערקלערט, אַז זי וויל הונגערן מיט אַלע צוגלייך.

דער אַלטער פילאָזאָף האָט זיך דורכגערעדט מיט איהר דורכ׳ן לאָך. „קינד, דו ביזט שוואַך. מיר זענען געזונטע און שטאַרקע מאַנס־בילען—מיר קענען אויסהאַלטען לאַנג. דו ביזט אַ צאַרט קינד, דיך וועט דאָס צוברעכען, ווי אַ שטורמווינט אַנ׳אויסגעטריקענט צווייגעלע. דו טאָרסט דאָס נישט טאָן. מיר׳ן אַליין דורכפיהרען אַלצדינג. דו, מיט דיינע שוואַכע הענטלעך, וועסט סיי ווי נישט פערגרעסערן אונ־זער קראַפט. מיר וועלען נאָך זיין דרייסטער, ווען מיר וועלען וויסען, אַז דיר וועט קיין בייז נישט געשעהן״.

זי האָט איהם גאָרנישט געענטפערט. גלייך ווי זי האָט נישט געהערט. זי האָט נאָר געקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען ערגעץ וויים, גראָד אַנטקעגען זיך, אַקוראַט ווי דאָרט איז געווען עפּעס אַנ׳אונבעקאַנטע, וואונדערבאַרע וועלט.

און אין אָוונד האָבען מיר בעקומען אַ צעטעלע פון איהר. זי האָט געשריבען מיט אַ שוואַכער האַנד אויף אַ שטיקעל גרויען פּאַפּיר:

„איך וועל הונגערן. איך וויל נישט זיין קיין „אויסגעטריקענט צווייגעלע״, ווי דער פילאָזאָף האָט געזאָגט. איך וויל זיין אַ מענש מיט מענשען גלייך...״

מיר האָבען געוואָלט זוכען מיטלען, ווי זיך דורכצורייִדען מיט איהר נאָך אַמאָל דעמזעלביגען אָוונד, נאָר דער אַלטער האָט אַ מאַך געטאָן אין פערצווייפלונג מיט דער האַנד:

— איהר זעהט דען נישט? עס וועט נישט העלפען.

ער איז געווען גערעכט. מיר האָבען אַלע אַראָבגעלאָזט די קעפּ, און אויפ׳ן האַרצען האָט זיך אַרויפגעלעגט נאָך אַ שווערערע משא. מיר האָבען גאָרנישט געקענט העלפען.

דורך די גראַטעס האָט אַריינגעקוקט די פינסטערע נאַכט.

* * *

מיר האָבען געהונגערט דעם פינפטען טאָג. זי—אונזערע אויפ־זעהער, די „נאַטשאַלסטווע״—האָבען זיך געמאַכט ווי נישט וויסענדיג.

מיר—האָבּען שוין צופיעל אַריינגעלעגט בּלוט און מאַרך אין אונזער פּראָטעסט, אַז מיר זאָלען קענען אָבּטרעטען צוריק.

מיר האָבּען געהונגערט. פופציג לעבּעדיגע מתים בּעגראָבּען צוזאַמען אין זעקס טונקעלע קברים. פופציג האַלבּ-צומישטע, האַלבּ-צורייצטע פיבּער-קראַנקע, פערשפּאַרט אין איין גרויסען משוגעים-הויז. נאָר שטיל איז געווען אין דעם הויז, מורא׳דיג שטיל.

פון די טונקעלע ווינקלען האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט אַ שטומע, נישט-זעהענדיגע בּעשעפעניש, געשפּרייט זיך, געוואַקסען אין די קאָרידאָרען, געטאַפּט אין דער פינסטער מיט לאַנגע וואָלקענדיגע אָרימס, געגליטשט זיך דורך פערשלאָסענע טירען, אומגעקלאַמערט די מידע מענשען און געפּרעסט זיך צו זייער האַרצען, געפּרעסט און געדריקט און געזויגען, געזויגען מיט פּייכטע, גיעריגע ליפּען דאָס בּלוט.

מיר האָבּען שוין לאַנג אויפגעהערט זינגען. דער אַלטער פילאָזאָף האָט זיך נאָך אַרומגעדרעהט צווישען די בּעטלעך, נאָר זיין פּנים איז געווען ווייס ווי קרייד און האָט אויסגעזעהן, אינ׳ם ראַהם פון זיין שוואַרצער בּאָרד, ווי דאָס פּנים פון אַ מת. די איבּריגע זענען געלעגען אויף די געלעגערס פערבּיטערט, פערשמאַכט. איציק דער שניידער האָט זיך אויסגעקירעוועט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט און שוין צוויי טאָג נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. אַברהמ׳טשיק דער ווילנער האָט זיך אַלץ געקלאָגט, אַז ס׳איז איהם קאַלט, געוויקעלט זיך אין מאַנטעל און געציטערט אַזוי, אַז מיר האָבּען געהערט, ווי עס קלאַפּען זיינע ציינער. און יוסף דער פּאָעט איז געלעגען אין פיבּער און גערעדט פון היץ די גאַנצע צייט, אַלץ גערעדט און גערעדט אָהן אַנ׳אויפהער אין דער פאָרם פון אַ שיר: „פון די טיעפע טאָלען, פון די פוילע זומפּען, פון די נאַסע גריבּער האָט זי זיך בּעוויזען אין אַ קלייד אַ שוואַרצען; איהרע אויגען—מעסערס, איהרע האָר—ווי שלאַנגען, איהרע פינגער — קראַלען, איהרע שמייכלען—גיפטיג...״

אָהן אַנ׳אויפהער האָט ער געמורמעלט דעם שיר מיט אַ גלייכגילטיגען קול. און עס פלעגט זיך דאַכטען: ער רופט אַרויס מיט זיין שפּרוך עפּעס שוידערליכע בּעשעפענישען פון אונטער דער ערד:

„פון די ענגע טאָלען, פון די וויסטע וועלדער, פון די פוילע בּלאָטעס געהט זי שנעל און האַסטיג; אויף די גרינע פעלדער, אויף די יונגע לאָנקעס שפּרייט זי שוואַרצע זאָמען, שיט פער׳סמ׳טע קער-

נער צווישען ווייכע גראָזען, צווישען צאַרטע בלומען... פון די פוי־לע זומפּען האָט זי זיך בעוויזען..."

ער האָט גע'חזר'ט די ווערטער אָהן אַנ'עק; זיינע שטאַרע גלעזערנע אויגען האָבען געקוקט אָהן בעוועגונג אין איין אָרט, און די ווערטער האָבען זיך געשאָטען און געשאָטען, ווי טראָפּענס רעגען אויף אַ בלעך...

גאָלדע איז געלעגען אין איהר קעמערל און אַ פּערקלערטער שמייכעל האָט געשוועבט אויף איהרע ליפּען. איהר פּנים איז נאָר געוואָרען אַ ביסעלע דינער, דער האַלז — מאָגערער, און דער קוק— טיעפער און פערטראַכטער. די זון פלעגט אַריינשיינען דורך די גראַ־טעס און גלעטען איהר בלאָנדען קאָפּ און אויסשפּרייטען אַ וואַרימען שימער אויף איהר גאַנצען קערפּער.

ווען איינער פון אונז האָט זיך פער'גנב'עט צו איהר טיר און געפרעגט, וואָס זי מאַכט, האָט זי אויפגעהויבען אויף איהם איהרע גרויסע ליכטיגע אויגען און אַ פריידיגע האָט אַ גלאַנץ געטאָן אויף איהר פּנים.

— אָ, זעהר גוט. איהר זעהט,—איך לייד גאָרנישט. כ'האָב געמיינט, עס וועט זיין ערגער.

אין איהר קול האָט געקלונגען דער שטאָלץ פון נצחון.

• •

•

און אזוי איז אַוועק דער פינפטער און דער זעקסטער און דער זיעבעטער טאָג. אויפ'ן אַלטען האָט דער אַלטער פילאָזאָף זיך אויך אַוועקגעלעגט, און אין טורמע איז געוואָרען נאָך נעשפּאַנטער אַלצ־דינג. איצט האָבען פיעלע גערעדט פון היץ, און די שטילע לופט פלעגט אָפּט ווערען דורכגעלעכערט פון אַ פיינליכען געשריי.

די טורמע איז געוואָרען איין פיבערהאַפטער שטראָם. דער שטראָם האָט פערחאַפּט אַלעמען, געזויענט זיי, געהוידעט אויף זיינע ברודיגע וועלען און געטראָגען, געצווינגען אַלץ ווייטער און ווייטער. שטיקלעך אָבגעריסענע געדאַנקען, ברעקלעך צופליקטע, צעוואָרפענע חלומות, אָבגעזונדערטע זכרונות. צוקנייטשטע בילדער זענען געשוואַ־מען אין דעם שטראָם און געטראָגען זיך איינס נאָך דעם אַנדערן,

און געשפּאַרט זיך, געשטויסען, גערדעהט און געאײַלט זיך אַלץ פאָרווערטס.

קיין הונגער איז שוין לאַנג נישט געווען. מענשען האָבען אויפגעהערט צו פיהלען אַ וועהטאָג; מענשען האָבען זיך געטראָגען געשווינד און אַלעמאָל געשווינדער ערגעץ אַראָב, אין אַ טיעפען תהום. בליץ-שנעלע געדאַנקען פלעגען פלוצים אַ לייכט געבען, דורשניידען דעם וויסטען תהו-ובהו און תיכף נישט בלייבען, און אויף זייער אָרט פלעגען זיך ווידער צינדען בלייכע, פאַלשע פייערלעך, טאַנצען, הויבען זיך, לייכטען מיט אַ שוועבעל-גלאַנץ און פערשווינדען און זיך ווייטער בעוויזען. דער מוטנער שטראָם האָט זיך געגאָסען אַלץ ווייטער, גערוקט זיך, גערוישט און געקייקעלט זיך געשווינד, געשווינד. אָט נעהמט ער שוין מיט זיך די ווענט פון דער טורמע, אָט שווימט זי—אינגאַנצען די טורמע, עס שווימען די טירען, די פענסטער מיט די גראַטעס, עס שווימען די קאַמערס. אַלץ רוקט זיך אַלעמאָל נידריגער, אַלעמאָל טיעפער, גליטשט זיך, וויעגט זיך און בלייבט נישט—און נאָר יוסף דעם בן-יחיד׳ס קול לאָזט זיך הערען נאָכאַנאַנד: „פון די פוילע זומפען, פון די נאַסע גריבער, פון די טיעפע טאָלען האָט זי זיך בעוויזען אין אַ קלייד אַ שוואַרצען; איהרע אויגען—שפּיזען, איהרע האָר—ווי שלאַנגען, איהרע פינגער—קראַלען; שוואַרצע זאָמען זייהט זי, טויטע קערנער שפּרייט זי, טרעט די יונגע בלומען, טויט די גריצ׳ן לאַנכעס. לעשט די בלייכע שטערן...״

די טעג זענען געגאַנגען אונבעמערקט, די צייט האָט זיך אָבגעשטעלט. עס פלעגט זיך דאַכטען: די גאַנצע וועלט איז געוואָרען קראַנק, די גאַנצע וועלט דרעהט זיך און טאַנצט אַ משונה׳דיגען טאַנץ.

גאָלדע איז געלעגען אין איהר קעמערל אַ פערקלערטע. זי האָט אויסגעזעהן, פונקט ווי זי הערט זיך איין אין עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳טוט זיך אינוועניג אין איהר, און פונקט עס אַרט איהר נישט גאָרנישט אַרום און אַרום. אויפ׳ן גרויען טורמע-געוואַנד זענען געלעגען איהרע שווערע האָר און געלויכטען ווי אַ גאָלדענע קרוין, און אויף די ליפּען פלעגט אַרומשוועבען אַ פערטראַכטער שמייכעל. אין איהר קעמערל איז געווען מעהר ליכט, ווי אין אַנדערע, און די בייזע געשטאַלטען האָבען, דאַכט זיך, נישט געוואָגט אַריבערטרעטען איהר שוועל. זי איז געווען רוהיג און שטיל.

# אלגין.

מיר האָבען גערוהט. אויפ'ן נײַנטען טאָג האָבען זײ זיך אונטערגעגעבען. מיר האָבען געוואונען אַ שפּאַן פרײַהײט און טורמע. מיר האָבען אַ ביסעלע לינדער געמאַכט אונזערע קײטען.

ס'איז געוועזען האַלבער טאָג, ווען זײ האָבען אויפגעעפענט די טירען פון אונזערע קאַמערס. מיר האָבען ווײטער געקענט געהן אײנער צום צווײטען, פערזאַמלען זיך אַלע אין אײן קאַמער. מיר האָבען ווידער אײַנגעפיהרט אונזער אַלטע „טורמע-רעפּובליק”, און דער פילאָזאָף איז ווידער אויסגעשטעלט געוואָרען בראש פון דער גאַנצער „געמײנדע”.

די שוואַרצע הונגער-געשטאַלטען זענען נאָך נישט אינגאַנצען פערשוואונדען. נאָך האָבען געפּאַקט זײערע פליגעל אין דער לופטען, נאָך האָט דער קאַלטער שוידער אַלעמאָל אַ ריהר געטאָן אונז, פאַרבײַגעהענדיג, מיט זײַן אָטעם. נאָך איז די טורמע געוועזען ווי אין פיבער. אָבער ביסלעכווײז האָט שוין אָנגעהויבען זיך בעווײַזען אַ פאַרב פון פרײד אויף די בלײכע געזיכטער, ביסלעכווײז האָבען אָנגעהויבען רוהיגער גלאַנצען די אויגען.

מיר האָבען זיך פערזאַמעלט אין אײן קאַמער. „אונזער שוועסטערל” איז אויך געוועזען מיט אונז. זי האָט שוין קײן כח נישט געהאַט צו געהן, האָבען מיר זי אַריבערגעטראָגען אויף די הענד און בעהיטזאַם אַוועקגעלעגט אויף אַ בעטעל.

זי האָט זיך כמעט גאָר נישט געביטען, נאָר צאַרטער, דינער, אײדעלער איז זי געוואָרען פאַר די טעג. אין אַ ווײַסינקער בלוזקע מיט קורצע אַרבעל און מיט אַנ'אָפענעם האַלז האָט זי אינגאַנצען אויסגעזעהן ווי אַ קינד, און עפּעס קינדערשעס איז געוועזען אין איהר שמײכעל און אין די שוואַכע בעוועגונגען פון איהרע הענד. גערעדט האָט זי ווייניג, נאָר געהערט האָט זי אויפמערקזאַם אַלצדינג, וואָס מיר האָבען גערעדט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי שפּירט אין אַלע ווערטער עפּעס אַ פערבאָרגענעם זין, וועלכען קײנער קען נישט בעמערקען.

זי האָט זיך נישט געקלאָגט — זי פיהלט זיך גוט, האָט זי געזאָגט. נאָר עפּעס האָט געשוועבט אַרום איהר קאָפּ, עפּעס האָט

אַרויסגעקוקט פון די גרויסע, צו גרויסע, טונקעל-געוואָרענע אויגען, עפּעס האָט געלויערט אין די ווינקלען פונ'ם מויל, אַזוינס, וואָס האָט אונז אַלעמען אָנגעריהרט מיט אַ קעלט און געמאַכט קלעמען דאָס הארץ. צו שטיל איז געוואָרען צווישען אונז, ווען מיר האָבען זי דערזעהן.

בערל פריקאָזשטשיק האָט געוואָלט פערטרייבען דאָס אַלגעמיינע געדריקטע געפיהל. ער האָט געזאָגט מיט אַ געמאַכטער פרעהליכ-קייט און מיט אַ צו הויכען קול:

— אָט, אַ וואויל מיידעל. אויסגעהאַלטען, אויף מיינע נאמנות. בעסער, ווי אַנ'אַנדער בחור. מאַלאַדיעץ, גאָלדע!

נאָר זיינע ווערטער האָבען נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג. דער אַלטער פילאָזאָף האָט אויף איהם נייגיריג אַ קוק געטאָן און אַראָפּ-געלאָזט די אויגען, און גאָלדע אַליין האָט שטיל פאַר זיך אַ שמייכעל געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

וועגען הונגער האָבען מיר שוין מעהר דעם טאָג נישט גערעדט, אַקוראַט ווי אָפּגעמאַכט וועגען דעם צווישען אונז.

מיר האָבען געזונגען אַ ליעד, און זי האָט שטיל נאָכגעזונגען פאַר זיך, אַזוי שטיל, אַז מיר האָבען קוים געקענט הערען איהר קול. נאָכדעם האָט מיכאַל דערציעהלט איינע פון זיינע כשוף-מעשיות, וועלכע מיר האָבען אַזוי ליעב געהאַט צו הערען. עמיצער האָט דערלאַנגט גאָלדען זיין אַלבאָם מיט בילדער, און זי האָט אין איהם געבלעטערט מיט איהרע דינע פינגערלעך און לאַנג געקוקט אויף יעדעם בילד. איינער האָט איהר געבראַכט די פערטריקענטע בלומען, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינע ביכער נאָך פון פאַראַיאָהריגען זומער, אַנ'אַנדערער האָט איהר געגעבען דאָס ליעדער-ביכעלע מיט'ן שענעם איינבונד, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג בעקומען „פון דער פרייע".

זי איז ביסלעכווייז פרעהליכער געוואָרען, און איהר שטים איז געוואָרען אַ ביסעל זיכערער און קלינגענדיגער. זי האָט זיך אפילו אויפגעהויבען אַ ביסעל אויפ'ן געלעגער, כדי צו קענען בעסער אָנ-קוקען די בילדער.

און אַזוי איז זי אָפּגעלעגען ביי אונז דעם גאַנצען טאָג. ווען די זון האָט אָנגעהויבען פערגעהן און דער טורמע-אומעט האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען אריינגיסען דורך די פענסטער, האָבען מיר זי

וועקגעטראָגען אין איהר קאַמער. זי איז געווען היים ווי פייער און אויף איהרע באַקען האָבען זיך בעוויזען צוויי רויטע גליהענדע פלעקען...

* *

*

אין דריי וואָכען אַרום איז זי געשטאָרבען. ביסלעכווייז, ווי א ליכט, האָט זי אָנגעהויבען אויסגעהן פאַר אונזערע אויגען, אָהן קרעכצען, אָהן געשרייען, ביסלעכווייז, יעדע שעה, יעדע מינוט.

אַלץ ווי פריהער איז געווען קלאָר און צאַרט איהר שטערן, אַלץ ווי פריהער האָט געפינקעלט דאָס גאָלד פון די האָר, און ריין און איידעל איז דער פּנים געווען. נאָר אַלעמאָל איז זי געוואָרען מעהר פערטראַכט, מעהר פערזונקען אין טרוימען-געדאַנקען.

מיר האָבען געזעהן, ווי זי געהט אויס. מיר האָבען גאָרנישט געקענט העלפען.

זי איז, ווי פריהער, געווען שטיל און זאַנפט און פלעגט יעדען בעגעגענען מיט איהר ליבען שמייכעל. נאָר ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבען אַרויסקוקען מעהר וועהטאָג פון דעם שמייכעל, און צום סוף פלעגען מיר שוין נישט וויסען, צי שמייכעלט זי, צי האַלט זי זיך איין פון געוויין.

געוויינט האָט זי קיינמאָל נישט. ווען מיר פלעגען זי פרעגען, ווי פיהלט זי זיך, פלעגט זי אָנשפּאַרען אָן געלענער איהרע דאַרע, קלאָר-ווייסע הענד און זיך מיהען אויפהויבען דעם קאָפּ:

— אָ, גאָרנישט, ס'איז מיר גאַנץ גוט.

אָפטמאָל פלעגט נאָך אָבקלינגען אין די ווערטער א בעהאַלטע-נער שטאָלץ.

געשטאָרבען איז זי אינמיטען דער נאַכט. ס'איז געווען פינסטער און שטיל אַרום און אַרום. נאָר ערגעץ ווייט, פון יענער זייט פענ-סטער האָט עפּעס לאַנגזאַם גערוישט, און מ'האָט נישט געקענט וויסען, צי שאָקלען זיך דאָס בוימער, צי פליסט ערגעץ און מור-מעלט א טייכעל. זי איז אויסגעגאַנגען זאַנפט און רוהיג, נאָר די לעצטע שעה האָט זי אַלעמאָל איבערגעדרעהט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און איהרע ליפּען האָבען עפּעס געשעפּטשעט פאַר

זיך. יוסף דער פּעט האָט נאָכדעם דערצעהלט, אַז ער האָט גע־הערט, ווי זי האָט אַ פּאָר מאָל אויסגערעדט: „מאַמע״.

זי איז געשטאָרבען. טיעף האָבען מיר אַראָבגעלאָזען אונזערע קעפּ און שטום געזעסען אַרום איהר טויטען קערפּער אין דער פינ־סטערער נאַכט. יוסף האָט אָנגעשפּאַרט אין ווינקעל דעם קאָפּ צו דער וואַנט און געחליפּעט און געשטיקט זיך מיט׳ן געוויין. פון יענער זייט וואַנט האָט דעם וועכטערס פייפעל זיך געקלאָגט.

ס׳איז געווען נאַכט אַרום און אַרום.

# אין פריהלינג.

(פון לעבען).

---

דער פריהלינג איז געגאַנגען, געשאָטען מיט בלומען, געוועבט זונענשיין צווישען הימעל און ערד, געגלעט, געהאַליבעט די וועלט מיט ווייכע שמעקעדיגע ווינטלעך — די וועלט איז ווידער געוואָרען יונג.

די ערד האָט זיך געדרויכערט, ווי אַ מזבח. ווייכע וואָלקענדלעך פלעגען זיך הויבען פון איהר, שווימען אין בלויען רוים און צוגעהן — און דערפון פלעגט די לופט ווערען נאָך רייגער און קלאָרער. פאַסען גאָלד האָבען זיך געצויגען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען, און ביינאַכט פלעגען פלאַטערן חלומות אין דער לופטען און זינגען און ציהען דאָס האַרץ.

דער פריהלינגס־ווינט האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם הויכען פאַרקען מיט די שטעכיגע טשוועקעס, אַריבערגעשוואומען דעם ברייטען גרויען הויף, אַריין דורך די פערזשאַווערטע גראַטעס צו אונז אין די קעמערלעך און דערוואַרימט די פערגליווערטע שטילקייט. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען מיט נייעם כח.

מיר זענען געווען יונג. אונזער האַרץ האָט נאָך פריהלינג געלעכצט. דער געדאַנק האָט אַרומגענומען וועלטען. מיר האָבען געוואָלט אַרױן — אַהין צו אונזערע ברידער, וואָס בויען דאָס לעבען . . .

אונרוהיג איז געוואָרען די טורמע. אין דער שטילקייט פלעגען זיך ציהען אונזיכטבאַרע פעדים פון איין קאַמער צו דער צווייטער. עפּעס האָט פיבערהאַפט אַרומגעשוועבט אין דער לופטען. ביינאַכט

פלעגט די פינסטערניש זיין פול מיט א שטילען, איינגעהאלטענעם קלאפען. אקוראט ווי טויזענטער קליינינקע העמערלעך האבען עפעס געשמידט בסוד־סודות: טאק־טאק! טאק־טאק־טאק!

דער ערשטער מאי איז געקומען אלעמאל נעהענטער. אונ־זער יום־טוב! דער טאג פון פרייהייט און ליכט. מיר האבען זיך געגרייט.

* *

*

אין דער נאכט פאר דעם ערשטען מאי האט יעקב געהאלטען זיין רעדע. מיר אלע זענען געשטאנען נעבען די פענסטערלעך און געהערט.

די נאכט האט פערגאסען הימעל און ערד מיט איין טונקעלען ים. די שטילקייט האט גערוהט אין אלע ווינקעלעך און זיך איינגע־הערט שארף, אהן שלאף. אויף די טונקעלע חוואליעס האבען די קלארע, ריינע קלאנגען געוויעגט זיך און געשוואומען ערגעץ ווייט.

יעקב האט גערעדט. זיין סאמעטענער קול איז געווען טיעף און העל און געשפרייט זיך איבער דעם פינסטערן הויף און ארומ־גענומען דעם בנין געגענאיבער. דארט אויפ'ן אנדערן עק הויף, איז געווען די פרויען־טורמע. קיין ליכט איז אין די פענסטער נישט געווען, קיין שארך איז נישט אריבערגעקומען צו אונז, נאר מיר האבען, דאכט זיך, געהערט דעם איינגעהאלטענעם אטעם פון אונ־זערע געפאנגענע שוועסטער, געזעהען, ווי עס בליצען אין דער פינסטער זייערע אויגען.

די שטערען האבען געפינקעלט אויפ'ן טיעף־בלויען הימעל. די שטילע נאכט האט ארומגענומען די טורמע און געהערט.

יעקב האט גערעדט מיט זיין הארציגען קול. פון ליעבע, פון לעבען, פון ליכטיגער פרייהייט, פון אייביגען שלום האט ער גע־רעדט אין דער פער'חלום'טער פריהלינג־נאכט. מיר זענען געשטאנען יעדערער אין זיין שטייגעל, צוגעדריקט דעם שטערען צום קאלטען אייזען פון די גראטעס, און געדאכט האט זיך אונז: פערשוואונדען די גראטעס, פערשוואונדען די טורמע. נישטא שוין קיין טורמעס, נישטא שוין קיין קייטען, קיין ליידען, קיין טרערען, קיין ביטערער

יאוש, קיין פּיין; יונג איז די ערד און ליכטיג און שיין, ווי אַ קינד אין פריה־מאָרגען. און די מענשען זענען יונג און פול מיט לעבענס־קראַפט. אַ פרייד בליצט פון די אויגען, אַ פרייד אין די ליעבע גע־וואַנגען; אַ פרייד איז די אַרבייט, דאָס שאַפען, די רוה. און מענ־שען־ברידער שמידען ליכטיגע געדאַנקען און בויען פון זיי אַ לייטער און שטייגען צום הימעל אַרויף...

מיר האָבען אַלע געהערט. פאַר אונזערע אויגען זענען וואונ־דער געשעהען. אינמיטען דעם פינסטערען הויף, אַט דאָ גלייך פאַר אונזער טורמע, האָט אַ פייערדיגע זייל זיך געהויבען, געוואַקסען, געוואָרען העכער, רויטער, גליהענדיגער, געשאָטען פונקען אין אַלע זייטען, געטריבען די נאַכט און געלעגט אַ פורפור־רויטען אָבגלאַנץ אויף די ווענט פון דער טורמע.

יעקב האָט גערעדט. דער גרויסער טאָג פון בעפרייאונג האָט געלויכטען אין זיינע קלינגענדיגע ווערטער.

— עס וועט קומען די גרויסע מלחמה. אין פייער און פלאַם וועט דער מענש פון אַרבייט בעשאַפען די נייע וועלט. אין פייער און פלאַם וועט אויסגעברענט ווערען דער זשאַווער, דער שימעל, דער שמוץ פון דעם לעבען. דער מענשליכער דור וועט אַראָבוואַרפען פון זיינע פליגעל די בלייערנע משא, און פריי און ריין וועט אַרויס פון דעם קערקער זיין שאַפענדער גייסט...

די נאַכט איז געלעגען פערטרוימט איבער אונז. ווי ליכטיגע פאַסען האָבען זיך געצויגען אין דער פינסטער די רייד פון קאַמפף און בעפרייאונג.

* *
*

און אויף מאָרגען, דעם ערשטען מאַי, איז דער הימעל געווען לויטער און די זון לאַכענדיג און די לופט ווי אָבגעוואַשען, און אויף די ווענט פון אונזערע קעמערלעך האָבען געשפּיעלט זיך, געשטיפט און געטאַנצט ליכטיגע קליינינקע זון־פלעקען. צעהן אַ זייגער זענען מיר שוין אַלע געווען נעבען די פענסטער, געקוקט אין הויף אַריין און געוואַרט.

די הערצער האָבען געקלונגען מיט גרויסע גליקער. דאָס בלוט

אין די אָדערן האָט גערווישט און געהאַמערט, דער יום־טוב איז גע־קומען. היינט איז אונזער טאָג. היינט וועלען מיר ווייזען, אַז אַייזערנע גראַטעס און שטאָהלענע שלעסער קענען נישט פערשמירען דעם מענשענס נשמה, וואָס רייסט זיך צו לעבען און אַרבייט.

צעהן אַ זייגער איז די פרויען־טורמע אַרוים שפּאַצירען אין הויף. די פרויען פלעגען שפּאַצירען אַלע צוזאַמען — ווייל די וועכטער האָבען זיי נישט גערעכענט פאַר אַזוי געפעהרליך, ווי אונז. זיי פלעגען אויך האָבען מעהר פרייהייט אין די ווענט פון דער תפיסה. געהענדיג שפּאַצירען אין דעם קלענערען הויף אַריין, פלעגען זיי דורכגעהן יעדען טאָג גאָר נאָהענט נעבען דעם טויער, וואו מיר זענען געזעסען.

היינט האָבען זיי זיך אַלע מיט אַמאָל אָבגעשטעלט פאַר אונזערע פענסטער, ווי ס'איז געווען אָבגערעדט פון פריהער. די צוויי וועכטער זענען אויך געבליבען שטעהן, צומישט, אונענטשלאָסען. פון ערגעץ האָט מען אויסגערופען: חברים! אין איין רגע איז אַ הייסער שטראָם דורכגעלאָפען איבער דער גאַנצער טורמע און גע־מאַכט אונז אַלעמען פאַר איינס. איין ווילען, איין געדאַנק, איין האַרץ־קלאַפּען אין הונדערט אָבגעצוימטע שטייגלעך. איין קאָכיגער, פיבערהאַפטער ענטשלוס. אַט האָבען די פרויען שוין אויפגעהויבען אַ רויטע פאָהן. פון יעקב'ס קאַמער האָט זיך אַרויסגערוקט אויף אַ לאַנגען שטעקען אַ צווייטע. אונזער יום־טוב...

שטימען רופען... עמיצער אַ גרויסער רייסט אַרוים פון די פיעלע פענסטערלעך אַ גאַנצע מחנה געשרייען און שליידערט זיי האַסטיג אין הויף אַריין. און די געשרייען, אויסגעמישטע, פערפּלאָנטערטע, שפּרינגען אויף, דערהויבען זיך צוריק און שטויסען זיך אָן אָן אונזערע ווענט. עפּעס האָט געפּלאַצט אַ מחיצה, עפּעס אַ טייך האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע ברעגען מיט אַ רעש און אַ ברומען. און שוין הויבט זיך פון צווישען דער צורודערטער מחנה געשרייען אַ ליעד, אַ גלאַטס און אַ מוטיגס און אַ שיינענדיגס...

די טורמע זינגט. די גאַנצע טורמע איז געוואָרען איין ריעזיגע האַרפּע. פון אַלע פענסטערלעך גיסען זיך טענער, שליסען זיך צו־זאַמען, הויכע און נידעריגע, העלע און מאַטע, נעהמען זיך אַרום און פליהען ווייטער — אין דעם העלען רוים פון דעם פריהלינגס־פריהמאָרגען. אַ האָפנונג גלאַנצט און שימערט, ווי אַ רעגענבויגען,

און ווי די וואָלקען הינטער דעם רעגענבויגען פּיהלט זיך הינטער די מוטיגע טענער בעהאַלטען אַ שטילער אומעט, אַ לאַנגאַנגענדיגער וועהמאַג.

אונזער יום־טוב אין תפיסה. אונזער פריהייטס־ליעד אין די קראַלען פונ'ם שונא!

שוין רוקט ער זיך, דער שונא, פון אַלע זייטען. אַ ראָטע סאָלדאַטען איז אַריין אין הויף און פערנומען איהם פון דריי עקען. אין קאָרידאָר הינטער אונזערע פּלייצעס הילכען שווערע, האַסטיגע טריט פון אַ סך מענשען. ערגעץ שפּיעלט אַ טרומייט אַ סיגנאַל.

די מיידלעך אונטען שטעהען און זינגען. אין העלע יום־טוב־דיגע קליידער און מיט רויטע שלייפלעך אויף דער ברוסט זעהען זיי אויס ווי פערבלאָנדזשעט אַהער אין הויף אַריין פון אַן אַנדער, אַ לע־בעדיגער וועלט. די פאָהן פלאַטערט, די אויגען לייכטען. אונזער געזאַנג וואַקסט און ווערט הייסער. נאָך איין מינוט, נאָך איין קורצע מינוט.

מען געהט שוין. שווערע, אומדערבאַרעמדיגע טריט. הילכיגע, טרוקענע קאָמאַנדאָ־רופען. עס קומט שוין.

מיר זינגען. זאָל זיין, וואָס עס וויל. די מינוט געהערט נאָך אונז. מיר פּיהלען, מיר שטרייטען—ס'זאָל לעבען דער יום־טוב! ס'זאָל לעבען דער ליכטיגער פריהלינגס־פריהמאָרגען!

אין דער עקסטער קאַמער גרילצט שוין דער שלאָס. דער שונא איז דאָ.

ס'זאָל לעבען דער יום־טוב!

# געזעגענט.

(אַ בילד).

דער וואָקזאַל איז נאָך אויף. אַ קורצע שטילקייט אינמיטען דער אַרבייט, ווי אַנ'אָברוה צווישען איין חוואַליע און דער צווייטער. דאָס לעבען האָט נישט אויפגעהערט, נאָר דער פּולס זיינער קלאַפּט רוהיגער און שטילער.

אין וואָקזאַל ברענען לאָמפּען. מענשען זיצען בּיי די ווענט און שווייגען. שפּיגלען הענגען, און אין יעדען שפּיגעל ברענען לאָמפּען און ציהען ווייסע ליכטיגע פּאַסען.

אין עק, נעבען טישעל, האָבען זיך אַנידערגעזעצט צוויי יונגע מענשען. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ און קוקט ערגעץ וויט. זי האָט זיך צוגערוקט נאָהענט צו איהם און קוקט איהם אין פּנים. בּיידע יונג, אין די יוגענד פינקעלט פון די אויגען און לעגט אַרויף אַנ'אָבּגלאַנץ אויף די האָר.

אין וואָקזאַל איז שטיל. מענשען זיצען בּיי די ווענט און ריהרען נישט מיט קיין אבר. ליידיג און ליכטיג.

— דו וועסט שרייבען?

— איך ווייס נישט. ס'איז געפעהרליך. מען קען נאָך דאָ געוואָהר ווערען, וואו איך בין.

זיי שווייגען ווייטער. איינזאַם, אָבגעטיילט פון די מענשען. די שטילקייט פלעכט צווישען זיי בּיידע אַ געוועב און פערשפּרייט עס אין דער העלער לופט. זי האָט זיך צוגערוקט נאָך נעהנטער צו

איהם און גלעט שטילערהייד זיין האַנד. געדאַנקען בליצען אויף אין די אויגען און ווערען פערלאָשען.

דער שפּיגעל אויף יענער זייט צימער האָט זיי אַריינגענומען אין זיך און וויל זיי פערשטעלען מיט ווייסע פּאַסען פון ליכט. די צייט לויפט — און יעדער טריט איהרער קלינגט ווי האַרמאָנישע זילבערנע גלעקלעך.

— שוין באַלד צייט.

— נאָך צעהן מינוט.

עפּעס טוט אַ ציטער צווישען ביידע, ווי דער קרעכץ פון אַ סטרונע, ווען זי רייסט זיך איבער. אַ שטראָם הייסע בענקשאַפט טוט זיך אַ גאָס און פערפלייצט זיי. זי זיצט און גלעט מעכאַניש זיין האַנד און פיהלט נישט, אַז זי גלעט.

— וועסט נישט זיין דאָרט אַליין?

ער ענטפערט נישט. זי וואַרט נישט אויף זיין ענטפער. ביידע שווימען אויף איין אונרוהיגער חוואַליע. עפּעס ריהרט זיך אינווייניג און קלאַפּט אַזוי שנעל. די צייט פערגעהט.

— מיין פריינד...

די ווערטער בלייבען שטעהן אין איהר האַלז. זי מוז שווייגען, אַז נישט וועט זי אָנהויבען שרייען אויף אַ קול און רייסען אויף זיך די קליידער.

ער דריקט איהר האַנד. און זיין פעסטע וואַרימע האַנד זאָגט איהר: זיי מוטיג! דו זעהסט — איך בין רוהיג. געוועזן שווערערע צייטען.

די צייט געהט. די לאָמפּען שלאָפען אין די טייכען פון ווייסען ליכט. דער וואָקזאַל איז אַרומגעצוימט אַרום און אַרום מיט פינסטערניש — און שווייגט.

זיי געהען אַרויס אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. נאַכט, דער שניי פאַלט. אַ געדיכטער שניי וועבט אויזערן אויף דעם טונקעלען דעקטוך פון יער נאַכט. די שנייעלעך פליהען האַסטיג און שטיל און קענען איינס פאָם אַנדערע נישט דעריאָגען. ערגעץ הויך אין דער לופט ברענט אַ גרינער לאַמטערן איינער אַליין, ווי אַ פערגעסענער.

עס פייפט. מענשען קומען אויף דער פּלאַטפאָרם. מענשען אייִלען און רעדען שנעל, און די ווערטער זענען אָבגעריסענע און ווערען פערלאָשען אויפ׳ן אָרט. די נאַכט הערשט. די מענשען

שוועבען, ווי די שאָטענס, און לאָזען נישט איבער קיין שפור.

זיי שטעהען האַנד אין האַנד. אויף איהרע גאָלדענע האָר לעגען זיך דינינקע שנייעלעך און ווערען צוגאַנגען און פינקלען, ווי בריליאַנטען. דער יונגער פנים איז שאַרף אויסגעטאַקט, ווי פון איידעלען מאַרמאָר.

די צייט לויפט. די פינסטערניש ליגט אַזוי שווער. עפּעס ריהרט זיך אינווייניג אין דער פינסטערניש, עפּעס פּרובט זיך אויפ־הויבען און קען נישט, פּרובט זיך שרייען — און דאָס קול ווערט דערשטיקט אין דער ברוסט, נאָר עס אָטעמט שווער און אונרוהיג, ווי אַ מענש אין שלאָף, ווען ער זעהט בייזע חלומות.

דער שניי פאַלט. וויסע ריהרעוודיגע נעצען פּילען אָן די לופט—און די לופט איז געדיכט און דערהויבט זיך ווי אַ וואַנט.

עס קלינגט. איינס נאָכ׳ן אַנדערן פאַלען די טענער און שניי־דען די נאַכט. פון די קלאַנגען ווערט עפּעס ליכטיגער און אונרו־היגער אויפ׳ן פלאַטפאָרם. דער גאַנצער בנין האָט זיך אָבגערופען מיט אַן׳איינגעהאַלטענעם אָבקלאַנג.

און ווייטער שטיל—און ווייטער איינזאַם. זי דריקט זיין האַנד און ציטערט פון קאָפּ ביז די פיס.

די נאַכט הערשט. אָט קוקען שוין צוויי גרויסע ברענענדיגע אויגען פון דעם שוואַרצען תהו־ובהו. אָט קומען זיי שוין. גרויסע, פלאַמענדיגע אויגען, נעהנטער און נעהנטער. די ערד ציטערט. די נאַכט קרעכצט. דער בנין ברומט און הודזעט. שטרענגע, בעפעה־לענדע אויגען. עס ברענט אין זיי אַ פרעמדער, בעהערשענדער כח.

ווידער קלינגט עס.

— מיין איינציגער פריינד!...

זיי פאַלען איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן האַלז און ווערען פער־שטיינערט אויף איין קורצער רגע. קיין זיפץ, קיין וואָרט. איין קער־פּער, איין אָטעם. די הערצער קלאַפּען, און איין הארץ פיהלט דאָס קלאַפּען פון דעם צווייטען.

— זיי געזונד!

ער שטעהט אין וואַגאָן. זי קען קוים דערקענען זיין פנים דורכ׳ן פערפרוירענעם פענסטער. זיין פנים זעהט אויס אַזוי פרעמד; נאָהענט און ווייט.

זי שטעהט און ריהרט זיך נישט. די רעדער קלאַפּען און

רוישען. עפּעס שווימט פאַר די אויגען אַ ליכטיגס, אַ פינסטערס, עפּעס שווימט און פליסט אַלעמאָל ווייטער, אַלעמאָל שנעלער. זי זעהט און זעהט דאָך גאָרנישט.

זי שטעהט אין דער פינסטער. דער שניי פאַלט. דער וואָק-זאַל קוקט אַרוים מיט די ליכטיגע פענסטער. די פינסטערניש אָטעמט שווער און קען נישט ווערען רוהיג. די צייט געהט...

זי שטעהט אַליין. שנייעלעך בעדעקען איהרע גאָלדענע האָר און טוען זי אָן אין אַ זילבערנע קרוין. שניי-נעצען וויעגען זיך אַרום איהר און פלעכטען זייערע וואונדערבאַרע אוזאָרען. זי שטעהט און רעדט עפּעס פאַר זיך און הערט אַליין נישט, וואָס זי רעדט;

— בלייב לעבען, בלייב לעבען...

דער שניי פאַלט.

# רבקה.

(א פורים'דיגע ערצעהלונג, דערצעהלט פון אנ'אלטען אגיטאטאר).

---

איהר, היינטיגע חברה, איהר קענט אפילו קיין השגה נישט האבען, ווי מיר האבען געלעבט מיט פיער-פינף יאהר. צוריק דאכט זיך, א קורצע צייט, אבער צוקוקען זיך—איז היינט אפילו קיין דמיון נישט צו דעם, וואס איז געווען אמאל.

איהר זאגט: ס'איז היינט אויך ביטער. אודאי, ווער קען דען זאגען, אז ניין. אבער אפילו די שלעכטסקייט איז גאר פון אנ'אנדער סארט. שטעלט אייך פאר א טייך, וואס איז געווען חדשים לאנג פערקאוועט אין אייז; געקומען א ווארים ווינטעלע, צושמאלצען דעם שניי, איבערגעפלט מיט וואסער דעם טייך, דאס אייז האט געפלאצט, צובראכען געווארען אויף שטיקלעך, אויף פיצעלעך, און אוועקגעשוואומען, וואו די וועלט האט אנ'עק. ווארים, זומער-לעב קומט. און פלוצלונג—א פראסט, פערצויגען דעם טייך אויף דאס ניי מיט א הייטעל פון אייז. הא, ווי מיינט איהר? טאקע ווידער אייז, אבער ס'איז שוין גאר נישטא דער פריהערדיגער גלאנץ, נישטא נישט די פעסטקייט, נישט די קעלט. און אין דער לופטען שמעקט פארט עפעס יונגס.

אט אזוי איז דאס, ברידער, מיט דער היינטיגער צייט.

מיר, אין יענע יאהרען, האבען נאך קיין פריהלינג נישט געשמעקט, מ'איז געלעגען אונטערן פרעס און מ'האט געפיהלט, ווי עס דריקט אייך א משא פון בערג. אבער טאקע אמת'ע בערג, שווערע, טויזענדיעהריגע בערג. געדריקט און געשטיקט.

ווייסט איהר, פאַרוואָס איהר, הייגטיגע, זענט אַזוי צודרעהט און צוקאָכט? ווייל איהר האָט עס שוין געזעהען, דאָס היילינע לאַנד, פנים אל פנים, איהר האָט עס שוין שיער־שיער נישט אָנגעטאַפּט מיט אייערע אייגענע הענד. און אַז מ׳האָט פּלוצלונג פערהאַקט פאַר אייערע אויגען דעם טויער און געזאָגט אייך: שטעה, עד פה תבוא, זענט איהר געוואָרען זעהר ברוגז און אַ יאוש האָט פערהאַפּט אייער הארץ. מיר, אין יענע צייטען, האָבען נאָך אפילו קיין טויערן פאַר אונז נישט געזעהן, דאָס לאַנד פון פרייהייט האָט געלעבט און געשינט נאָר אין אונזערע חלומות. מ׳האָט געהאַט בטחון, מ׳האָט געהאַט אמונה, אַז די גאָלדענע צייטען וועלען ווען עס איז קומען. אָבער קיינער האָט כמעט נישט געגלויבט, אַז ער אַליין וועט דאָס דערלעבען צו זעהן.

דערפאַר איז טאַקע דער, וואָס פלעגט קומען צו אונז, שוין געוועזען אַן־אייגענער מיט׳ן גאַנצען לייב און לעבען. מ׳האָט שוין מפקיר געוועזען אַלצדינג. מ׳האָט שוין אויסגעטאָן זיך פון אַלצדינג, מ׳האָט פאַר זיך אַליין אויף קיין שום זאַך נישט געוואַרט: מ׳איז געגאַנגען, ווייל מ׳האָט געגלויבט און געהאָפט.

דערפאַר אָבער געפיהלט האָט מען זיך אַזוי ווי קיינער פון אייך האָט זיך קיינמאָל נישט געפיהלט. שטעלט אייך פאָר אַ קופּקעלע מענשען, אָבגעטיילט פון אַלעמען, פערבאָרגען אין דער פינסטער — און אַנטקעגען זיי אַ גאַנצע וועלט, אַ גרויסע פיינדליכע וועלט. דאָס פלעגט פון אונז אַלעמען מאַכען איינס. איין משפחה זענען מיר געווען, איין פייערל האָט געפלאַקערט אין אַלע, איין שנור פלעגט צוזאַמענבינדען אַלע — אויף לעבען און טויט. און דערין איז געווען אַזאַ תענוג, אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מין גרויסער פערגעניגען, אַז, איך זאָג אייך דעם אמת, איך בענק איצט אויך נאָך יענער צייט. פערפאַלען, צוריק וועט זי שוין נישט קומען.

יאָ, איז וואָס־זשע האָב איך אייך אָנגעהויבען דערצעהלען? געווען איז ביי אונז, אין אונזער חברה, איינס אַ מיידעל מיט׳ן נאָמען רבקה. געווען איז זי אַלט אַ יאָהר צוואַנציג, נאָר אַ קוק געבען אויף איהר, וואָלט איהר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז זי איז עלטער פון פופצען יאָהר. אַ קינדערש פנים׳ל האָט זי געהאַט, מיט אַ פּאָר ריינע קינדערשע אויגען, מיט אַ קלאָרען שטערען, ווי זילבער. און ווען זי פלעגט זיך אָנטאָן ווי אַ גימנאַזיסטין, אין אַ ברוין קליידעל מיט

אַ פאַרטוך , און פלעגט פערפלעכטען די צעפּ אַרום דעם קאָפּ , ווען עס טוען גאָר יונגינקע מיידעלעך, און פלעגט זיך געהן אַזוי איבער נאַס, פלעגט מען קענען גלויבען, אַז זי לערנט זיך נאָך אין פינפ׳טען קלאַס, אַז זי טראַכט וועגען קאָנפעטען און זאַמעלט אַנזיכטס׳קאַרטען, און אַז זי האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעהערט שפּיעלען אין ליאַלקעס. עס פלעגט זיך נישט גלויבען, אַז דאָס איז אַן׳ערנסטע רעוואָלוציאָנערקע, מיט אַ פעסטען ווילען און אַ שאַרפען קוק.

און געווען איז זי אַן׳אמת׳ע רעוואָלוציאָנערקע. קיין סך אַזוינע איז צווישען אונז אַפילו דעמאָלט נישט געווען.

וואָס פאַר אַ כח ס׳איז געלעגען אין איהר — וואָלט איך נישט געקענט זאָגען עד היום. געווען אי געבילדעטערע פון איהר, אי אפשר קליגערע אויך, געווען אַזוינע, וואָס האָבען מעהר געזעהען און מעהר געלעבט. נאָר אַז זי פלעגט קומען ערגעץ, פלעגט ווערען עפּעס גרינגער אויפ׳ן האַרצען, פונקט ווי מיט איהר איז אָנגעקומען אַ ליכטיגע בשורה. עפּעס פלעגט זינגען אין דער נשמה, ווען מען פלעגט זי דערזעהן, און נישט נאָר ביי מיר—ביי אַלעמען, ווער עס האָט זי געקענט. געווען ביי אונז ברוך — אַ מענש אַן׳אַייזען, וועלכער פלעגט חדשים־וויין נישט שמייכלען און נישט ריידען קיין איבעריג וואָרט. אזאַ טבע האָט ער געהאַט. קום איך איינמאָל צו איהם און טרעף איהם, ווי ער זיצט און שמועסט לעבעדיג מיט רבקה׳ן— און דוקא גאָר נישט וועגען דער אַרבייט—און ווייזט איהר אַלטע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זענען געלעגען ביי איהם אויפ׳ן דעק פון׳ם קאַמטען. די פאָטאָגראַפיעס האָט, דאַכט זיך, קיינער, אַ חוץ רבקה׳ן, ביי איהם נישט געהאַט די זכיה צו זעהן.

ווער שמועסט יונגערע חברים — איז שוין אודאי נישטאָ וואָס צו ריידען. אַ פּאָר מאָל איז איהר אויסגעקומען עפּעס אָבטראָגען אין דרוק. אין דרוק, ווייסט איהר דאָך, זעהט מען נישט קיין לעבעדיגען מענשען, אַרויסגעהן טאָר מען נישט, צו גאַסט קומט נישט קיינער, די אַרבייט פערמאַטערט. מען זיצט, ווי אין טורמע. אַז רבקה פלעגט צו זיי קומען, איז דאָס געווען אַן׳אמת׳ער יום־טוב. „רבקה, רבקה״, פלעגען זיי נישט אויפהערען זי רופען, אַקוראַט ווי דער נאָמען רבקה אַליין איז זיי געווען אַ פערגעניגען אויסצורייידען. און נאָכדעם, ווען זי פלעגט אַוועקגעהן, פלעגט נאָך אַלץ עפּעס שיינען ביי זיי אין די אויגען.

אָט וועגען דער רבקה'ן וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס ס'האָט זיך איהר געטראָפען איינמאָל אין פורים.

איהר דאַרפט וויסען, אַז וועגען רבקה'ן איז בײַ אונז שטענדיג געווען אַ מחלוקת, וואָס מען זאָל איהר געבען צו טאָן. געוען איז זי אַ גוטע אַגיטאַטאָרקע, אַ געבוירען פאַר קאָנספּיראַטיווע געשעפטען. פלעגען איינע זאָגען: ס'אַנ'עבירה אַזאַ גאָלדענעם מענשען, מיט אַזאַ מויל און אַזאַ פעדיגקייט, אַוועקגעבען אויף טעכנישע זאַכען; די אַנדערע פלעגען אָבער טענה'ן, אַז דאָרט, וואו מען דאַרף גרויסע פאָרזיכט און אַ קלאָרען ישוב-הדעת, איז בעסער פון רבקה'ן נישט צו געפינען. דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי פלעגט אי אויפ'ן בירזשע זיך אַרומדרעהען, אי אויף פערזאַמלונגען געהן, אי ליטעראַטור פלעגט זי איבערפיהרען פון שטאָדט צו שטאָדט.

איהר וועט זאָגען: דאָס איז געגען דעם שלחן-ערוך פון קאָנספּיראַציע? איז טאַקע אמת, אָבער וואָס אַנדערע טאָרען נישט, דאָס האָט רבקה געמעגט, וואָרום זי, האָט מען געוואוסט, וועט זיך אַרויסדרעהען פון אַלע בלאָטעס. דערויף איז זי געווען אַ בריה.

בײַ אונז צווישען עולם פלעגט אַרומגעהן אַ גאַנץ צעטעל מיט מעשות, ווי די רבקה האָט אַרויסגעוויזען איהרע „שמד-שטיק". איינמאָל איז זי געפאָהרען אין וואַגאָן מיט אַ פעקעל און האָט דערפיהלט, אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַטיג: עס פאָהרען „קוקערס". וואָס טוט אַ מיידעל? זי רוקט זיך צו צו אַנ'אַלטער פריצטע (פאָהרען פלעגט זי שטענדיג אין צווייטען קלאַס), פערפיהרט מיט איהר אַ שמועס און ווערט מיט איהר אין אַ קורצער צייט גאָר נפש-אחת. די פריצטע—מהכי תיתי, אַ יונג קינד, פאָהרט אַליין, אַ יתומה, און אַזאַ וואויל קינד, אַ קלוגס און אַ שענס — איז טאַקע מיט איהר אַ פערגעניגען צו רעדען. האָבען זיי אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ס'איז אָנגעקומען צו דער שטאָדט. פון דעם וואַגאָן איז מען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען, ווי אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. רבקה האָט געטראָגען דער פריצטעס אַ קעסטעל און די פריצטע אַליין געפיהרט אונטער דער האַנד, און רבקה'ס פעקעל צוזאַמען מיט דער פריצטעס איבעריגע זאַכען האָט געטראָגען אַ טרעגער. נו, אָנגעקומען אויפ'ן וואָקזאַל, זענען אַנטקעגען דער פריצטע אַרויסגעגאַנגען איהרע צוויי זיהן, איינער אַ טשינאָווניק, דער אַנדערער אַ ציווילער. די פריצטע האָט זיי פאָרגעשטעלט רבקה'ן. געוואָרען אַ שמועס. נאָכדעם איז מען

צוזאַמען אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין. ווי מיינט איהר? וועט מען זי שוין טשעפען? די „קוקערס" האָבען זיך געמוזט זאָגען, אַז זיי האָבען געהאַט אַ טעות...

אַנ'אַנדערס מאָל האָט זי אָבגעטאָן נאָך אַ גרעסערע שקצ'עריי. ס'איז איהר, פערשטעהט איהר מיך, שוין טאַקע געלעגען דער הלף אויפ'ן האַלז. זי איז געפאָהרען אין וואַגאָן און האָט געוואוסט, אַז מיט איהר צוזאַמען פאָהרט אַ חברה־מאַן, וועלכער וועט זי פאַקען, ווי נאָר זי וועט אַרויס אויפ'ן וואָקזאַל. טרעפט אָבער, אַז אין וואַגאָן, וואו זי איז געזעסען, איז אַריינגעקומען אַנ'אָפיציר און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען איהר. מסתמא מאַכט די קליינע מיט איהם באַלד אַ שמועס. און אָפיצירען, ווייסט איהר דאָך: אַבי אַ נקבה. ווער שמועסט — אַזאַ שענינקע און אַ יונגע און נאָך אַ געבילדעטע דערצו. אויף ריידען איז זי גראָד געווען אַ חוואַט. נו, רעדט מען אַהער אַהין, דער אָפיציר פרובט זיך טאָן אַ שטיף — די קליינע מאַכט זיך, ווי עס טוט איהר גרויס הנאה. ווערט ער נאָך מעהר צוגעזאָטען. געהט ביי זיי אַזוי דער שמועס, ווי צווישען אַלטע בעקאַנטע. מען וויצעלט זיך, מען רעדט און מען לאַכט. אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן איז מען געאָרעמט — דער אָפיציר האָט געטראָגען איהרע זאַכען — און ביידע זיך אָבגעשטעלט אויף דערזעלבער אכסניה. נו, פערשטעהט איהר דאָך, אַז ס'האָט זי קיינער נישט געסמייעט צו טשעפען. געקומען אויף דער אכסניה, האָט זי געזאָגט דעם אָפיציר, אַז זי געהט אויף איין מינוט זיך קויפען עפּעס אין די קראָמען. פערשטעהט איהר שוין, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען און איז צוריק נישט געקומען.

אָט אַזאַ מין „שפּירט" איז געווען אָט דאָס מיידעל.

* *

*

יאָ, האָב איך אייך געוואָלט דערצעהלען, וואָס האָט זיך מיט איוזר געטראָפען אין פורים.

אַ טאָג פאַר פורים האָבען מיר אָבגערעדט צו מאַכען אַ „ליאַמע", איהר, הייַנטיגע, ווייסט מסתמא אַפילו נישט, וואָס אַ ליאַמע איז. ווי קומט איהר דאָס וויסען? ס'הייסט אַפילו, אַז איך וועל אייך

זאָגען: אַ „וועטשערינקע", אַ מין „באַל", מיינט איהר, איהר וועט שוין טאַקע גוט פערשטעהן, וואָס אַ ליאַמע איז געווען! זאָג איך אייך, אַז ס'הויבט זיך גאָר נישט אָן. מ'האָט גדאַרפט לעבען, אַזוי ווי מיר האָבען געלעבט, מ'האָט גדאַרפט חדשים־ווייז ליגען אונטער דר'ערד, חדשים־ווייז זיך קאַכען אין דעם קעסעל פון אונטערערדישער אַרבייט, חדשים־ווייז אַלץ טראַכטען און קלערען און זאָרגען נאָר וועגען איינס, כדי מ'זאָל נאָכדעם דערפיהלען דעם אמת'ן טעם פון אַזאַ מין וועטשערינקע. עפּעס אַ מין מתיקות, עפּעס אַזאַ האַרצעדיגער פערגעניגען איז געווען אין אַזוינע אָווענדען, ווען יעדערער פלעגט אויפהערען זיין אַ שרייפעלע אין דער גאַנצער מאַשינעריע, און דער מענש פלעגט קענען אויף אַ רגע דערפיהלען זיך אַליין. נישט אומזיסט האָבען מיר אַלע ליעב געהאַט אַזוינע ליאַמעס. דאָס זענען געווען אונזערע יום־טובים, אונזערע קורצע, אָבער העלע און שיינענדיגע מאָמענטען פון מענשליכער פריינדשאַפט.

האָבען מיר, הייסט עס, אָבגערעדט מאַכען אַ ליאַמע, אַ טאָג פאַר פורים. עס וואָלט בעסער געווען אָבלעגען אויף פורים צו דער סעודה, האָבען מיר אָבער פורים געוואָלט מאַכען עטליכע פערזאַמלונגען, ווייל דעמאָלט איז דער עולם פריי. איז געבליבען מאַכען די ליאַמע אַ טאָג פריהער.

רבקה האָט אויף דער ליאַמע, אייגענטליך, נישט געטאָרט זיין, וואָרום אויף מאָרגען האָט מען זי געוואָלט שיקען אין אַ שטעדטעל מיט אַ פעקעל „שמות". און אַ כלל איז געווען, אַז ווער עס דאַרף ערגעץ פאָהרען, דאַרף זיצען האָטש צוויי טעג פריהער אין דער היים, כדי צו „אָבריינינען" זיך וויפיעל נישט איז. אחוץ דעם איז גלאַט אַרום איהר קוואַרטיר נישט געווען ריין. ס'הייסט, אויף קלאָר האָט מען דאָס נישט געוואוסט, נאָר אַ חשד איז געווען. אורציק אַליין האָט געזאָגט, אַז ער האָט נעבען איהר הויז געזעהן אַ „חברה־מאַן", און אַז אורציק זאָגט, האָט מען איהם געמעגט גלויבען: דערוויף איז ער געווען אַ בריה.

וואָס איז דאָס דעמאָלט געווען מיט דער קליינער — זאָל מיך אַזוי נישט וויסען קיין בייז. שטענדיג פלעגט זי זיין אָבגעהיט און פלעגט נישט טאָן דאָס, וואָס מען האָט נישט געטאָרט. אַ קאָפּ האָט זי געהאַט — דאָס איז נישטאָ וואָס צו ריידען. דאַסמאָל איז אַזוי ווי עפּעס אַ נישט־גוטער אין איהר אַריין. אַלצדינג האָט זי געטאָן

קאפויר. נאָר-וואָס די ליאַמע האָט זיך אָנגעהויבען, עלטשיק האָט זיך שוין געגרייט דעקלאַמירען זיינע לידער—אַהאַ, די טהיר עפענט זיך און זי איז דאָ. סטייטש, רבקה, דו טאָרסט דאָך נישט? לאַכט זי: פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָרען? ס'איז דאָך עפּעס היינט אַ ליאַמע, און פאַר אַ ליאַמע בין איך גרייט אָבצוגעבען דעם מלכ'ס אוצר. זאָגט איהר אורציק: רבקה, ס'איז דאָך ניט קיין קאַטאָוועס. ענטפערט זי: איך טרייב גאָר ניט קיין קאַטאָוועס. איך מיין גאָר, אַז עס ווערט אַמאָל נמאס: זיך אַלץ היטען און היטען.

פערשטעהט איהר מיך: אַזוינע שטיק פלעגט זי מאַכען ניט זעלטען. אַ מענש איז זי געווען אַ גאָלדענער, נאָר אַמאָל פלעגט איהר אַריינקומען אַ פאַנטאַזיע אין קאָפּ, פלעגט מען זי ניט קענען איבעררעדען, האָטש שריי גוואַלט. „רבקה'ס משוגעת'ן" האָט דאָס ביי אונז געהייסען. מיר האָבען שוין געוואוסט, אַז דאָס בעסטע איז—ניט פּרובען זי איבעררעדען, זאָל זי זיך אַליין „אויסטשולען", וועט זי מודה זיין, אַז זי איז געווען ניט גערעכט. אַזוי איז שוין געווען מיט דער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די אָרגאַנען. איצט האָט זי זיך, אַפּנים, גענומען פאַר דער קאָנספּיראַציע. זי איז געווען, דאַרפט איהר וויסען, צו אַ לעבעדיגער מענש. יונג בלוט קאָכט און שוימט און לאָזט ניט רוהען. פלעגט זי אָנהויבען קריטיקירען. קיין גרויס עגמת-נפש האָבען מיר דערפ̈ון ניט געהאַט, וואָרום רבקה בלייבט רבקה—דאָס האָבען מיר געוואוסט. אַנ'איינענער מענש איז זי געווען און אַנ'איינענער מענש איז זי געבליבען ביז'ן סוף.

וואו זשע האַלט איך? יאָ, זי איז געקומען אויף דער ליאַמע. שוין געקומען—פערפאַלען. מען האָט נאָר אַרויסגעשיקט אורציק'ן זעהען, צי האָט זי ניט געבראַכט עמיצען מיט זיך. אורציק איז געקומען און געזאָגט, אַז ס'איז „ריין". די ליאַמע איז זיך געגאַנגען ווייטער.

איהר מיינט אפשר—אויף אונזערע ליאַמעס פלעגט זיין פרעהליך? האָט איהר בפירוש אַ טעות. טרינקען פלעגט מען טאַקי טרינקען, וואָרום קען דען זיין אַ שמחה אָהן משקה, אָבער שכור פלעגט מען ניט ווערען. נאָר די צונג פלעגט ווערען אַ ביסעל פרייער. מענשען פלעגען אָנהויבען ריידען אַזוינע זאַכען, וואָס געוועהנליך, ניכטערהייד, פלעגען זיי אפילו ניט וויסען, אַז עס ליגט אין זיי פערבאָרגען אַזוינע זאַכען. מענשען פלעגען פשוט ווערען מעהר עהנליך צו זיך אַליין. אפשר דעריבער פלעגען מיר טאַקי אַזוי ליעב האָבען אָט די ליאַמעס.

שטעלט אייך פאָר: שפּעט ביינאַכט, אַ ווינטער-נאַכט, אין דרוי-סען זיז קאַלט און פראָסטיג, און דאָ, אינוויינינג, איז ליכטיג און וואַרים, נאָר טאַקי וואַרים, ניט נאָר פאַר׳ן גוף, נאָר פאַר דער נשמה אויך. מענשען אייגענע מענשען, זיצען און ריידען גרופּעסווייז, און איהר פּיהלט, איהר זעהט, דאַכט זיך, בחוש, ווי ליכטיגע פעדים ציהען זיך פון איין מענשען צום אַנדערן, ווי אַלע ווערען אַרומגעפלאָכטען מיט אַ קרוין פון שטראַהלען, און דערפון ווערט נאָך ליכטיגער און נאָך וואַרימער אויף׳ן האַרצען.

אויף די ליאַמעס האָט זיך יעדער געהאַט זיינע שמועסען. יע-דער האָט גערעדט פון דעם, וואָס עס טוט איהם מעהר וועה.

אַלבערט דער אינטעליגענט האָט געהאַט זיין מכה—די בילדער. ער האָט, פערשטעהט איהר מיך, שטודירט אַ שטיק צייט אין אויס-לאַנד, געלעבט אין פּאַריז און אין מינכען, האָט ער זיך דאָרט אָנגע-זעהען אין די גאַלעריעס מיט בילדער. ער האָט ליעב געהאַט די בילדער, ווי עמיצער האָט ליעב די אייגענע קינדער, און פלעגט פון זיי דערצעהלען אַזוי, פונקט ווי ער האָט אַליין זיי אויסגעטראַכט פון זיין קאָפּ, פונקט ווי ער האָט זיי אַרומגעטראָגען ביי זיך אין דער נשמה און געקרענקט און געמוטשעט זיך ביי דער שעפערישער אַרבייט. ער אַליין פלעגט אויך ליעב האָבען צו מאָלען און קענער האָבען געזאָגט, אַז עס איז אין איהם פערפאַלען געוואָרען אַ גרויסער טאַלאַנט. אויף די ליאַמעס, ווען ער פלעגט ווערען אַ ביסעלע „בגלופין", פלעגט ער אָנהויבען דערצעהלט פון די גרויסע מייסטערס.

שרה פון דער שניידערשער סקאָדקע פלעגט זיך האָבען איהרע בעזונדערע שמועסען. איהר פלעגט זיך דאַכטען, אַז די אַרבייט געהט צו פּאַמעליך, אַז מען ריהרט זיך גאָר ניט. איהר טעמאַ איז געווען שטענדיג: „דירעקטע טאַט". ווען זי פלעגט ווערען אַ ביסעל „ניט אין זיך", פלעגט זי אַריין אין אַ שוואַרצער מרה-שחורה און רעדען מיט ברענענדיגע פינסטערע אויגען: „וואָס טויג אונז אונזער אַרבייט? ניט מיר געהען, מיר קריכען, ניט מיר אַרבייטען, מיר טאַפּטשען זיך אויף איין אָרט, מיר דאַרפען פליהען—און מיר זיצען און קלערה־ען און אַמפערן זיך און פערלירען אומזיסט די גאָלדענע מינוטען". גילטערהייד פלעגט זי פון אַזוינע זאַכען ניט ריידען.

הכלל, יעדער האָט זיך געהאַט זיינס. אין יעדען איז עפּעס געלעגען אַזוינס, וואָס ס׳פלעגט זיך בעטען אויף דער פריי און פלעגט

אויסניצען די ערשטע געלעגענהייט, כּדי צו בעווייזען זיך אויף דער ליכטיגער וועלט. גרשון פריקאַזטשיק האָט ליעב געהאַט צו ריידען, וועגען דער אינווענינגסטער איינזאַמקייט פונ׳ם מענשען; און שמעין דער לעהרער האָט מיט אַ בעזונדער ליעבשאַפט דערצעהלט די שבחים פון זיין „מאַלאָראָסיע״, וואו ער איז אויסגעוואַקסען און וואו עס האָט נאָך געלעבט זיינע אַ שוועסטער. הערען זיינע מעשׂיות, פלעגט אויסקומען, אַז אין ערגעץ איז דער הימעל ניט אַזוי קלאָר און אַזוי לויטער, אין ערגיץ איז דאָס וואַסער ניט אַזוי קלאָר, דער וואַלד ניט אַזוי געדיכט, די בלומען ניט אַזוי שמעקענדיג און די מיידעלשע פּנים׳ער ניט אַזוי בליהענד, ווי אין זיין קליין־רוסישער היים.

דעמאָלט, אין יענעם אָווענד, איז זיך די ליאַמע געגאַנגען, ווי געוועהנליך. עלטשיק האָט דעקלאַמירט, שרה האָט געזונגען, גרשון האָט דערצעהלט איינע פון זיינע „מעשׂה נורא׳ס״ (ער האָט געהאַט זיי אַ גאַנצען פּאַק). אַלצדינג איז געווען ווי כּסדר. נאָר רבקה איז געווען, ווי פערביטען. עפּעס אַ מאָדנע ווילדע פרעהליכקייט האָט געפלאַקערט מיט העלע פלאַמען אַרום איהר געזיכט, עפּעס אַנ׳אויס־געלאַסענע הייסקייט האָט זיך געגאָסען פון איהרע אויגען. געטרונקען האָט זי כּמעט גאָרנישט, נאָר אויסגעזעהען האָט זי, ווי פער׳שכּור׳ט, און אַלץ געמאַכט בעוועגונגען מיט די הענד, ווי איינער קלויבט זיך פליהען, און גערעדט און גערעדט.

שען איז זי געווען—ניט פריהער און ניט שפּעטער האָב איך זי אַזוי ניט געזעהען. דאָס פּנים פלאַמט, די אויגען רופען און בעטען און זינגען, און אינגאַנצען זעהט זי אויס אַזוי, ווי ניט דאָס מיינט זי, וואָס זי רעדט. זי האָט אַזוי געבעטען, מיר זאָלען זינגען אין כאָר, און אַז מען האָט איהר אָנגעהויבען דערווייזען, אַז דאָס טויג ניט, וואָרום מען קען דערהערען אין דרויסען, האָט זי זיך פּלוצלונג צולאַכט און אָנגעהויבען ריידען מיט היץ:

— גענוג שוין, איך קען שוין מעהר ניט טראָגען. דאָס בלוט האָט זי שוין אויסגעזויגען פון מיר—אייער קאָנספּיראַציע. שטענדיג זיך היטען, טאָג ווי נאַכט זיך אַרומקוקען, טאָג ווי נאַכט זיך אַרום־טראָגען מיט׳ן פּעקעל סודות, אוי, האָט דאָס מיר שוין דערעסען! גענוג שוין. איך וועל אַרויסגעהן אין מיטען העלען טאָג און וועל אָנהויבען שרייען אויף אַ קול: דאָס בין איך—איך, רבקה די רעוואָ־לוציאָנערקע. נעהמט מיך, טוט מיר, וואָס איהר ווילט—איך קען שוין

מעהר נישט שוויינען. איך קען שוין ניט, גענוג שוין, האַקט מיך, בראָקט מיך, פערשיקט מיך, טוט מיר וואָס איהר ווילט, איך האָב שוין ניט קיין כח זיך צו היטען...

אַט אַזוי האָט זי גערעדט, ווי ניט אין זיך; די ווערטער האָבען זיך געשיט ביי איהר, געגאָסען, און מ'האָט געזעהען—זי וויל זיך איינהאַלטען און קען ניט.

מילא, אונזער חברה איז זיך ניט געגאַנגען מיט איהר שפּאַרען. מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז עס שטעקט דערינען ניט קיין גרויסע סכנה. און ווידער צוריק: ביי יעדען פון אונז איז געווען אַ סך פון וואָס צו רעדען. יעדערער האָט זיך געהאַט זיין „פינטעלע״, וואָס ס'האָט וועה געטאָן אין דער נשמה. האָבען מיר זיך אויסגעלערנט ניט ווערען אויפגעבראַכט, וואו יענער רעדט אַזוינס, וואָס ס'דאַכט זיך אונז קאַפּויר.

די ליאָמע איז זיך געגאַנגען, ווי איהר שטייגער איז, אָבער געענדיגט האָט זי זיך מיט אַ בהלה. ס'איז געקומען צו לויפען אַ יאַט פון דער שטאָדט און האָט געזאָגט, אַז פאָליציי געהט,—מיר זאָלען וואָס גיכער אַוועקגעהן פון שטוב. כף-הוה, מיר זענען זיך נאָר וואָס צוגעגאַנגען, די בעל הבית'טע האָט נאָך ניט אוספּייעט אָבריימען פונ'ם טיש—איז געקומען אַ גאַנצע חאַליאַסטרע מיט שפּיאָנעס און מיט אַ זשאַנדאַרמסקע. געפונען האָט מען ניט קיינעם, און ס'האָט אויסגעזעהען, אַז זיי האָבען אַליין ניט געוואוסט וועמען זיי זוכען, נאָר פאַר אונז איז דאָס געווען אַ בעוויז, אַז די מעשה איז ניט גלאַטיג: מסתמא האָט דאָס רבקה פערשלעפּט עמיצען מיט זיך. מען האָט זיך שוין געדאַרפט היטען נאָך שטאַרקער ווי ביז אַהער.

* *

*

פרומע יודען זאָגען: איין זינד שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע. אַפּנים דאָס אייגענע איז מיט די חטאים געגען קאָנספּיראַציע. דאַכט זיך, רבקה,—אַ מענש ניט קיין געלטיגער, מען דאַרף איהר די צונג ניט פּיקען. יעדערער פערשטעהט, אַז נאָך אַזאַ מעשה האָט זי ניט געדאַרפט פאָהרען אויפ'ן אַנדערן טאָג מיט'ן פּעקעל „מצות״ אין דעם שטעדטעל, דאָס הייסט—אַליין קריכען אין פייער. געה אָבער,

טו עפעס מיט איהר. ווי אַ שד איז אַריין אין דער קליינער. זי האָט זיך מיט קיינעם קיין עצה ניט געהאַלטען, קיינעם ניט געזאָגט גאָרנישט: גענומען דאָס פעקעל און אַוועק צום וואָקזאַל. ווי אויף צו להכעיס.

אפשר האָט זי זיך צופיעל פערלאָזט אויף איהר בריה'שקייט, און אפשר—ווער ווייסט—אפשר האָט אין איהר נאָך געברויזט דאָס נעכטיגע משוגעת.

הכלל, זי איז אָנגעקומען אין דעם שטעדטעל, ווען ס'איז שוין געוואָרען נאַכט. אין באַהן פאָהרענדיג האָט זי זיך אַרומגעקוקט, נאָר זי האָט ניט בעמערקט קיינעם, וואָס ס'זאָל אויף איהם קענען פאַלען אַ חשד. אַזוי האָט זי נאָכדעם אַליין דערצעהלט. אויף איין סטאַנציע איז איהר אויסגעקומען זיך איבערזעצען אויף אַנ'אַנדער צוג,—זי האָט ניט בעמערקט, אַז עמיצער זאָל זיך איבערזעצען מיט איהר, זי איז געווען זיכער, אַז קיינער פאָהרט איהר ניט נאָך.

דאָס שטעדטעל איז געלעגען אַ וויאָרסט פיער ווייט פונ'ם וואָקזאַל. זי האָט גענומען אַ פוהרעל, אַרויפגעלעגט דאָס רענצעל מיט די פּראָקלאַמאַציעס און זיך געהייסען פיהרען אין שטאָדט אַריין.

דער וועג ציהט זיך דורכ'ן פעלד. ס'איז שטיל און פרידליך און נאָכ'ן טומעל פון דער גרויסער שטאָדט דאַכט זיך דאָ די שטיל-קייט אַזוי היימיש און פריינדליך. די לבנה שיינט, די לופט איז קיהל און ריין. עס ווערט אַזוי שטיל און אַ ביסעל טרויעריג אויף דער נשמה. און אַלצדינג אַרום און אַרום דאַכט זיך אַזוי ניי — בעקאַנט און דאָך ניי.

מילא, ניט דאָס בין איך אויסען. אַ לבנה-נאַכט מיט אַ קליין פרעסטעלע, ווען דער הימעל איז טונקעל-בלוי און עס שמעקט שוין מיט פריהלינג פון אונטער דעם שניי, און מען ווייסט, אַז אָט באַלד וועלען יודישע קינדער שוין אָנהייבען באַקען מצות, און אָט נאָך אַ ביסעלע וועט שוין קומען דער פסח,—שטילע, פערחלומ'טע נעכט, ווער פון אונז האָט ניט גענאָסען דעם צויבער פון זיי! רבקה איז געפאָהרען און געקוקט אַרום זיך אינ'ם דינעם פינקעלדיגען נעבעל און אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט מיט איהר יונגער ברוסט, און געפיהלט דעם שיין פון דער לבנה אויף איהר פנים. און ס'האָט זיך איהר אויסגעדאַכט: זי איז געקומען אַהיים נאָך אַ לאַנגען נע-ונד זיין, און די ליעבע היים שטרעקט איהר אויס איהרע הענד. פונ'ם

פעקעל „מצות” האָט זי גאָר פערגעסען, און דאָס גאַנצע לעבען איהרם אין דעם קעסעל-גריב פון דער גרויסער שטאָדט האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, ווי אַ פערשוואונדענער חלום.

און הינטער איהר, ניט ווייט, אויך אויף אַ פוהרעל, איז נאָכגעפאָהרען אַ שפּיאָן. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט—האָט זי דער-פיהלט, אַז עמיצער פאָהרט איהר נאָך. זי האָט געהייסען דעם פוהרמאַן פאָהרען פּאַמעליך: דער קאָפּ, זאָגט זי טוט איהר וועה. יענעס פוהרעל האָט אויך אָנגעהויבען פאָהרען פּאַוואָליע. נאָכדעם האָט זי געהייסען פאָהרען גיכער: הינטער איהר האָט דאָס אַנדערע פוהרעל אויך אָנגעהויבען פאָהרען גיכער. יענער, דער שפּיאָן, האָט זיך געהאַלטען אַ ביסעל דערווייטערט פון איהר, נאָר אַזוי, אַז ער האָט זי געקענט ניט אַרויסלאָזען פונ'ם אויג.

זיא איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער. אפשר נאַרט זי זיך, האָט זי געמיינט, אפשר דאַכט זיך איהר אויס. אין מיטען פעלד איז סיי ווי סיי ניט געווען וואָס צו טאָן. אַרויסוואַרפען דאָס רענצעל—וועט אי דעם פוהרמאַן ווערן קשה, אי יענער, הינטען, וועט דערזעהען. איז ביי איהר געבליבען—זי מוז פאָהרען אין שטעדטעל אַריין. דאָרט וועט זי זעהען, וואָס זי האָט צו טאָן.

דאָס אַנדערע פוהרעל איז נאָכגעפאָהרען נאָך איהר.

אַריינגעפאָהרען אין שטעדטעל, האָט זי זיך צוצאָהלט מיט דעם פוהרמאַן, אַראָבגעכאַפּט דאָס רענצעל און גיך זיך גענומען געהן איבער אַ געסעל. וואוהין—האָט זי אַליין ניט געוואוסט. גערעכענט האָט זי: שמאָלע געסלעך, פּע־פּלאָנטערטע, זי וועט זיך דרעהען אַ ביסעל, וועט זי איהם „אָנוועהרען” און וועט קענען געהען אויף דער קוואַרטיר, וואו מען האָט אויף איהר געוואַרט. אַזאַ „מאַנעווער” פלעגט אַמאָל אָבגעראָטען גאָר ניט שלעכט.

עס איז אָבער אַוועק ניט מעהר ווי צעהן מינוט—אַהאַ, זי הערט שוין, עמיצער געהט איהר נאָך. זיך אומקוקען, ווייסט זי, לוינט ניט, כּדי יענער זאָל ניט דערזעהען, אַז זי האָט איהם בעמערקט. נאָר זי האָט זיך אַפילו ניט געדאַרפט אומקוקען: זי איז געווען געניט און האָט נאָך די טריט אַליין געקענט וויסען, אַז מען געהט איהר נאָך.

אַגב איז דאָס גאָר ניט געווען אַזאַ גרויסע בּריה'שקייט צו דערקענען אין אַזאַ צייט. אין שטעדטעל איז געווען פּוסט. פּורים

צו דער סעודה. אַלע זיצען זיך אין דער היים. אויפ'ן גאַס ניטאָ קיינער. טריט הילכען אויף דער האַלב-פערפרוירענעם שניי פון דער גאַס.

האַ, וואָס זאָגט איהר? איהר וואָלט ניט געוואָלט זיין אויף איהר אָרט? מען דאַרף זיך נאָר גוט אויסראַכען די זאַך. אין אַ שטעדטעל אויף דער נאַכט. די לבנה שיינט אַזוי, פּונקט ווי זי האָט אין זיך צופיעל ליכט און וויל עס אויסגיסען מיט אַמאָל. דער שניי בלישטשעט מיט מיליאָנען בלויע און זילבערנע פונקען. די הייזער זענען פערמאַכט. אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין לעבעדי-גער נפש. נאָר אַ יודיש מיידעל געהט זיך האַסטיג פון איין געסעל אין צווייטען מיט אַ רענצעל אין האַנד, און הינטער איהר, אויף אַ מהלך פון פופציג טריט, געהט נאָך אַ געזונטער שייגעץ מיט אַ רויטען פנים, מיט אַ ווייסען שמויסענעם היטעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ רעוואָלווער אין טאַש. זי געהט, ער געהט איהר נאָך, זי פער-קירעוועט זיך אויף רעכטס, ער נאָך איהר, זי אויף לינקס ,— ער נאָך איהר. ניט ער קומט נעהנטער, ניט ער טרעט אָב.

האַ, ביטער, ניין?

אַ קאָפּ האָט זי אָבער געהאַט, די רבקה, האָב איך אייך שוין געזאָגט. אַן'אַנדערע וואָלט זיך דערשראָקען און וואָלט אַנגעמאַכט, איך ווייס נישט וואָס. ביי איהר איז אָבער געווען — וואָס גרעסער די סכנה, אַלץ לויטערער דער קאָפּ און פעסטער דער בעשלוס.

איין זאַך האָט זי באַלד פערשטאַנען אויפ'ן אָרט: ער וויל זי ניט נעהמען אויפ'ן גאַס. ער וויל זי לאָזען קומען אויפ'ן קוואַרטיר, וועט ער זי פערנעהמען מיט אַלע, ווער ס'וועט דאָרטען זיין. וואָרום ווען ניט, וואָס טויג איהם זיך נאָכשלעפּען נאָך איהר. ער האָט זי געקענט נעהמען נאָך אויפ'ן וואָקזאַל. הייסט עס, ער האָט נאָך צייט.

יאָ, אָבער וואוהין געהן? אויפ'ן קוואַרטיר איז אונמעגליך. צוריק צום וואָקזאַל—דאַרף מען געהן פיער וויאָרסט איבערן פעלד, און סיי ווי סיי וואָלט דאָס הייסען זיך אָבגעבען דעם שפּיאָן אין די הענד. ס'איז געווען איין מינוט, ווען רבקה'ן האָט זיך שרעקליך פערוואָלט זיך אויסקערעווען און פּשוט צוגעהן צו איהם: נאַ, אָט האָב איך פּראָקלאַמאַציעס, אַרעסטיר מיך—און אויס מיט אַן'עק.

דאָס איז אָבער געווען נאָר איין מינוט. דאָס איז זי נאָר נעבע-טען געווען אַזאַ בריה און געטענה'ט, אַז זי וועט אַרויסגעהן אין

גאַס און דערצעהלען ווער זי איז. איצט אַז ס'איז געוואָרען ענג, האָט זי דוקא ניט געוואָלט אַריין אין זייערע הענד צוריקקריידענדיג: ווער וויל דאָס יאָ?

אַז מען טרינקט זיך, חאַפּט מען זיך פּאַר אַ שטרוי. דאָס מיידעל, זי האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, האָט זי זיך גענימען גלאַט געהן, אַבי פערלענגערן די צייט: וואָס דען זאָל זי טאָן? זי איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען און דער קאָפּ האָט געעגבערט: ווי אַזוי דרעהט מען זיך אַרויס? אַנטלויפען איז ניט מעגליך. אין גאַס איז ליכטיג, וויבייטאָג. בעהאַלטען דאָס פּעקעל איז ניטאָ וואו, ראַנגלען זיך איז נאָר אומזיסטיגע טרחה.

און אַזוי געהענדיג נעבען די נידעריגע הייזער און וואַרפענ-דיג אַלע מאָל אַ קוק אינוועניג, דאָרט וואו די פענסטער זענען ניט געווען פערשטעלט מיט קיין לאָדען, האָט רבקה אָנגעהויבען פיהלען עפּעס אַ מאָדנע זאַך. עפּעס ווי זי וואָלט מקנא געווען אַט די פריד-ליכע לייט. זיי זיצען זיך יעדער ביי זיך אין דער היים, אין אַ וואַ-רימער ליכטיגער שטוב, די קינדערלעך אַרום טיש. זיי ווייסען ניט פון קיין פּאָליציי, פון קיין בעהאַלטען זיך, פון קיין ציטערן יעדע מינוט. זיי געהען איצט ניט אין גאַס און עס געהט זיי ניט נאָך טריט ביי טריט אַ שפּיאָן.

און אַזוי טראַכטענדיג, קומט איהר אַרויף אַ געדאַנק, אַז ווען זי וואָלט געקומען אויפ'ן קוואַרטיר, וואָלט דער שפּיאָן ניט אַרײַן גלייך נאָך איהר, וואָרום איינער אַליין וואָלט ער מורא געהאַט צו געהן: אפשר זענען דאָרטען עטליכע מענשען, וואָס וועט ער טאָן? ער וואָלט מסתמא געבליבען שטעהן און אָנגעהויבען פייפען — רופען אַנדערע פּאָליציאַנטען, אָדער גאָר אַליין געגאַנגען אויף דער אַנדע-רער גאַס רופען אַ גאָראָדאָוואָי — און דערווייל... נאָר וואָס דערווייל? דאָס קען געדויערן סך-הכל אַ פּאָר מינוט, העכסטענס פינף מינוט ביז ס'וועט קומען אַ גאָראָדאָוואָי. וואָס קען מען טאָן אין אַזאַ קורצער צייט? בעהאַלטען? ווער ווייס, צי האָבען זיי וואו צו בעהאַלטען? ניכער ניט איידער יאָ: ס'איז דאָך אַ קליין שטעדטעל און די רעוואָ-לוציאָנערען זענען דאָ ניט געוועהנט זיך צו היטען. און ווידער, ווי קען זי ברענגען אַ שפּיאָן צו אַ קאָנספּעראַטיווער קוואַרטיר? ווער ווייס, וואָס זיי האַלטען דאָרט בעהאַלטען, זי אַליין — איז שוין פער-פאַלען, אָבער איהרע חברים, ווי קען זי אויף זיי ברענגען אַנ'אומ-

גליק. פערלאָזען זיך אויף נסים—וואָלט געווען דאָס גרעסטע פער־ברעכען. בפרט ווען דאָ קענען אפילו קיין נסים אויך ניט העלפען.

וואָס־זשע טוט מען? לאַנג ארומדרעהען זיך איבער די גאַסען איז אויך ניט קיין פּלאַן. עס קען איהם נמאס ווערען—דעם בחור, און ער קען זי גלייך אַרעסטירען, זי האָט זיך אָבגעשטעלט אַ פּאָר מאָל און צוגעקוקט צו די הייזער—אַקוראַט ווי זי בעטראַכט דעם נומער פון דעם הויז, כדי דער שפּיאָן זאָל מיינען, אַז זי זוכט די קוואַרטיר. אָבער לאַנג אַזוי פּיהרען איהם איז ניט מעגליך. און מיד איז זי שוין אויך; דאָס פּעקעל איז שווער. זי איז געוואָרען דער־שוויצט, עס ברענען די פיס. און דאָס האַרץ קלאַפּט און קלאַפּט, און הינטען הערען זיך די טריט: האַרטע, זיכערע, אוּמ׳ברחמנות׳דיגע ווי דער טויט אַליין.

ניט גוט.

וואָלט האָטש די לבנה זיך פערשטעלט. זי שטעהט אינמיטען דעם טונקעלן בלויען הימעל און שיט סנאָפּעס ליכט. און זי פרעהט זיך, דאַכט זיך, וואָס אויף דער ערד איז אַזוי שטיל, און זי ווינקט צו רבקה׳ן און בלישטשעט און לאַכט זיך; זי שמייכעלט מיט איהר לויטערן פנים, און דער שניי איז ווייס און ריין.

און רבקה׳ן דאַכט זיך: ווען עס וואָלט געווען אַ טונקעלע נאַסע נאַכט, אָדער ווען דאָס וואָלט געווען אין שטאָדט, צווישען טומעל און גערויש, וואָלט איהר אַזוי ניט באַנג געטאָן דאָס אַריינפאַלען אין „זייערע" הענד. אָבער אין אַזאַ נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט איז אויף, און גאָטס וואונדער שוועבען אין דער שטילקייט און פּלעכטען ליכטיגע סודות...

זי האָט זיך אָבגעשטעלט דאָס דריטע מאָל נעבען אַ הויז, כדי צו ווייזען דעם שפּיאָן, אַז זי זוכט אַ קוואַרטיר. און ניט ווילענ־דיג האָט זי געוואָרפען אַ קוק אין שטוב אריין דורך די פענסטער.

ס׳איז געווען ליכטיג און ווארעם. ווייטע ווענט און אַ ווייסער טישטוך אויפ׳ן טיש און אַ ווייס טיכעל ביי דער בעל־הבית׳טע אויפ׳ן קאָפּ. דער בעל־הבית, אַ ייד פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג, מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ הויכען שטערען, איז געזעסען אויבען־אָן, גלייך נעבען פענסטער, און געהאַלטען אַ קליין יונגעלע פון אַ יאָהר דריי אויף די הענד. נעבען איהם איז געזעסען אויף דער קאַנאַפּע אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן מיט אַ גרויסער קוטשמע שוואַרצע האָר

אויפ'ן קאפ און מיט א רויט סטיינגעלע אויפ'ן האלז. אנטקעגען איז געזעס'ן די מוטער. זיי האבען גערעדט. א ליעבע לוסט איז געווען אויסגעגאסען אויף זייערע פנימ'ער—און מ'האט ממש געזעהען, ווי דער שלום-בית ליעגט אויסגעשפרייט אין יעדען ווינקעלע און שיינט אראב פון די פנימ'ער און שטראהלט ארויס פון די אויגען. די ליכט האבען געברענט, דער וויין האט געפינקעלט אין א פלעשעל, און רבקה'ן האט זיך אויסגעדאכט: די יאהרען פון איהר קינדהייט זענען צוריקגעקומען פון אמאל, און דאס איז זי דאס מיידעלע מיט די שווארצע האר און מיט'ן סטיינגעלע אויפ'ן האלז, און דאס זיצט נעבען איהר איהר פאטער און גלייך זי איבערן קאפ מיט זיין ווייכער האנד און דערצעהלט אידר די מעשה מיט המנ'ען און מיט אסתר המלכה, און איהר מוטער, די ליעבע, טייערע מאמע, זיצט אנטקעגען און הערט זיך איין און שאקלט צו מיט איהר קאפ.

און א געדאנק האט פלוצלונג דורכגעלעכערט איהר קאפ ווי א בליץ, און איידער זי האט זיך אליין אוספיעט אבגעבען א קלארען דין וחשבון, וואס זי טוט, האט זי אויפגעמאכט די טהיר פונ'ם שטיבעל, אריין אינוועניג, זיך אווארף געטאן צום טיש און אויסגעשריען:

— יודען, ראטעוועט מיך פון שונא'ם האנד!...

און ס'ווייזט אויס, עפעס איז געווען אין איהר פנים אזוינס, וואס ס'האט גערירהרט אי דעם יודען, און זיין ווייב. איך האב אייך שוין געזאגט, אז ווער ס'האט זי דערזעהען, האט ניט געקענט ביישטעהן פאר איהר ליעבען איידעלען פנים.

און נאך איידער דער יוד מיט'ן ווייב זיינעם זענען געקומען צו זיך, האט זי זיי אריינגערופען נאך זיך אין אלקער (כדי דער שפיאן זאל זי ניט דערזעהען פונ'ם פענסטער) און האט זיי קורץ און שארף דערצעהלט, וואס עס טוט זיך מיט איהר. מען מוז בעהאלטען דאס פעקעל—נאר גוט, און זי וועט בלייבען ביי זיי און וועט זאגען, אז זי איז א קרובה און איז געקומען צו גאסט.

איהר קול האט געציטערט און געבעטען אזוי הארציג, און אין די אויגען האבען טרעהרען געגלאנצט, און אליין איז זי געווען אזוי שיין און אזוי יונג און צארט.

אויפ'ן יודענס פנים איז ארויף א שווארצער וואלקען און די יודענע האט פערבראכען די הענד: „גאט! וואס האסטו צו אונז!

איך האָב מורא, געוואָלד איך האָב מורא, וואָס טוט איהר מיט אונז!".

נאָר קיין צייט איז ניט געווען. און רבקה האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבען איהרע ליכטיגע אויגען און געזאָגט מיט איהר טיעפער הארציגער שטימע:

— ווילט איהר מיך איבערגעבען אין גויאישע הענד? איצט אַ, אום יום-טוב?

און זי האָט זיי געריהרט.

דער יוד האָט געמאַכט אַ ענטשלאָסענע בעוועגונג מיט דער האנד.

— גיט אהער דאָס פּעקעל. איך וועל עס אַרויסטראָגען צו אַ שכן דורך דער הינטער-טהיר. פון גאַס וועט מען ניט זעהן.

דאָס ווייב האָט אָנגעהויבען ציטערן. „חיים, גאָט איז מיט דיר, דו האָסט דאָך קינדער"—האָט ער איהר געזאָגט: „וואָס זשע ווילסטו, מיר זאָלען קוילען אַ יודיש קינד? זי האָט אויך טאַטע-מאַמע, און ראַטעווען אַ נפש איז די גרעסטע פון אַלע מצות".

און ער איז אַרום פונ'ם שטוב מיט'ן פּעקעל — הינטען אַרום, דורך דער קיך.

רבקה האָט זיך געוואָרפען דער יודענע אויפ'ן האַלז און געוויינט און די יודענע האָט אויך געוויינט, און אַזוי וויינענדיג האָבען זיי ניט פערגעסען אַריינצוליעגען אין ליידיגען רענצעל עטליכע ווייבערשע העמדער מיט אַ פּאָר קליידלעך—כדי עס זאָל נישט שטעהן ליידיג.

און טיר האָט מען שוין געקלאַפּט. ס'איז געקומען דער שפּיאָן מיט צוויי פּאָליציאַנטען און אַ ביסעל שפּעטער—דער פּריסטאַוו.

געדויערט האָט די גאַנצע מעשה ניט מעהר ווי 5 מינוט. ווי רבקה האָט אויסגערעכענט, אַזוי איז דאָס געווען. דער שפּיאָן האָט דערזעהען זי אַריינגעהן אין שטוב, איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען רופען עמיצען צו הילף—און האָט דערביי געפּייפט מיט אַ פּאָליציייסקען פייפעלע. ס'האָט זיך אָבגערופען אַ סטראַזשניק און תיכף נאָך איינער. ביידע זענען אַוועק מיט'ן שפּיאָן צו חיים'ס שטוב, און אַ פּויער האָבען זיי בעגעגענט, האָבען זיי איהם געשיקט מודיע זיין דעם פּריסטאַוו.

ביי חיים'ען האָבען זיי געטראָפען רבקה'ן. און דער שפּיאָן האָט אָנגעוויזען, אַז דאָס האָט זי געבראַכט די „אונלעגאַלע ליטעראַטור".

מילא פערשטעהט איהר דאָך, אז זיי זענען געבליבען מיט אַ נאָז. נאָך איידער דער פריסטאַוו איז געקומען, האָט זיך חיים אומגעקעהרט אהיים; האָט ער אָנגעהויבען לאַכען פון די פּאָליציאַנטען: וואָס הייסט, זיי קענען איהם ניט, וואָס זולען זיי ביי איהם פּאַר אַ טריפה׳נע סחורה. און אַז דער פריסטאַוו איז געקומען, איז ער אויך געווען פערוואונדערט: ס׳טייטש, חיים, ווי קומט ער זיך פערנעהמען מיט אַזוינע זאַכען? און חיים האָט איהם דערצעהלט, ווי איינער, וואָס ווייס נישט פון גאָרנישט צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ קרובה זיינע, געקומען צו גאַסט, אַז ער ווייס נישט, וואָס וויל מען פון איהם און פון איהר.

מ׳האָט געמאַכט אַ רעוויזיע און מ׳האָט געפונען דאָס רענצעל— נאָר אין רענצעל איז געווען נאָר וועש און ווייבערישע קליידער...

אַוועקגעהענדיג האָט דער פריסטאַוו נאָך געזידעלט דעם שפּיאָן: זאָלסט זאָגען דער נאַטשאַלסטווע, אַז זיי זאָלען שיקען קליגערע ווי דו... זיך צוגעטשעפּעט צו מענשען, אומזיסט-אומנישט.

און רבקה האָט איבערגענעכטיגט ביים יודען און אויפ׳ן אַנדערן טאָג געפאָהרען צוריק. די ליטעראַטור האָט חברה נאָכדעם אָבגענומען שטילערהייד.

אָט אַזאַ מעשה האָט זיך געטראָפען מיט רבקה׳ן. אָבער טאַקי נאָר מיט איהר האָט זיך אַזוינס געקענט טרעפען. אַזוינע זענען שוין אָבער נישטאָ.

* *

*

איהר פרעגט, וואָס ס׳איז געוואָרען מיט איהר? דאָס וואָס מיט הונדערטער יונגע און בליהענדע לעבענס. זיי זענען געוואַקסען און געצייטיגט זיך און געפרעהט גאַנץ וועלט און אליין זיך געפרעהט אויף גאַנץ גרויסער און ליכטיגער וועלט. נאָכדעם איז דער שטורם געקומען און זיי אויסגעריסען און צושפּרייט זייערע יונגע בלעטלעך איבער די מדבריות.

ניטאָ שוין רבקה. זי איז אומגעקומען אין דעם טאָג פון צאָרן.

אומגעקומען צוזאמען מיט אַ סך יונגע. און מיר ווייסען אַפילו נישט, וואו איז איהר קבר. בעגראָבען האָט מען זיי אַלע צוזאמען און אויף דער מצבה זייערע האָבען זיי געהייסען אויסקריצען: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו"...

גיטאָ שוין רבקה, גיטאָ אַמאָליגע יאָהרען...

# אויפ'ן בית-עולם.

(אַ בילד).

---

— „יתגדל ויתקדש" !...

צוויי דינינקע קינדערשע קול'עכלעך הויבען זיך אויף, שטויסען זיך אָן איינס אָן דעם צווייטען, קלינגען און ציטערען און פאַלען אַראָב און ווערען פערבלאָנדזשעט. צוויי איינזאַמע ליכטעלעך פלאַקערן אין מיטען אַ מדבר, ערגיץ ווייט, אַזוי ווייט...

— „יתגדל ויתקדש"...

אַ פרישער קבר, אַ קליינינקער בערגעלע ערד. אַרום און אַרום מענשען. אַ סך מענשען. און ס'איז שטיל. נאָר די ווייסע מצבות רעדען אויף זייער פערבאָרגענער שפראַך.

די וועלט שווייגט. זי הערט זיך איין. צום פאַרקען אַרום און אַרום האָט זיך צוגערוקט דער גרויער הימעל און קוקט אַריין. די ערד איז נאַס. מצבות שטעהען און רעדען צווישען זיך. פערוועלקטע בלימלעך האָבען טיעף אַראָבגעבויגען זייערע קעפ—ביז צו דער ערד.

מצבות שטעהען. קינדערשע קול'עכלעך זינגען:

— „יתגדל ויתקדש..

אין די פנימ'ער ביי די קינדער לעבען טיעפע אויגען. פון די אויגען גיסט זיך עפּיס—שטום, פערוואונדערט, הייס. דאָס קול רייסט זיך איבער און ווערט דין, ווי אַ דינער רויט „געפאַרבטער פאָדים. און די פעדימער ציהען זיך אין דער גרויער לופט און פערשפרייטען זיך, ווי אַ נעץ.

מענשען שווייגען. יונגע מענשען. פעסט שטעהען זיי. ערגיץ טיעף בעהאלטען די נשמות. זעהר טיעף. נאר א בייזער וועלטער קוקט ארויס פון די אויגען, —חמורנע, אנגעשטרענגט, פערדעלטיג. אט-אט וועט ער אנהויבען קלאפען און וועקען די שטילקייט. און ס׳וועט אלץ צוריסען ווערען אין איין געוואלטיגען רעש׳דיגען געשריי.

אנ׳אייזערנע רייף האט צונויפגעקלאמערט אלע, און זי פרעסט, די רייף, און עס שמארצט אונטער איהר דרוק.

מענשען שטעהען... צוויי קליינע קינדער האבען זיך אנגענומען פאר די הענד, און די דארע הענטלעך זענען נאס פון דעם רעגען.

— „יתגדל ויתקדש״...

דער ווינט איז געקומען פון איבערן פארקען, אייפגעהויבען די קינדערשע שטימען און אוועקגעטראגען ווייט און צעוואָרפען איבער דער גרויער פערוואָגעלטער וועלט. מצבות שטעהען און ריהרען זיך ניט.

פון צווישען די מענשען האט זיך ארויסגערוקט אנ׳איינגעהויקערטע אלטע. זי געהט און געהט ניט און קוקט אראב מיט אויגען, וואס זעהען ניט גארניט. צי לעבט זי, צי איז זי אין חלום? דאכט זיך, זי ציטערט איינגעהאלטען און פיהלט ניט, אז זי ציטערט. זי איז ציגעגאנגען צום בערגעל און צוגעפאלען צו איהם און גע-בליבען ליעגען. טראפענס רעגען, דינע טראפענס, פאלען אויף איהר רוקען. זי ליעגט מיט׳ן קאפ צו דער ערד און ריהרט ניט קיין אבר.

ביי דער זייט שטעהען בוימער. דינע הוילע צווייגען פלעכטען זייערע צוקאשמעטע האר. פון די צווייגען גיסען זיך טראפענס רעגען און פאלען אויף די מצבות. און די צווייגען ווערען שווערער און שווארצער.

מצבות שטעהען. קינדערשע קול׳עכלעך קלינגען:

— יתגדל ויתקדש...

# צום ראַנד.

(נאָטיצען פון א געוועזענעם מענשען.)

---

שען איז דאָס לעבען און הערליך דער קאַמפף — אָבער וועה איז צו דיר, אַז דו האָסט נישט קיין כח...

האָסט ניט קיין כח — טאָ געה, רוק זיך אָפּ. זאָלסט ניט בלייבען — און אוים. אַזוי איז דאָס בעסטע.

איך אַליין האָב גערעדט וועגען דעם וויפיעל מאָל אַזוי שטאָלץ, אַזוי זיכער. אויף מיין שטערן איז געלעגען דער אָבגלאַנץ פונ'ם פייער, וואָס האָט געברענט אַרום און אַרום.

איז דאָס געוועזען נאָר אַנ'אָבגלאַנץ? ניין. אין מיר אַליין, האָב איך געפיהלט, איז געוועזען אַ קאָכיגער קוואַל. און מיינע אויגען פלעגען זיך אָנצינדען אמת'ע, ניט קיין אָבגעשפיגעלטע פונקען.

איך געדענק — דאָס איז געוועזען אין ניי-שטאָדט, נאָך סכות. ס'זענען געקומען די בעלי-בתים, חשוב'ע יודען; געקומען מיט אומעטיגע אויגען און ציטערדיגע קניה געבעטען: „וואָס טוט איהר? איהר שאַדט נאָך דעם כלל. איבער אייך געהט דער צאָרן אַרוים אויף דער גאַנצער עדה און שניידט אַלץ, ווי אַ קאָסע דאָס גראָז". וואָס האָב איך זיי דעמאָלט געענטפערט? איך האָב זיי געשמיסען אין פנים אַריין מיט די ווערטער פון פסוק: ווער עס האָט מורא אָדער אַ ציטעריג הארץ — זאָל זיך אומקעהרען אַהיים און זאָל נישט שוואַך מאַכען דאָס הארץ פון זיינע ברידער די קעמפפער. מיר זענען שטאַרק און מיר געהען בעוואָפענט אין פעלד פון מלחמה. איהר

זייט די שוואַכע, בײַ אײַך איז קײן כח ניטאָ — טאָ געהט אײַך, בעהאַלט זיך, פערקריכט אין דער נאָרע. בעסער וואָלט איהר גאָר אינגאַנצען פערשוואונדען פונ׳ם פנים פון דער ערד, וואָרום וואָס פאַר אַ שענקייט ברענגט איהר דעם לעבען? וואָס פאַר אַ טײַערע שטײנער פאַסט איהר אײַן אין דער קרוין פון דעם לעבען? שימעל זייט איהר אופ׳ן גוף פון דער געזעלשאַפט, אַ פויל הייטעל, וועלכעס מען דאַרף אַראָבנעהמען וואָס גיכער, כדי דאָס בלוט זאָל ניט ווערען אינגאַנצען פערדאָרבען. טאָ געהט זשע און לאָזט אונז צו רוה.

אַזוי האָב איך דעמאָלט גערעדט.

מ׳האָט מיר אַפּלאָדירט. די אַרבייטער — עטליכע הונדערט — זענען געווען הויכע התלהבות. מ׳האָט מיך אַרויסגעטראָגען פונ׳ם זאַל אויף די הענד.

אייגענטליך, ווען האָט מען מיר ניט אַפּלאָדירט? אַ הונדערט־קעפּיגע בעשעפעניש פיהלט קײנמאָל ניט דאָס, וואָס ס׳וועט זעהען אַנ׳איינצעלנער מענש. ס׳מעגען אינוועניג בײַ דיר אין האַרצען זיך רייסען הינט, ס׳מעג דאָרטען שמאַרצען, ווי אַ ברענענדיגע וואונד, אַבי דו רעדסט נאָר קלאָר און קיילעכדיג — איז גענוג. וואָרום די מאַסע ברענגט מיט זיך איהר אייגענע התלהבות, די מאַסע וואָרימט אָן זיך אַליין מיט איהר אייגענעם פייער, זי וויל, דו זאָלסט איהר ריידען דאָס, וואָס זי האָט ליעב. דיין אייגענע נשמה געהט איהר קײנמאָל ניט אָן. זי וועט זעלטען דערפיהלען אַ פאַלשען טאָן.

נאָר ניין. פאַלש בין איך קײנמאָל נישט געווען. דאָס איז ריכטיג. איך אַליין האָב שטענדיג געגלויבט אין דעם, וואָס איך האָב גערעדט. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס וואָס מיר טוען, איז דאָס בעסטע און דאָס אידעלסטע וואָס מען קען נאָר טאָן.

איין פּינטעלע איז אָבער פונדעסטוועגען געווען ניט אַזוי. כ׳האָב געדאַרפט זאָגען: איהר געהט, איהר קעמפּפט, ניט מיר. וואָרום איך... איך האָב דאָס שוין געפיהלט דעמאָלט אויך...

„מיר געהען! מיר ברעכען!“ געשריגן — „מיר“. אַלע צוזאַמען, צעהנדליגע, הונדערטער טויזענדער. נעהמט אַראָב פון אַ גאַנצער מחנה איינעם אָדער לעגט צו איהר צו איינעם — די מחנה בלייבט אַלץ אַ מחנה. איהר וועג בלייבט דער זעלבער, ווי פריהער. פאַרוואָס זאָל מען ניט זאָגען: מיר געהען?

יאָ, בין איך, הייסט עס, נישט געווען פאַלש? טאָ פאַרוואָס

זשע בין איך ניט געקומען צו דער מאָסע, פאַרוואָס האָב איך זיך ניט מודה געווען פֿאַר אַלעמען: אַזוי און אַזוי, ברידער, אַט אַ דאָס ליעגט בײַ מיר אין האַרצען, אַט אַ דאָס קרענקט מיך און מאַטערט מײַן נשמה. ווילט איהר מיך אַזוי ווי איך בין — איז גוט. ווילט איהר ניט—טאָ האָט קײן טענות. פון אַ קאַליקע וואָס קענט איהר פערלאַנגען? אָבער האָט אין מיר ניט קײן טעות.

פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפֿען?... און ווידער צוריק—וואָס וואָלט געהאָלפֿען רעדען? מען וואָלט דען פערשטאַנען? בײַסענדיגע ווערטער וואָלט איך געהערט אַרום און אַרום. און זײ וואָלטען געווען גערעכט. איך קען שענקען אַ קאַליקע אַ נדבה—מײַן רחמנות. אָבער עקעלהאַפט איז ער מיר דאָך: איך קען ניט בעהערשען מײַן געפיהל און איך דאַרף ניט.

וואָס טויגען קאַליקעס אין לעבען?

---

ווען איז דאָס אײגענטליך געוואָרען? ווער ווייסט? ביסליכווײז, יעדען טאָג אַ טראָפּען, יעדען טאָג אַ טראָפּען האָט זיך אַרײַנגעגאָסען אין האַרצען, ביזמיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס האַרץ איז אינגאַנצען פערגיפֿטעט... ביסליכווײז. קענט איהר אָנווײזען דעם טאָג, ווען אַ מענש ווערט אַלט? דאַכט זיך, הײַנט איז ער פונקט אַזאַ מענש, ווי געווען נעכטען, דעם חילוק איז גאָר ניט צו מערקען. מאָרגען וועט ער זײַן פונקט אַזאַ מענש ווי הײַנט. סך-הכּל אײן טאָג. אָבער טוט אויף איהם אַ קוק שפּעטער מיט עטליכע יאָהר: אַלט איז ער, פערשוואונדען די פרישקייט, פערשוואונדען דער מונטערער קוק. אַלט געוואָרען דער מענש — ער געהט צו זײַן קבר.

האָב איך דען יאָ אַמאָל אַ יוגענד געהאַט?

איך האָב געגלויבט, אַז איך בין יונג. געלעבט אין אײסלאַנד, געגרייט זיך צום לעבען. דאָרט, אין דער הײם, האָט עפּעס גערוישט און געפּאָרפּעלט זיך אונטער דער ערד. דאָס בעסטע און דאָס לע-בענס-פעהיגסטע, וואָס ס׳איז געווען אין לאַנד, איז אַראָב אונטער דער ערד; דערפאַר פלעגט די ערד אַלע ווײַלע זיך וויעגען און ציטערן און אין דער לופט האָט געשמעקט מיט אַ שטורעם. ס׳האָט געצויגען אַהין. ס׳האָט זיך אָנגעצונדען אַלע ווײַלע פאַר די אויגען

א וואונדערליכע וועלט. און עס פלעגט זיך דאכטען: עס גליהט מיט פייער דאס הארץ און עס ווערט פערהארטעוועט, ווי אייזען אונטערן האמער.

טא פארוואס-זשע בין איך גלייך ניט געגאנגען אהין? פאר וואס האב איך געווארט א יאהר נאך א יאהר? וואו איז געווען די קראפט?

א, איך האב געהאט א גוטען ענטפער, איך האב זיך אליין געקענט איינריידען, אז איך בין געריכט. איך האב געלערנט, איך בין געשטאנען ביים קוואל פון דער וויסענשאפט. איך האב בעוואפענט מיט קענטניש מיין קאפ, איך האב איסגעריסטעט מיט די שטאלצסטע אידעען מיין גייסט. איך האב געוואלט זיך אריינמישען אין קאמפף אזוי, אז איך זאל וויסען, פערשטעהן יעדען טריט, קענען אליין קוקען דעם לעבען אין די אויגען און פערשטעהן זיין פערלאנג. אלצדיג ארומנעהמען מיט'ן שארפ'ן גדאנק: וואס ס'איז געווען און וואס עס דארף זיין.

בין איך דען ניט געווען געריכט? צי זענען ניט נאך מעהר געווען געריכט די טויזענדער יונגע, אמת יונגע און אמת לעבעדיגע מענשען, וועלכע פלעגען גלייך זיך ווארפען אין פייער מיט'ן גאנצען ברען פון זייער אונרוהיגער נשמה און אוועקגעבען אינגאנצען, וואס ווי האבען פערמאגט, אוועקגעבען ניט טראכטענדיג, ניט ווארטענדיג, אוועקגעבען זייער איך, זייער ליעבע, זייער פערגאנגענהייט און צוקונפט? ווער האטווירקליך געפיהלט דעם הייסען אטעם פון לעבען: זיי אדער איך? ווער איז געווען מעהר גייסטיגער אריסטאקראט, מעהר אויסדערוועהלטער: זיי מיט זייער אונמיטעלבארען געפיהל צי איך מיט מיינע חשבונות?

איז דאס ניט א בעוויז, אז פון אנהויב אן איז ניט געווען אין מיר די אמת'ע לעבענס-קראפט? איז דאס אליין שוין ניט גענוג צו דערקענען, אז איך בין אהן לעבען ארויס אויף דער סצענע פונ'ם לעבען?

אבער צו וואס טויגען מיר די בעווייזען? צי ווערט פון זיי גרינגער?... צי קענען זיי עפעס פערענטפערן?

איך אליין האב דאס פריהער ניט געוואוסט. נו, און ווען איך וואלט דאס יא געוואוסט פון אנהויב אן, וואלט ניט געווען דאס אייגענע וואס איצט?

עטליכע שענע טעג האב איך איבערגעלעבט אין מיין טעות. זיי ליגען איצט ווי בליי אויפ'ן זכרון.

ערשט אז ס'האט אנגעהויבען ווירקליך פלאקערן אלצדינג, ערשט אז ס'האט אנגעהויבען קלינגען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען דאס קול פון די געפלאצטע קייטען, ערשט אז טויבע האבען אנגעהויבען הערען און טויטע זיך בעוועגען, האב איך פערלאזען מיין „אריסטאקראטישע" הייליגקייט, מיט מיינע ביכער, מיט מיינע שריפטען, און בין געקומען אהין, צו זיי, צו די, וואס האבען מיט זייער ווארימען בלוט צושמאלצען דאס אייביגע אייז. און איך בין געווען דער קאפ! זיי זענען נאך מיט מיר געווען שטאלץ! ווי'ס פאר א בליצען עס פלעגען פליהען פון די אויגען, ווען איך פלעג צו זיי רעדען וועגען דעם, וואס זיי האבען געטאן. וואס פאר א שטראמען פון ליכטיגער פרייד פלעגען זיך גיסען און גיסען, ווען איך פלעג ענטפלעקען דאס, וואס ס'האט ביי זיי אין הארצען געקלונגען און געציטערט. וויפיעל הענד פלעגען זיך שטרעקען צו מיר מיט בעגייס-טערונג, מיט ליעבע, מיט ענטציקונג, מיט ניט קיין אויסגעשפראכענעם דאנק-געפיהל—צו מיר...

---

מען דארף דאס זאגען קלאר און שארף: איך האב מורא פאר'ן טויט. איך האב גענוג נאכגעשפירט נאך זיך אליין, איך גיב זיך א קלארען דין וחשבון וועגען דעם, וואס איך זאג. איך האב מורא פאר'ן טויט. ווען ס'זאל אויסקומען טאן אזא זאך, וואו איך זאל וויסען פון אנהויב אן קלאר און דייטליך, אז דאס וועט מיר אונפערמיידליך בריינגען דעם טויט, וועל איך ניט טאן אזא זאך. איך וועל דאס ניט קענען טאן.

איך האב ניט מורא צו געהן מיט אלעמען אויף א געפעהר-ליכען טריט. איך האב ניט מורא פאר אנ'אפענעם מאסען-קאמפף. איך געדענק אונזער גרויסען טאג פון אויפשטאנד. א שמאלער וועג, פארענט א וואנט פון אויסגעשטעלטע ביקסען. רעכטס און לינקס פון דער ווייטענס „אטריאדען" מיט גרייטען געוועהר. און אין מיטען צעהן טויזענד מענשען מיט פאהנען פאראויס. — „צוגעהט זיך!"— מען שווייגט.—„געהט צוריק, איך וועל שיסען!" די מאסע שטעהט, ווי צונויפגעשמאלצען אין איין לייב.—„געהט צוריק, איך בין אייך

מתרה דאָס דריטע מאָל!״— פויקען קלאַפּען, אַ טרומייט שפּיעלט אַ סיגנאַל. אַן׳איינגעהאַלטענער שווידער טוט אַ פליה איבער די גע־דילטע רייהען. עפּעס ווי אַ שאַרף צווישען בלעטער אין וואַלד. און פּלוצלונג: „פאָרוועדטס, חברים! אָנפאַלען, ניט וואַרטען!״ מען נעהט. מען שפּאַרט, מען לויפט, ביקסען קנאַלען, פויקען קלאַפּען, טריט הילכען, שטיינער פּלאַ־הגן, עס הערט זיך אַ קרעכץ. עפּעס איז רויט דער וועג, עפּעס וויעגט זיך די לופט אַרום און אַרום. און מען געהט, און איך געה אויך, איך געה פעסט און זיכער, די נשמה זינגט, דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי אַ שטאַרקער האַמער, אין די אויערן שפּיעלט אַ הערליכע מוזיק. איך בין שטאַרק, איך בין יונג און מונטער, איך געה מיט אַלע, איך בין אַ טייל פון דעם גרויסען חיל, זייער זעעל איז מיין זעעל...

פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבען יענעם טאָג? מענשען וואָל־טען אויסגעקריצט שענע ווערטער אויף מיין מצבה. מען וואָלט אָנגע־שריבען מיין נאָמען ניט נאָר אויף פּאַפּיר, מען וואָלט איהם אָוועקגע־שטעלט אין אַ היילינען ווינקעל פונ׳ם האַרצען. נאָך מיט איין טעות מעהר וואָלט געווען אויף דער וועלט.

פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבען? איבער מיין טויטען בעט וואָלטען זיך אָנגעבויגען טרויעריגע, ליעבענדע פריינד. נאָך מיין מטה וואָלט נאָכגעגאַנגען דער שטומער קומער. יונגע שטימען וואָלטען געזונגען דאָס פייערליכע טרויער־ליעד, און בלומען, רויטע, לעבענס־פולע בלומען וואָלטען געשימערט אַרום מיין גרוב.

קינדערשע חלומות! וואָס וואָלט איך דערפון געהאַט, איך, דער פיהלענדער, שטרעבענדער, ווילענדער מענש, דער מענש מיט דעם גליהענדען, קאָכיגען געדאַנק, וואָס וואָלט איך דערפון געוואוסט? וואָס וואָלט מיר דערפון געבליבען? וואָס איז דאָ אויף דער וועלט אַזוינס, וואָס זאָל מכפּר זיין דעם טויט?

אָט פאַר דעם געדאַנק האָפּט אָן אַ שווידער. שרייען ווילט זיך און קלאַפּען מיט די הענד אָן דער פעסטער שוואַרצער וואַנט, וועלכע שטעהט פאַר דיר און מאַכט חוזק.

איך קען ניט... אַליין, מיט אַ קאַלטען חשבון, אויסגערעכענט אַלצדינג אַפריהער, אָבגעמאָסטען יעדען טריט, אָבגעוואויגען יעדעס פּיצעלע—אַליין געהן און וויסען, קלאָר און זיכער וויסען, אַז דו געהסט צו דייז טויט, אַז דו געהסט צו איהם אַליין, אַלע מאָל

נעהנטער, אלע מאל מעהר אבשניידענדיג פון דעם קורצען לעבענס-פאדים, וואס געפינט זיך ביי דיר אין דער האנד,—און אלץ אליין, ב״ה דעם אייגענעם ווילען—ניין, דאס קען איך ניט און דאס וועל איך ניט טאן. פאר קיין שום פרייז. דערין האב איך שוין ניט קיין טעות.

איצט ווייס איך דאס שוין.

און אז מען האט אזא שלן אין הארצען, דארף מען געהן, אבטרעטען, פערשווינדען. אוים! וואס גיכער א סוף.

ס׳זענען דא אזוינע חיות, וואס ווען זיי דערפיהלען שוין דעם טויט, פערקריכען זיי אין א ווינקעל, אין א נארע, אין א העק, אזוי אז קיין לעבעדיגער נפש זאל זיי ניט קענען געפינען, און שטעקען דארט אין צרות אזוי לאנג, ביז זיי געהען אוים.

אזוי איז דאס בעסער.

---

„אויף לעבען און טויט! אויף לעבען און טויט!״ די מאסען האבען אבגעשטעמפעלט די דאזיגע ווערטער מיט בלוטיגע צייכענס אויף דער ערד פון אונזער לאנד. דער טויט איז געווארען א שטענדיגער בעגלייטער פון דער מאסען-בעוועגונג. דער טויט געהט ניט אראב פון די ליפען ביי די קעמפפער.

„אויף לעבען און טויט״. דאס זענען ניט נאר קיין קלינגענדע ווערטער—ס׳איז די טאט.

„לעבען אין פרייהייט, שטארבען אין קאמפף״... „פון אונזערע קברים וועט אויפשטעהן נקמה״. וויפיעל מאל האב איך אליין געזאגט די דאזיגע גרויסע ווערטער. און ווי פעסט עס פלעגט ארומנעהמען די נשמה א מעכטיג געפיהל. און א זיסע קעלט פלעגט זיך א גאס געבען אין הארצען.

ביז איך האב דערפיהלט, אז איך זאג ניט אמת. ביז דער געדאנק איז צייטיג געווארען אין מיר...

...זיי האבען גאר ניט געפיהלט. פאר זיי בין איך געוועזען דער-זעלביגער, וואס פריהער. דער געוואונשטער, דער געליעבטער, דער פייער-פלאמענדיגער רעדנער, דער פיהרער, דער קאפ. אלע פלעגען מיך בעגעגענען, ווי א נאהענטען פריינד. אלע.

ס׳האט געדארפט זיין מארגען דער מיטינג אויפ׳ן פלאץ. פאליציי

האָט פערבאָטען: מען וועט שיסען, אויב מען וועט קומען. די שטאָדט האָט זיך געוויעגט. דער צאָרן איז געווען גרויס. מ'האָט בעשלאָסען צו פערזאמלען זיך, ניט קוקענדיג אויף דעם פערבאָט. קומען ביד רמה, האַלטען זיך ביז לעצט.

דער מיטינג האָט געדאַרפט זיין מאָרגען אין דער פריה. און פאַרנאַכט זיינען צו מיר געקומען משה'קע דער גאַרבער און עלטשיק דער גלעזער און פינקע נטע'ס. זיי ווילען זיך האַלטען אַן עצה. מאָר-גען ווילען זיי זיך שטעלען אויפ'ן וועג געבען צירקעל, וואו עס געפינען זיך די קאָזאַקען. ווען יענע וועלען זיך נעהמען פאָהרען צום פלאַץ, וועלען זיי פערבינדען מיט זיי אַ געפעכט. פריהער פרובען שיסען מיט רעוואָלווערען; ווען יענע וועלען ניט אָבטרעטען, וועלען זיי וואַרפען אין זיי דריי באָמבעס פון דריי זייטען. כל זמן זיי וועלען לעבען, וועלען זיי זיי ניט צולאָזען צום מיטינג.

זיי זענען זיך געקומען עצה'ן מיט מיר! איך בין דאָך דער געניטער, דער וויסער, דער אויפגעקלערטער, איך וועל זיי זאָגען, ווי אמבעסטען צו טאָן. איך... איך האָב שוין דעמאָלט געפיהלט, וואָס איך בין. יעדעס וואָרט זייערס האָט מיך געשניטען מיין לייב, יעדער קוק האָט מיך ג'עבערענט, ווי מיט פייער.

ברידער, וואָס טוט איהר, וועמען פרעגט איהר, וועמען שעצט איהר! וואָס בין איך געגען אייך? וואָס בין איך געגען אַ לעבעדיגען מענשען? ברידער, ווען איהר וואָלט זעהן, וואָס עס טוט זיך אינ-וועניג ביי מיר, וואָלט אַ קאַלטער שוידער אייך דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס. ליידיג איז דאָרט. אַ שאָלעכץ פון ווערטער איז געבלי-בען. „אויף לעבען און טויט!" „אויף לעבען און טויט!" איהר געהט צום טויט אין קאַמפף פאַר'ן לעבען. איך האָב מורא פאַר מיין לעבען. איך מיט אייך קען ניט געהן. איך ווייס: מען דאַרף געהן. איך קען ניט, איך קען ניט...

---

אָרגאַניזאַציע און מאַסען-בעוועגונג, רעוואָלוציאָנערע קאָנספי-ראַציע און די ברייטע רוישענדע גאַס — איינס אָהן אַנדערן איז אומ-מעגליך. דאַכט זיך, אַזוי פשוט און קלאָר.

מיר זענען געווען שטאָלץ מיט איינעם פון אונזערע חברים, וואָס זעקס יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געהאַלטען אויף זיין פאָסט.

זעקס יאָהר איז אַ מענש געשטאַנען אין דערמיט, געהאַלטען די פאָדים פון דער בעוועגונג אין זיינע הענד.

וואָס ווייטער צום „מיט״—אַלץ גרעסער די פאָרזיכט, געדיכ־טער דער מאַנטעל פון סוד, אַלץ ווייטער פון ווירקליכען לעבען. מענשען שטעהען הויך און אָבגעזונדערט, כּדי די ערשטע בעסטע פייל זאָל זיי ניט קענען דערלאַנגען.

אַזוי איז דאָס נויטיג. אַ מענש אַ פיהרער, אַ מענש, וואָס בע־לויכט מיט זיין גייסט דעם גרויסען שטראָם פון דער מאַסען־בעוועגונג, דאַרף ניט אומקומען, פערשווינדען, ווי אַ קליינינקער טראָפּען אין דעם דאָזיגען שטראָם. אַ מענש, וואָס שיט פונקען פון זיין פייערדיגער פעדער, טאָר ניט פערבייטען די פעדער אויף אַ געוועהנליכען האַמער. אַ מענש, וואָס איז אַליין עפּעס אַ גאַנצעס, אַ נויטיגעס און אַ וויכטיגעס אין לעבען, קען און דאַרף זיך ניט פערמישען מיט טויזענדער אַזוי, אַז ער זאָל ווערען אַ טויזענדטס־חלק, אַ ברעקעל, אַ נישטיגער טייל פון אַ גאַנצען.

אמת. דאָס איז אַלץ אַזוי לאָגיש. דאָס שטעהט אַלץ גע־שריבען אין די כּללים פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל.

מענשען־פיהרער דאַרפען זיך ניט שטעלען אין גאַס גלייך מיט'ן לעצטען פון דער מאַסע. די מאַסע אַליין, ווען איהר וועט זי פרע־גען, וועט זי דאָס ניט דערלאָזען. די מאַסע דאַרף זיי... און דעריבער וועט זי זיי היטען.

גוט. אָבער בעטראַכט ווידער צוריק די נשמה פונ'ם פיהרער! יאָהרענלאַנג שטעהן אָבגעטיילט, אָבגעזונדערט פונ'ם פּראַקטישען רעוואָלוציאָנערען לעבען, פון דער רעוואָליציאָנערער טאַט! יאָהרענ־לאַנג הייצען דעם קעסעל, צובלאָזען, צופאַכען דאָס פייער — און קיינמאָל ניט זיין דאָרט, וואו די מאַשין אַרבייט, וואו די שאַרפע צייהנער פון די זעגען שניידען זיך אַריין מיט אַ גרילץ אין דעם לייב פונ'ם אייזען, וואו דער שוואַרצער האַמער לאָזט זיך אַראָב מיט כּח און צופלעטשט דעם פונקען־שפּריצענדען שטאָהל־קלאָץ. יאָהרענלאַנג... ווייסט איהר, וואָס עס קען געשעהען אין אַ משך פון יאָהרען אינ'ם מענשליכען האַרצען? גליקליך איז דער שטאַרקער, וועלכער טראַכט ניט פון זיך, וועלכער לעבט און אָטעמט מיט דער אַרבייט. גליקליך איז דער, וועלכער איז זיכער אין זיך, וועלכער ווייסט יעדען טאָג,

יעדע שעה, אַז ער איז גרייט צו בעגעגענען זיך מיט'ן טויט אָהן אַ שרעק, אָהן אַ שוידער.

ווער אָבער איז צו דעם, וועלכער דערפיהלט אין זיין הארצען נאָר דעם שוואַכסטען אָבגלאַנץ פון פערגניגען: „איך בין בעוואָרענט, מיך שיצט אַ פעסטע וואַנט". וועה איז צו איהם, ווען ער איז נאָר ניט זיכער, אַז ער וועט קענען יעדע מינוט פערבייטען זיין פריווי־ליגירטע לאַגע אויף דער לאַגע פון דעם לעצטען אין דער מאַסע. אַלץ איינס: ער מעג זיין דער בעסטער קאָפּ, ער מעג זיין דער גוטיגסטער קעמפּפער—אַלץ איינס. ער האָט שוין פערשוועכט זיין אַרבייט, ער האָט פערפלעקט דאָס ווייסע קלייד פון זיין כהונה. ער האָט פערקויפט זיין בכורה פאַר אַ געפיהל פון נידערטרעכטיגען פערגעניגען. ער מעג שוין אַרבייטען מיט דעם גרעסטען פלייס, ער מעג שוין אויפטאָן אין זיין פאַך די וואונדערליכסטע מעשים—אַלץ איינס. דער שטעמפּעל פון קין וועט שוין ליגען אויף זיין שטערן, און זיין אַרבייט איז שוין די אַרבייט ניט פון אַן'אייגענעם מענשען. ער איז שוין אַן'אָבגעהאַקט גליעד פון דעם גרויסען קערפּער. ער איז אַ פעררעטער.

---

איך האָב ליעב דאָס לעבען, איך האָב ליעב צו פיהלען, אַז איך לעב, אַז איך אָטעם, אַז איך קען זיך ריהרען. איך האָב ליעב צו קוקען מיט מיינע אויגען, און מיך פרעהט, וואָס איך קען מיט זיי גליטשען איבער גאַסען און פלעצער, איבער מענשען און חיות, איבער בלומען און בוימער. איך האָב פּשוט ליעב דאָס לעבען ווי די חיה אין וואַלד, ווי דאָס פויגעלע, וואָס באָדט זיך אין דער לופט.

איך האָב ליעב דאָס לעבען. איך ווייס דאָס פון לאַנג. איך האָב ניט איינמאָל גערעדט צו מיינע פריינד: שטעלט אייך פאָר, אַז איך בין פער'משפּט צו פערטריבען ווערען פון צווישען מענשען אין אַ מדבר, אין אַ ברייטען, זאַמדיגען וויסטען מדבר. אין מיטען דעם מדבר שטעהט אַ הויכער סלופּ, און אויף דעם סלופּ דאַרף איך שטעהן אַליין, יאָהרענלאַנג, ביז'ן סוף פון מיינע טעג. שטאַרקע ווינטען וועלען זיך וויקלען מיט אַ צאָרנדיג ברומען אַרום מיר, בייזע פויגלען וועלען קומען און רייסען מיין לייב מיט זייערע קראַלען,

און די זון פון אויבען וועט בראָטען מיין קאָפּ און איהם שטעלען מיט טויזענדער שפּיזען. שטעלט אייך פאָר, אַז מען פרעגט מיך: וואָס וויל איך בעסער, דעם טויט אָדער אייביג שטעהן אויפ'ן סלופּ?—איך וואָלט אויסדערוועהלט דאָס צווייטע. וואָרום ליידען הייסט—לעבען, ליידען הייכט — זיין, און דער טויט איז אַ פינסטערער תהום, ניין, ער איז ערגער פון אַ פינסטערען תהום, וואָרום דעם תהום פּיהל איך, דער תהום איז עפּיס, דער טויט איז גאָרנישט, דער טויט איז ניט־זיין. בעסער דאָס ערגסטע זיין, איידער גאָרניט, וואָרום צווישען דעם ערגסטען, דעם שוידערהאַפטסטען זיין און דעם ניט־זיין איז אַן'אונענדליכער מהלך, איז אַן'אונטערשיעד אָהן אַ ברעג. נאָך מעהר: מען קען זיי גאָר ניט פערגלייכען, וואָרום ס'איז ניטאָ צווישען זיי קיין שום קרובות.

מיך פלעגט שטענדיג אָנהאַפּען אַ שוידער, ווען איך פלעג הערען פון זעלבסטמארד. ניטאָ אַזאַ פּיין, וועלכע זאָל מכפר זיין דעם טויט. ניטאָ אַזאַ לעבען, וואָס זאָל זיין ערגער פונ'ם טויט. וואָרום ס'איז אַ טעות: דער טויט איז ניט קיין אָברוה! ווען איך רוה, פּיהל איך, אַז איך רוה, האָב איך פון דעם רוהען פערגעני־גען. אין טויט איז שוין ניטאָ קיין „איך", ניטאָ קיין פיהלען, אין טויט איז אַלץ אויס. און אָט פאַר דעם „אויס" נעהמט אָן אַן'אמה.

איינער זיצט צוואַנציג יאָהר אין אַ קעלער אונטער דער ערד, פערשלאָסען אויף אַ שלאָס. ער איז געווען יונג, ווען מען האָט איהם אַריינגעפיהרט אַהער. זיינע האָר זענען איצט שוין געוואָרען ווייס און מיט די הענד קען ער אָנטאַפּען די קנייטשען אויף זיין פּנים. זיינע הענד זענען שוואַך און זיינע אויגען זעהען שוין ניט גוט אין זיין טונקעלען לאָך. ער ווייסט: אַזוי וועט ער דארפען זיצען ביז זיין לעצטען טאָג. וואָס־זשע וואַרט ער? פאַרוואָס מאַכט ער ניט קיין סוף מיט איינמאָל?—וויל ער לעבט, וויל ער פיהלט דאָס לעבען, וויל אָרום איהם שוועבט די גאַנצע וועלט פון זיינע עראינע־רונגען און חלומות, פון זיינע וועהטאָגען און ליידען, וויל איינמאָל אין טאָג קוקט אַריין אַ שוואַכער אָבגלאַנץ פון אַ זונען־שטראַהל אין זיין פינסטערער תּפיסה, וויל ער הערט יעדען טאָג די טריט פון דעם וועכטער, ער הערט ווי עס פאַלען טראָפּען וואַסער פון דעם באַלקען דאָרט אין ווינקעל, ער זעהט די שווימלעך, וואָס וואַקסען אויף די ווענט פון זיין קעלער, ער פיהלט די ערד אונטער זיינע פיס

און די וואונדען, וואָס די קייטען האָבען אַנגעריבען אויף זיין קערפּער, ער פיהלט, ער לעבט—ער איז! און ווען ער וועט שוין בלינד ווערען אינגאַנצען, וועט ער אַלץ ניט אויפהערען צו פיהלען, צו לעבען, צו זיין. ער וועט אַלץ זיין רייכער, אונענדליך רייכער פון א טויטען, ווארום א טויטער איז ניט, א טויטער איז גאָרניט, א קליין וועלטעל, דאָס קלענסטע, דאָס אָרימסטע איז אונענדליך מעהר, ווי גאָר ניט קיין וועלט.

איך האָב ליעב דאָס לעבען, נאָך מעהר האָב איך מורא פאַר'ן טויט!

אמת, און זיי—יענע, וואָס געהען אויף טויט, זיי האָבען דען ניט ליעב דאָס לעבען, זיי שווערט דען ניט פאַר דעם טויט? און פונדעסטוועגען געהען זיי דאָך...

---

ווארום צוויי ערליי ליעבעס צום לעבען זענען דאָ אינ'ם מענשליכען גייסט. שטאַרקער פון דעם טויט קען זיין די ליעבע. טיעפער פון טיעפסטען אָבגרונד. איינער האָט ליעב דאָס לעבען, ער האָט ליעב די האַרמאָניע פון די לעבענס-געפיהלען, ער האָט ליעב די שענקייט, די פראַכט פון דער שאַפונג. און ער קען ניט ליידען, ווען מען טראָגט אַריין א ריח פון קבר אין דעם דופט פון זיין בליהענדען גאָרטען, ער קען ניט ליידען, ווי מען מאַכט שמוציג און עקעלהאַפט דאָס לויטערע, קריסטאַלענע וואַסער אין טייך, ער קען ניט צוזעהען, ווי האַרטע שטריק שניידען זיך אַריין אין א בליהענדען, יונגען און קראַפטפולען קערפּער, ער קען ניט איבערטראָגען, ווען מען מאַכט פינסטער און טריב דעם שענעם פנים פונ'ם לעבען. און ער מוז טאָן! ער מוז טרייבען דאָס פינסטערע, דאָס העסליכע, ער מוז אָברוימען דעם שמוץ און דאָס מיסט פון זיין גרינעם פעלד, ער מוז צונעהמען די שטיינער אין אָרויסלאָזען פון תפיסה אויף דער ליכטיגער זון זיין שוועסטער, זיין כלה—דאָס יונגע און פרעהליכע לעבען. און אין דער אַרבייט זיינער אַליין איז דאָס לעבען. און וואָס שווערער די שטיינער, וואָס ברענענדיגער די אַרבייט, אַלץ שטאַרקער קלאַפּט אין איהם דער פּולס פון דעם לעבען, אַלץ פרעהליכער, בעגייסטערטער זינגט אין איהם דער יונגער יום-טוב פונ'ם לעבען. און עס קומט א צייט, ווען אייגאייציגע מינוט טראָגט

ארויף דעם מענשען אויף אזא הויך פון לעבענס־לוסט און לעבענס־קראפט, איינאיינציג פינטעלע איז כולל אין זיך אזא מאסע, אזא רייכקייט פון געפיהלען, וויפיעל אנ׳אנדערער וועט ניט איבערלעבען אין הונדערטער יאהרען. אין אזא מינוט פערלירט שוין דער טויט זיין גאנצע אימה, דער טויט אליין ווערט דער שענסטער נצחון פונ׳ם לעבען, דער טויט אליין ווערט די העכסטע מדרגה, אויף וועלכער עס דערהויבט זיך דאס לעבען. פון א הויכען בארג זעהט מען ארום און ארום, וואס ס׳איז געוועזען און וואס ס׳וועט זיין.

מענשען טוען ניט צוליעב יענעם, נאר צוליעב זיך אליין. מענשען טראכטען ניט וועגען קומענדיגע דורות, נאר וועגען זייער אייגענער נשמה, וועגען די בעדערפעענישען פון זייער אייגענעם גייסט. מענשען בויען ניט דעם בנין פון דער צוקונפט צוליעב דער צוקונפט —וואָרום וואס איז זיי די צוקונפט, וועלכע זיי וועלען ניט זעהען, וואס איז זיי דער גלאנץ, וועלכער וועט ניט שיינען אויף זייער קאפ, וואס איז זיי די ליעב און די עהרע, וועלכע זיי וועלען ניט קענען געניסען. זיי בויען דעם בנין דערפאר, וואס די ארבייט פון בויען איז פאר זיי א פערגעניגען, וואס זי בעלויכט און בעשיינט זייער לעבען. אזוי ווילען זיי און אזוי טוען זיי—און אין דעם געפינען זיי דעם ציעל פון לעבען. זייער ווילען איז אזוי שטארק, אז ער איז גובר דעם טויט.

דער חוב איז ניט קיין זייטיגער מושל, ניט קיין פרעמדער טיראן, וועלכע שטעהט מיט א בייטש איבער אייך און טרייבט אייך אומברחמנות: טוט אזוי און ניט אנדערש. דער חוב איז מיין אייגענער פרייער רצון, מיין אייגענער אויסדערוועהלטער וועג: אזוי וויל איך און אזוי טו איך.

און אז איך וויל ניט?...

נִיט דאָ ליעגט די קללה. ווען איך וואָלט טאקי באמת ניט געוואָלט! ווען איינער איז בלינד פון געבוירען אָן, קענסטו איהם ניט איינרעדען, אז די רויזען אין גארטען זענען שען. קענסט איהם ניט פערצוויבערען מיט די פארבען פון א בילד. קענסט צו איהם ניט האבען קיין טענות.

איך בין אָבער נישט בלינד! איך זעה און וויס, וואס מען ד א ר ף טאָן. און איך קען ניט...

צי קען איך טאָקע ניט? צי אפשר ווייל איך ניט? ווי אַ טרים אַ סאָלדאַט, וואָס קעהרט דעם ריקען צום שונא?

וואָס בין איך: אַ קאַליקע צי אַ פּשוט'ער טרום?

עס לעבען מיליאָנען מענשען אויף דער וועלט און וויסען גאָר נישט, אַז עס זענען דאָ אַזוינע שאלות. פיינע „נויטיגע" מענשען. זיי מאָגען ציגעל און קנעטען ליים און גראָבען ערד פאַר'ן בנין פונ'ם לעבען — און אין הארצען ביי זיי איז אַזוי רוהיג, ווי שבת נאָך מיטאָג אין אַ בעל הבתישער שטוב. פיינע, נויטיגע מענשען, געשעצטע און געאָלפּערטע „גליעדער" פון דער געזעלשאַפט. זיי, האַלטען זיך יעדער פאַר זיין טאַטשקע, פאַר זיין לאָפּאַטע, פאַר זיין העמערל. קלאַפּ-קלאַפּ!... אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, קלאַפּ-קלאַפּ! זיי טוען פונקט דאָס, וואָס עס איז נויטיג... פאַרוואָס זאָל איך ניט טאָן דאָס, וואָס זיי?

איך וועל זיין אַ לעהרער, אַ שניידער, אַ דאָקטאָר, אַ האָלץ-העקער, אַ יוריסט, פאַרוואָס ניט? איך וועל היילען די מענשליכע קערפּערס, די מענשליכע זעעלען, איך וועל לעגען לאַטעס אויף צוריסענע בגדים, אויף צופליקטע נשמות, איך וועל געבען די מענשען רפואות: 20 טראָפּען דריי מאָל אין טאָג. וואָס — איך בין אפשר ערגער פון אַלע? אָט האָט שלמה'קע דער געלער איצט געפונען אַ רוהיגען ברעג: אַנ'אָוונד-שול. יעדען אָבענד זיצט ער און לערנט אלף-בית מיט זיינע תלמידים, יעדען אָוונד צוויי שעה. אַלע טאָג אַ בלעטעל, אַלע טאָג אַ קאָוו-לעפעלע תורה. און ער איז צופריע-דען, און די תלמידים זענען צופרידען, און די חברים קלייבען נחת, און דער „געזעלשאַפט" איז דאָס אַ נוצען. און אַז גאָט וועט איהם העלפען און די פּאָליציי וועט ניט שטערען, וועט ער אָבלעבען אַזוי צעהן, צוואַנציג, דרייסיג יאָהר און וועט אַוועק צו זיינע אבות מיט אַ גרינג הארץ און מיט אַ לויטערער נשמה. אַ נויטיגער מענש!... ער האָט ערפילט דעם מענשליכען חוב.

פון אַזוינע שלמה'קעס בעשטעהט די וועלט. יענע אויסדער-וועהלטע זענען דאָ ווינציג. קען דען עמיצער מיך צווינגען, איך זאָל געהערען צו זיי?

אָדער איך וועל גאָר קומען צו די אַרבייטער, די חברים פון אַנדערע לענדער, איך וועל זיי ברענגען מיין מח, מיין הארץ, מיין געדאַנק און מיין טרייהייט. איך האָב אַ לויטערן געדאַנק און אַ הארץ

זול מיט ליעבע און ווייכקייט. און מיין ווארט איז שטארק און אויס־געהאמערט און קען שוועבען, ווי אויף קרעפכיגע פליגעל. ליעבע ברידער, נעהמט מיך אויף בײ אייך, און אייערע מחנות, און אייערע געצעלטען. איך וועל אייך דיענען, איך וועל געהן מיט אייך האנד אין האנד, איך וועל בײ אייך געפינען אנ׳אברוה פאר מיין נשמה.. ליעבע ברידער, נעהמט מיך אויף בײ אייך...

עמיצער שטעהט און לאכט פון דערווייטענס, און טראפענס גאל זידען אין זיין געלעכטער. וואס ביזטו געקומען צו אונז— פארוואס ביזטו נישט דארט, וואו דיין פלאץ איז — בײ זיך אין דער היים? וואס גיזהסטו היטען פרעמדע ווייגגערטנער, וואס היטסטו ניט דיין אייגענעם גארטען? א פוילער היטער ביזט דו, א פוילער קנעכט אהן געטרייהאפט. טא געה־זשע, ווער דארף דיך? געה ווייטער.. האסט מורא; ווער דארף דיך דא האבען?

...עס זענען דא בעשעפענישען, וואס קריכען אויף אלע פיער, און עס זענען דא אזוינע, וואס פליהען. וואיל איז דעם, וואס קריכט אלע זיינע יאהרען פאמעלך איבער דער וועלט — פון וויעג ביז צום קבר. בעסער איז דעם, וואס קען אויסשפרייטען זיינע פלי־געל און ארויף אין דער הויך—אהין, וואו עס בלאזען די אייזיגע ווינטען, עס רוישען און הורושען די וואלקענס, עס פינקלען די זונען און די וועלט איז גרעסער און העלער. וועה אבער איז צו דעם, וואס האט איין קורצע מינוט אין זיין לעבען געפרובט זיך דערהויבען ארויף—און איז דערשראקען געווארען... קריכען און קריכען אין טאל און געדענקען, אז דארט, ערגעץ אויבען, טוט שיינען די ליכטיגע וועלט, טוט באדען דער קערפער אין ליכטיגע ימים פון לופט זיינע גליעדער, טוט קלינגען, ווי ריעזיגע סטרונעס, די שטערען־מוזיק...

קריכען און קריכען... איך קען ניט, איך קען דאס ניט מעהר. איך וויל ניט. אויף אזוי פיעל האב איך נאך כח.

---

די וועלט איז יונג, ווי א שענע יונגע כלה אין איהר חופה־קלייד. דער הימעל שמייכעלט, ווי א קינד אין פריהמארגען. די זון שפינט איהרע גאלדענע נעצען, ווי די טרוימען פון א פאעט אין די טעג פון זיין גליק,

הויך שטעהען די בערג און קוקען אין וואַסער אַריין. שטיינערנע ריעזען האָבען זיך געראַנגעלט, געיאָגט זיך איינער נאָך דעם צווייטען, געוואָרפען זיך מיט ווילדען כח איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, און פּלוצלונג געוואָרען פערגליווערט, געבליבען שטעהן פערטראַכט און פע־צויבערט—און שטעהען שוין טויזענדער יאָהרען. דער וואַלד האָט זיך שטילינקערהייט פער'גנב'עט, אַרויפגעקראָכען ביסלעכווייז אויף זייערע קערפּערס, בעדעקט מיט זיין אונרוהיגען, שוועבענדען קלייד זייערע ריפּען—און דערצעהלט זיי וואונדער־סודות מיט זיין שטילער כשוף־שפּראַך. אין די וועלדער, אין די טיעפע היילען, אין די שפּאַלטען פון די פעלזען וואוינען שלאַנקע פעען—יונגע טעכטער פון די אַלטע ריעזען. האָר ווי שטראָמען פון גאָלד, די אויגען שוואַרצע בריליאַנטען, דער שמייכעל—אַ בשורה פון גליק. גאַנצע טעג קלינגען זייערע יונגע שטימען אין די וועלדער אויבען, און די אַלטע פעלזען הערען זיך איין און שמייכלען פאַר זיך, ווי אַנ'אַלטער זיידע, ווען די קינדער שטיפען.

הויך שטעהען די בערג. צווישען זיי, אין מיטען, האָט זיך אויסגעשפּרייט דער וואַבער־שפּיגעל. בלוי איז ער און קלאָר און רוהיג. די זון ציהט אויך איבער איהם אַ נעץ פון פליטערלעך, און זי ציטערט, די נעץ, און פינקעלט און שימערט אַרום און אַרום, און עס דאַכט זיך: אַ בלויער, זיידענער, מיט גאָלד געשטיקטער דעקטוך וויעגט זיך שטיל פון דעם ווינט. און די בערג קוקען אַריין אינ'ם קריסטאָלענעם וואַסער, און דער הימעל, דער הייסער, ליידענשאַפטליך גליהענדער הימעל, באָדט זיך אין די קיהלע חוואַליעס אין מיטען טאָג. ערגיץ וויים פלאַטערט אַ ווייסע זעגעל־טוך, ערגעץ וויים הויבט זיך אַ זילבערנע, נעבעלהאַפטע, פערשוואומענע זייל.

ביינאַכט דרעמעלט דאָס וואַסער און ביינאַכט לעבט עס אַנ'אונרוהיג לעבען. די בלייכע לבנה צויבערט און וועקט. ווייסע וועגען ציהען זיך אויס פון דעם וואַסער צו די הויכע שפּיצען פון די שניי־בעדעקטע בערג. קולות שווימען, קולות ציטערן איינגעהאַלטען און וויינען, און רוישען און קלאָגען זיך שטיל. שלאַנקע פרויען־געשטאַלטען הויבען זיך פון וואַסער, ברעכען די מאַרמאָר־ווייסע הענד און קוקען צום הימעל מיט שוואַרץ־פּייכטע אויגען, און עס ליעגט בעהאַלטען אין די אויגען אַ שטומער אייזיגער שמערץ. דער וואַלד ברומט, די חוואַליע פליעסקעט אונרוהיג און וואַרפט זיך אויפ'ן

ברעג, און שלאַנקע מארמאָר־הענד שטרעקען זיך און רופען און וואַרטען...

עס איז געווען אַ העלער, יונגער פריהמאָרגען, ווען איך בין אוועק שפּאַצירען צווישען די בערג. איך בין געגאַנגען אַרויף, אַלע־מאָל העכער און העכער. דער וואַלד האָט געגריסט, די לופט האָט געגלעט, די זון האָט געמונטערט און די הויכע פעלזען האָבען גע־רופען פון ווייטען. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. אַלעמאָל העכער די בערג, געדיכטער דער וואַלד און פרישער און שאַרפער די לופט.

אַט בין איך אויבען. אונטער מיר, טיעף אונטען, ליעגט דאָס פלאַ־כע לאַנד און ציהט זיך ווייט און ברייט — ביז צום ראַנד פון דעם הימעל. גרין איז דאָס לאַנד, און דערפער און שטעדט ליעגען צו־וואָרפען אויף איהם, ווי קינדער־שפּיעלעכלעך אויף אַ גרינעם טעפּיך. אַט ציהט זיך אַ שטראָם ווי אַ טונקעלע סטיינגע, אַט ליעגט, ווי אַ שאָטען, דער וואַלד.

רעכטס און לינקס שטעהען ריעזען מיט שטיינערנע שטערענס און אַ ווייסער קרוין פון אייביגען שניי. זיי שווייגען. זיי טראַכטען אַנ׳אייביגען טיעפען געדאַנק. ווייט קוקען זיי — אַהין, אין דער וועלט אַריין, וואו עס הויבען זיך שטאָלץ זייערע ברידער. טורעמס פון שניי און זיילען און בריקען פון אייז האָבען זיך אויסגעצויגען צווישען זיי און גלאַנצען קאַלט און פרעמד. און ביי טאָג, ווען די זון דערוואַרימט די גרוי־ווייסע קעפּ, הויבט זיך אויף אַ לייכטער נעבעל פון די אייביג־קאַלטע פעלדער, און עס דאַכט זיך: אַ וויי־רויך געהט אַרויף פון אַ גרויסען מזבח.

איך בין געשטאַנען אַט אויבען און געקוקט אַראָב. די נשמה האָט געקלונגען, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ שטורם. אַוועק, איהר טריבע געדאַנקען, אַוועק חלומות פון טאָל. זעהט! ווי פריי איז די וועלט, ווי ווייט און גרויס איז דער הימעל. זעהט, ווי העל און ווייך איז דאָס ליכט פון דער זון. איך לעב! איך בין יונג, איך וויל לעבען, איך מוז לעבען! איך וועל עפענען די גאָלדענע טויערן, וואו דאָס גליק וואוינט, איך וועל אומאַרמען דאָס ליעבע, בלאָנד־לאָקיגע גליק און וועל עס צופּרעסען פעסט צו מיין האַרצען. איך וועל אויסבויען פון פעריל אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ, איך וועל איהם בעהענגען מיט די גירלאַנדען פון מיינע האָפנונגען, איך וועל איהם בעדעקען מיט די מעכטיגע פליגעל פון מיין וואונש און מיין שטרעבען,

און דאָס בלוט פון מיין האַרצען וועט דערוואַרימען די איינזאַמקייט, און רויטע בלומען פון ליידענשאַפט וועלען אויפעפענען זייערע בעטלערס, און שמאַכטען און לעכצען נאָך טוי...

לעבען דאַרף מען!...

ווען איך וואָלט נאָר געקענט לעבען... ווען איך וואָלט נאָר געקענט בלייבען אַליין... אָבער ניין! עפּעס ווי אַ שאָטען בעגלייט מיך שטענדיג, אומעטום, וואו איך וואַנדער. עפּעס ווי מיין צווילינג געהט מיר נאָך אויף יעדען שריט און טריט, וואָס איך טראַכט, און שמייכעלט. און ווען איך ווער אַנשווינגען, הויבט ער אָן צו רעדען...

ווען איך וואָלט נאָר געקענט בלייבען אַליין... בלייבען אַליין.

---

דינה שרייבט מיר:

„ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס עס טוט זיך ביי אונז! דאָס איז שוין מעהר נישט קיין קאַמפּף—דאָס איז פּשוט׳ער אונזין. דאָס ברענגט נישט קיין נוצען—דאָס שאַדט. צעהנדליגע, הונדערטע יונגע און פעהיגע מענשען גיבען אָב זייער לעבען: צו וואָס? געוועזען אַ מלחמה פון טיטאַנען, איצט זענען קאַרליקעס געבליבען. אָהן אַ פּלאַן, אָהן פערשטאַנד, אָהן אַ ציעל. אפילו שען איז דאָס ניט. עס דערוועקט נאָר רחמנות און... עקעל.”

אָט איז דאָס. אָט איז אַ פלאַסטער צו דער מכה. טרייסט זיך, מענש, זייער אַרבייט איז ניט נויטיג! עס איז געוואָרען אַנ׳איבעריגע זאַך. טיטאַנען זענען מעהר ניטאָ, זיי זשע צופרידען, זיי צופרידען—מעהר בלייבט דיר ניט גאַרניט.

טרייסט זיך מיט אָט דער קליינליכער טרייסט פון אַ טרוס; חאַפּ זיך אָן פאַר דעם פוילען בעוויז: ס׳איז מעהר שוין ניט נויטיג. און זאָג מיט אַנ׳עזות פון אַ גנב, וואָס האָט גוט בעהאַלטען זיין גנבה, זאָג: איך בין גלייך מיט אַלעמען, איך בין אויך אַ מענש צווישען מענשען...

מען וועט דיר גלויבען... דו אַליין וועסט אפשר אויך אָנהויבען גלויבען דעריין, ווען דו וועסט עס איבער׳חזרן עטליכע מאָל.

שורות נייע געדאַנקען הויבען זיך שוין אָן ציהען ביי מיר אין קאָפּ, איך האָב זיך שוין ניט איינמאָל געפרעגט: בין איך טאַקע

ערגער פון זיי? איך, מיט מיין שארפען געדאנק, מיט מיין רייכער געפליגעלטער פאנטאזיע, וועלכע קען אין איין רגע זיך אריבערטראגען פון דעם העכסטען שפיץ בארג אויף דעם צווייטען, איך, מיט דער שטראהלענדיגער, פיעלפארביגער מוזיק, וועלכע קלינגט אקארדענווייז אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה, אמאל שטיל און פערדומפען, אמאל ברויזענד און הילכענד מיט טויזענד טרומייטען? בין איך טאקי ערגער פון זיי? איך בין א מענש און קיין שום מענשליכע זאך אין דער פערגאנגענהייט און אין די היינטיגע צייטען איז ניט פרעמד מיין גייסט! און זיי? ווער זענען זיי? קליינינקע מענשעלעך אהן א שטארקען ווילען, וואס וואלט איינגעצוימט זייער אונרוהיג געמיט, אונוויסענדע, האלב-פערווילדעטע שטיף-קינדער פון דעם גרויסען קאמפף, וועלכע קענען ניט געוועלטיגען איבער זיך אליין. זיי טוען ניט דאס, וואס זיי ווילען, זיי לאזען זיך שטויסען, ווי פיה צו דער שחיטה. זענען זיי דאס די הארען פונ'ם לעבען?

גנבישע פייערלעך פון צופרידענהייט הויבען שוין אן אויפלייכטען ביי מיר אין דער זעעל. איך וויים — זיי וועלען אויסלעשען באלד, און א רויך און א .. אד וועט נאר בלייבען אין דער פוסטקייט, וואו זיי האבען געברענט. אט לעש איך זיי אוים מיט איין מאך פון דער האנד. אזוי וויל איך. אט פערשווינדען זיי, ווי די בלאנדזשענדיגע פייערלעך אויף א זומפ. אויף זייער ארט איז געבליבען—די שאנד.

פאלש בין איך ניט געוועזען ביז אהער—פאלש געגען זיך אליין. וועל איך דאס איצט נעהמען איינאטעמען די ריחות פון צופוילטע ביינער אויפ'ן בית-הקברות און וועל זאגען: דאס איז דער ריח פון די טענען-בוימער אויפ'ן בארג לבנון? וועל איך דאס טרינקען וואסער פון א פער'עפש'טער בלאטע און וועל האבען די שענדליכע עזות צו זאגען, אז דאס איז דער קוויקענדער וויין?

אוועק פון מיר, אוועק, איהר שענדליכע טרוימען! נאר בלייבען, בלייבען דאס וואס איך בין, נאר ניט איינשלאפען אויף א ווייכען צוקאפענס. איך לעב נאך, איך פיהל נאך, איך בין נאך איך.

איך וויל ניט, איך וויל גיט לאזען פערבלענדען די אויגען. נאר ניין! אומזיסטע מורא. איך קען זיך ניט לאזען פערפיהרען!

ער געהט מיר נאָך, מיין אייביגער שכן, ער איז דאָ, ער שטעהט צו מיין רעכטער האַנד. ער קוקט מיר אַריין אין דער נשמה מיט זיינע פוסטע אויגען־לעכער. ער פאָרעט זיך לאַנגזאַם אין מיין מח.

זיי געגריסט, מיין חבר, מיין פריינד. זיי געגריסט און גע־בענשט זאָל זיין דיין קאַלטע האַנד, וועלכע פרעסט צוזאַמען, ווי אייזערנע קלאַמערס, מיין גליהענדען מח, געבענשט זאָל זיין דיין ליידיגער קוק, וועלכער פליעט ווי די שוואַרצע נאַכט פון אַנ׳אַבגרונד.

זיי מיט מיר! פערלאָז מיך חאָטש דו ניט.

---

כ׳האָב געלייענט אין אַ צייטונג: „טעראָריסטען האָבען געוואָלט מאַכען אַנ׳אַנפאַל אויף דעם צירקעל. זיי זענען געפאַלען אויף אַ נייע המצאה. מען האָט געמאַכט אַזאַ מין ראָק, וועלכער איז געווען אינווייניג אויסגעלעגט מיט אויפרייסונגס־שטאָף. די קראַפט פון דער אויפרייסונג האָט געדאַרפט זיין איבערסט שטאַרק. איין טעראָריסט האָט געדאַרפט אָנטון דעם ראָק און אַזוי אַריינגעהן אין צירקעל. דאָרט האָט ער געדאַרפט פעראייניגען די דראָטען פון דעם ראָק מיט די דראָטען פון דער עלעקטרישער בעלייכטונג. די אויפרייסונג וואָלט געקענט רואינירען דעם גאַנצען בנין.“

ווייטער גאָרניט. איינפאַך, שוידערהאַפט איינפאַך און שוידער־האַפט לאָגיש: אַז שטאַרבען—טאָ שטאַרבען מיט חשבון. אַ מענש טוט אָן אַ ראָק און געהט זיך רוהיג אַריין אין צירקעל. ער פער־אייניגט די דראָטען, אַנ׳אויפרייס קומט. דער מענש ווערט צוריסען אויף טויזענדער שטיקלעך. מיט איהם צוזאַמען ווערט חרוב דער בנין.

וואָס טראַכט ער זיך, ווען ער געהט אין גאַס מיט אַזאַ מין ראָק? וואָס פיהלט ער אין דער מינוט, ווען ער ציהט אויס זיינע הענד נאָך דעם דראָט? וואָס איז ער: אַ וואַהנזיניגער צי דער איי־דעלסטער טיפ פון אַ מענשען? צי ביידע צוזאַמען? וואו איז די שענקייט, וואָס מאַכט פון אַ מענשען אַ גאָט: ביי מיר צי ביי איהם?

---

איהר, נביאים פון קאַמפף און בעפרייאונג, איהר, וואָס רופט צו מלחמה אויף לעבען און טויט, צי פרובט איהר אַמאָל זיך

אַראָבלאָזען טיעף אויפ'ן דעק פון דער אייגענער זעעל, צי פרובט איהר אַ ריהר געבען דאָרט די אין טונקעלע שאָטענס פערוויקעלטע שפּיציגע שטיינער אין פוילענדע גיעריגע זומפּען?

איהר, פון גאָט געזאַלבטע קינסטלער, איהר וואָס צויבערט און זינגט און בעגריסט די אין שטאָל און אייזען געקאָוועטע מעכטיגע העלדען—די העלדען פון גרויזאַמער לײדענשאַפט, גרויסע געפּעלטען און הערליכע זיעגען,—צי הערט איהר אַמאָל דעם בעהאַלטענעם שוידער, וואָס גליטשט דורך די סטרונעס פון האַרצען און אָטעמט אויף אייך מיט אַ קעלט פון אַ פוילענדער פייכטקייט?

איהר, וואָס רעדט און בעגריסט און פערהערליכט דעם איידעלען טויט און דעם גרעסטען, דעם איינציגען קרבן,—צי האָט איהר אַריינגעקוקט ווען אין די לײדיגע אויגען פון יענעם—דעם שרעקליכען „עטוואָס", וואָס שטעהט נעבען אייך אָהן בעוועגונג און פרעגט מיט די שווייגענדע, אייזקאַלטע אויגען?— די אויגען, זיי האָבען געשוועבט ערגיץ דאָרט, וואו אויף פעך-שוואַרצע וואַסערן לויערט אַ פינסטערע מאַכט אָהן אַ שיין און עס פּאַכען און וויעגען זיך שוואַרצע אונענדליכע פליגעל און גלעטען דאָס פּנים מיט קעלט.

איהר, נאָך יונגע און זילבערע מענשען, איהר, וואָס טרעט ערשט אַרויס אויף דעם וועג. אייער פוס איז געפליגעלט, און שטאָלץ איז דער בליק, און דאָס האַרץ—אַך, ווי עס קלאַפּט און עס זינגט און עס וואַקסט אין דער ברוסט! איהר געזונטע און זילבערע מענשען, צי ווייסט איהר, ווי עס קריכען און גליטשען זיך ווערים—בלינדע, לאַנגע און קאַלטע און גליטשיגע ווערים! צי האָט איהר געפיהלט, ווי זיי נאָגען, צי וועט איהר דאָס פיהלען?...

---

בײ די טייכען פון בבל איז געזעסען דער נביא און בעוויינט זיין לאַנד. וואָס עס האָבען חרוב געמאַכט פרעמדע. אויף די ווערבעס ביים טייך האָט ער אויפגעהאָנגען זיין האַרפּע. ווי זאָל איך בעוויינען דעם חורבן פון מיין אייגענע נשמה,— מיין איינציגעס רייכטום, מיין איינציגעס פאָטערלאַנד? און וועמעס האַרצען וועט געפינען אַנ'אָבקלאַנג מיין צובראָכענע האַרפּע?

מיינע פריינד פון דערוויטענס—איהר, וואָס שטעהט צווישען

פלאַמען—צי וועט איהר פערשטעהען מיין וואָרט?
איך שטעה פון דערווייטענס. איך קען ניט. אייער פלוג וואָלט געוועזן נאָך אַ טרייסט. אייער צאָרן—אַ שטראַהל פון נחמה. אייער גלייכגילטיג שווייגען, אייער רוהיג פעראַכטען—דאָ ליעגט מיין טויט־שטראָף...

---

איך וועל שטאַרבען. איך ווייס דאָס שוין לאַנג. ביסלעכווייז איז דאָס אויסגעוואַקסען אין מיין נשמה. ניט גיך וועט עס קומען—אָבער עס וועט קומען.
איך וועל מאַכען אַ סוף.
פייער־צונגען הויבען זיך פון דאָרט, וואו עס שטעהען מיינע ברידער; פייער־צונגען לעקען דעם הימעל און וואַרפען אַ רויטען גלאַנץ. רויט איז געוואָרען די ערד און די גראָזען און די בוימער, און שרעק האָבען די הייזער זיך צוגעטוליעט, צוגעפאַלען צו דער ערד. פייער־צונגען ציהען זיך ווייטער און ווייטער, און שכור'ע מיט רויטע, אָנגעזאָפּטע שאָטענס ציטערן און יאָגען זיך אין טאַנץ.
גלעקער קלינגען. מעשענע פיילען שיסען דורך די רויטע וועלט און טאַנצען און ווירבלען און הויבען זיך צום הימעל און פאַלען און צושיטען זיך אַרום און אַרום. פון זיי ווערט נאָך ליכטיגער די נאַכט.
מענשען שרייען. מענשען איילען מחנות־ווייז, און דעם רויטען פייער טראָגען זיי אין זייערע אויגען, און די רויטע שאָטענס פלאַטערן אַרום זייערע קעפּ, און עס קלינגען און זינגען און רוישען און ברוזען זייערע שטימען, זיי איילען.
אין העט ווייט, וואו די מדבר הויבט זיך אָן, וואו די פייער־צונגען קענען שוין מעהר ניט דערלאַנגען, לויפט ער—דער פערעטער—ער לויפט געשווינד ווייטער און ווייטער פון די מחנות פון זיינע ברידער. ווייטער און ווייטער, שנעל און שנעלער אַהין צום מדבר.
אין מיטען מדבר—אַ בוים. אויף דעם בוים וועט זיך אויפהענגען דער פעררעטער.

איך וועל מאכען א סוף. איך אליין.
נעבען מיר וועט שטעהן מיין אייביגער שכן און לאכען.
נארישער מענש! פאר'ן טויט האסטו מורא — דעריבער אנטלויפסטו צום טויט?
בײ מיין קבר וועט ער שטעהן מיט אויסגעשטשירעטע צייהנער און לאכען, און לאכען...

# מיין יאָה צייט.

שניי און שניי. א ווייסע וועלט.

שטערענדלעך בליצען. שטערנדלעך קאַלטע. דאַכט זיך, די נאַכט אזוי פינסטער—פינקעלט דער שניי.

שטיל איז. לעבט נאָך דען עמיצער? זינגען דען מענשען היינטיגע נאַכט.

אויף די בוימער ריהרט זיך ניט קיין צווייגעלע. אָנגעבויגען הענגען אלע צווייגעלעך, אָבהענגדיג, בעדעקט מיט שניי. יעדעם בוי־מעלע באָדט זיך אין דעם קאַלטען שטערען־שיין, יעדעם בוימעלע בעהאַלט אין זיך אַ שטילען סוד.

וואָס טראַכט איהר, יונגע בוימעלעך? וואָס חלומ'ט זיך אייך אונטער דעם ווייסען דעק?

גלויבט איהר טאַקי: ס'איז מאַי געווען? גלויבט איהר: דער מאַלאָוויי האָט געוואוינט בײ אייך, געזונגען אין די שטילע לבנה־נעכט?

קאַלט. קליין זענען די שטערנדלעך. קאַלט איז זייער שאַרפער קוק. שטעכענדיג דער ווייסער שטראַהל. ענג צונויפגעפרעסט די וועלט. שטיל איז זי. פערשטיקט. שניי און שניי. קאַלטער שניי. טויטער שניי.

וויל איך ניט. וואָרים זאָל זיין! ליכטיג זאָל זיין!

רוף איך מיין וואונדערלאַנד. ציה עס אַרויס פון דעם תהום. קום, מיין לאַנד, קום מיין זיסע וועלט.

לייכטען העלע זונען אויף מיין בלויען הימעל. לאַכען זיי. שמייכלען, פערקוקען אַראָפּ.

נויגט זיך אַ בוימעלע צו אַ בוימעלע, שושקען זיך, סוד'ען זיך, קוקען אין פענסטער.

גליהט דאָס פענסטער אין גאָלדענעם ליכט, גליהט עס און פינקעלט און שײַנט. שטעהט בײַם פענסטער מײַן רבקה'לע, מײַן קליין שוועסטערל, מײַן קלײנינקע יונגינקע מײדעלע.

רבקה'לע! וואָס פאַר אַ געדאַנקען אין דײַן בלאָנדען קאָפּ? וואָס פאַר אַ חלומות אין דײַנע יונגע אויגען? וואָס זוכסטו, מײַן קינד? וואָס לאַכסטו ניט, קינד? ביזט דאָך אַזוי יונג.

זאָגט מיר מײַן רבקה'לע: „קען מען דען, ברודער, לאַכען אַצינד? קען מען דען פרעהען זיך? דאַרף דען אַ יונגע נשמה ניט פליהען?"

קוקט מײַן רבקה'לע אַזוי טרויעריג, פערטראַכט, טיעף, טיעף אַראָב, אין דעם גרונד פון דער וועלט.

רוף איך זי: „רבקה'לע! זעה, ווי עס לײַכט אונז די זון!"

ענטפערט זי: „ס'גליטשט זיך דער זונען־שטראַהל איבער ערדען און וועלטען, ס'גלעט דער זונען־שטראַהל קברים. מצבות. ס'קושט דער זונען־שטראַהל מתים, מתים. זעה, ווי גרויס עס איז דאָס מתים־פעלד".

ליעגט אַ שמערץ אין די קגײטשען אַרום רבקה'לעס ליפּען. קוקט די נאַכט אַרויס פון איהרע אויגען.

„רבקה'לע! קום. איך וועל דיך פיהרען איבער שענע פעלדער, צווישען בליהענדע גערטנער".

ענטפערט רבקה'לע מיט אַ ווײַט קול: „הינטער די פעלדער שטעהט די פאַבריק. דורך די גערטנער געהען שווינדזיכטיגע שפּאַצירען. שפּײַט די פאַבריק אַ שוואַרצען רויך. שפּײַען די קראַנקע מיט בלוט. גיסט זיך בלוט אויף דער ערד, בלוט..."

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

יעדען אָוועגד געהט מײַן רבקה'לע אַוועק. יעדען אָוועגד טוט זי אָן אַ שוואַרץ קלייד — און פערשווינדט. אַ בלײַכע קומט זי צוריק. דער פּנים — אַ קראַנקער, אָהן בלוט. און די אויגען זענען אַזוי טונקעל — אַזש שוואַרץ. אײנמאָל האָב איך אַ טרעהר אין אַ ווינקעל פון איהר אויג געזעהען.

„רבקה'לע, וויינסט?"

פערבײַסט זי די ליפּ. רויטע ליפּען — ווי וואונדען — האָט זי

געהאַט, ענטפערט ניט. שווייגט קוקט אַראָב.

נעהם איך אַרום איהר בלאָנדען קאָפּ. קוק איהר אַריין אין די אויגען, קוש איהר דעם ווייסען שטערן.

פאַלט זי צו מיט׳ן קאָפּ צו מיין ברוסט. גלעט מיט ציטערדיגע פינגערלעך מיין האַנד. הייסע שווערע טראָפּען פאַלען פון איהרע אויגען, בריהען מיך, דריקען מיין האַרץ.

„קוש מיך ניט, ברודער! יענע האָבען ניט, ווער ס׳זאָל אויס־קושען זייער טרעהר...“

קוקען די בוימער אין פענסטער. שאָקלען זיך, וויעגען זיך, הערען זיך איין.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„ברודער! איך געה. אין פאַבריק וויל איך זיין. מיט אַלע גלייך, דאָרט איז מיין אָרט. צווישען זיי“.

אין שטאָל איז מיין רבקה׳לעס הערצעל געשמידט. זילבער און פעסט איז איהר בליק. וואָס־זשע ציטערט אַזוי דאָס צאַרטע פּנים? וואָס גליטשט איבער איהם דער פערביסענער צער?

זיי געזונד, מיין שוועסטערל! זיי שטאַרק.

* *

*

שטערנדלעך פינקלען. קאַלטע און בייזע. נאַס איז די ערד. שטיינערנע מויערן רוישען און ברומען. האַמערס קראַכען, קרעכצען. די פאַרע זיפּצט.

שטיקער פינסטערניש. אומגעלומפּערטע, צובראָכענע, קאַפּוירע, פונקען פליהען. אַ נאַסע חשכ׳דיגע צורודערטע וועלט.

וואָס־זשע קריכט איהר דאָרט אַרום אין דער פינסטער? ווערימ־לעך קליינע צוטראָטענע...

שטעהט מיין רבקה׳לע נעבען מיר. אָטעמט שנעל. קוקט זיך אַרום. „זעה, ברודער, איך אַרבייט“.

שטרעקט זי מיר אויס איהרע הענטלעך. דאַרינקע, שוואַרצע, פערשמוצטע. נעהם איך זיי: ווי הייס זענען דיינע פינגערלעך, קינד!

לויפט זי אַוועק: „איך מוז. ער וועט שרייען. ניטאָ קיין צייט. זעה — דאָרט מיינע חבר׳טעס“.

זיפצט די פאַבריק. הודזשעט און ברומט. אָטעמט צום הימעל מיט זודיגען שווייס. שפּרייטען זיך וואָלקענס פון רויך, פאַלען אַראָב, בעדעקען די ערד. שוואַרץ.

רווישט די פאַבריק. גליהט דאָרט אַ פענסטער. שטעהט מיין רבקה'לע אין דער הייסער לופט. זעה איך, ווי ס'וויעגט זיך די שווערע לופט און דריקט אויף איהר קאָפּ

זיי געזונד.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

רוויש ניט, וואַלד. שטילער, שאַ, זאָג ניט אויס. שאַ.

זעה מיר זענען געקומען צו דיר. מיר האָבען געבראַכט אונזער לייד, אונזערע שווערע הערצער, אונזערע יונגע פערוואָגעלטע יאָהרען. שאַ, זאָג ניט אויס. אַלצדינג וועלען מיר דערצעהלען. אפשר וועלען מיר געפינען אַן עצה.

זיי זשע שטיל. דער שונא איז נאָהענט. פערבאָרג אונז אין דיינע מעכטיגע אָרעמס.

...„וואָס זיצסט דו ניט, רבקה?"

ענטפערט רבקה'לע: „מיין פרייד לאָזט ניט. עס שטיקט מיך מיין פרייד. טאַנצען וויל איך, זינגען. פלאַצען וויל מיין האַרץ. זעה, זיי זענען אַלע געקומען. זעה: מיינע ליעבע טייערע, גוטינקע שוועסטער, אַלע זענען זיי געקומען. טייערינקע..."

קלינגט איהר קול'עכעל, ווי אַ זילבערן גלעקעל. ס'פאַלען די דאַרינקע הענטעלעך. ס'הויבט זיך און פאַלט די ברוסט. הער איך, ווי ס'טיאַקעט איהר הערצעל.

רווישט און ברומט דער אַלטער וואַלד. מישט זיך זיין ברום מיט איהר זילבערנעם קול'עכעל, פלעכט ער איהר שטים אַריין אין זיין טונקעלען כאָר. זינגען די בוימער אַ טיעפען געזאַנג, ענטפערט זיי רבקה'לע. קוקען די שטערען אַראָב דורך די נאַקעטע צווייגען.

די הערבסט-נאַכט נעהמט אַריין דעם פייכטען וואַלד אין איהר שויס, רוקט זיך צו, טוליעט זיך צו, פערבאָרגט זיי אין דעם אוצר פון איהרע סודות.

שווייגט! דער שונא איז נאָהענט. שטיל מיינע שוועסטער! אָט געהט ער.

ס'קנאַלט אַ שאָס. רייסט ער די נאַכט. ציטערט דער וואַלד, ענטפערט מיט גרימצאָרן. לויפען די מיידלעך, איילען, ווי שאָטענס.

דער וואַלד איז צובייזערט. רעדט מיט'ן ווינט. קלאָגט דער ווינט און יאָמערט.

ליעגט מיין רבקה'לע אויף דער ערד. צוגעפּרעסט די ברוסט צו די פערוועלקטע בלעטער. גיסט זיך איהר בלוט אויף די בלעטער, וואַרימט די ערד.

„רבקה'לע! קינד מיינס".

לעגט זיך איהר קאָפּ אויף מיין שויס. נעהמט מיך אַרום מיט די דאַרינקע הענטלעך. קושט מיינע ליפּען.

„טייערער! גליקליך בין איך"...

שלאָף, מיין קינד! שלאָף.

* *

*

שניי און שניי. אַ ווייסע וועלט. די בוימער ריהרען ניט קיין צווייג. שטערנדלעך פונקלען. קאַלטע און שאַרפע.

לאָמיך געהען, שוין צייט. באַלד האַלבע נאַכט.

אָט איז דער קבר.

רבקה'לע! פרישע בלומען האָב איך דיר געבראַכט. רויטע בלומען. רבקה'לע! קאַלט איז דער שניי, אָבער וואַרים און לעבעדיג אונזערע הערצער.

שלאָף מיין קינד! אויף דיין קבר קניהט דיין ברודער, קושט דעם שטיין דעם קאַלטען, קושט די רויטע בלומען, וויינט אין הארצען—טרערען זאָלען ניט פליסען.

רבקה'לע! אַלע יאָהר וועל איך קומען צו דיין קבר האַלבע נאַכט. כ'וועל דיר, קינד, דערצעהלען, וואָס עס טוען דיינע ברידער אין דער ווייטער וועלט. כ'וועל אַ גרוס פון דיר זיי ברייגנען, כ'וועל זיי זאָגען: לעבט!

שלאָף, מיין קינד! הייס איז דאָס בלוט פון אונזער הארצען און פעסט אונזער האַנד און שווער איז דאָס ליעד פון נקמה. הער, ווי עס קלינגט.